STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04317

GESHTALTEN

Abraham Reisen

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

:::: אברהם רייזען ::::

שריפטען.

פינפטער באנד.

געשטאלטען.

פערלאג „פראָגרעס",

פערקויף ביי געזעלש. צענטראל".

װארשא, תרע"ד.

Печ. въ Тип. Г. Пимента и Я. Швабе, Варшава
Шераковская 4. — 1914 г.

I.

פערמאכט.

לייבעלע איז א יונגעל פון צעהן יאהר. ער האט בלאסע בעקע־לעך, שווארצע, פייכטליכע פערחלומ'טע אויגעלעך. זיינע שווארצע הערעלעך פאלען אראב אין קליינע געקרייזעלטע לאקענדליך, — פערשטעהט זיך נאר דאן זעהען זיך די לאקענדליך, ווען דאס היטעלע זיינס פאלט ארונטער פון זיין קעפעלע — אזוי איז לייבעלע א פרום יונגעלע און וועט דאס היטעלע קיינמאל נישט אויסטהון...

לייבעלע האט ליעב א סך זאכען און האט זיי קיינמאל ניט, אדער ער האט זיי ניט אין גאנצען און דערפאר זענען טאקי זיינע אויגעלעך שטענדיג פער'חלומ'ט, פערזארגט און א בענקעניש שווימט אין זיי שטענדיג אום.

ער האט ליעב דעם זומער — זיצט ער אבער א גאנצען טאג אין חדר. ער האט ליעב די זון, — פערהענגט דער רבי שטענדיג די פענסטער מיט זיין קאפאטע און אין חדר ווערט פינסטער, אזש ס'פאלט אן א שווערע דריקעניש. לייבעלע האט ליעב די לבנה, די נאכט, — פערמאכט מען ביי זיי אין שטוב די לאדען און ער פיהלט זיך אויף זיין געלעגער'ל, ווי לעבעדיג בעגראבען...

און לייבעלע קאן נישט פערשטעהן, ווי אזוי די וועלט פיהרט זיך עפעס מאדנע. דאכט זיך, אז די זון לייכט אין פענסטער, קלערט ער, איז א מחיה; עס איז אזוי גוט און פרעהליך, — נעמט דער רבי און פערשטעלט זי, — ניטא קיין זון!... ווען לייבעלע וואלט א העזה געהאט, וואלט ער אזוי וועלען פרעגען: וואס ארט אייך, רבי, אז די זון לייכט אין פענסטער? זי שאדט אייך דען?..

נאר לייבעלע וועט עס קיינמאל ניט פרעגען — דער רבי איז אזא גרויסער ייד און אזא קלוגער ייד, מסתמא פערשטעהט ער דאך — אי, פאר וואס דאכט זיך איהם, לייבעלען, אז עס איז ניט גוט, מסתמא איז ער נאך א קליינער — אז ער וועט ווערען א גרויסער, וועט ער אפשר אליין פערהענגען די פענסטער. אבער ווי די מעשה איז — ניט גוט איז לייבעלען און ער פיהלט זיך שטענדיג ווי א בעליידיגטער פון עלטערע מענשען...

פאר נאכט געהט ער פון חדר אהיים. די זון איז שוין פערגאנגען. זיין גאס איז פרעהליך און לעבעדיג, די שווארצע זשוקעס הודזשען און פליהענדיג טרעפען זיי איהם אין נאז, אין אויער, אין שטערן. ער וואלט וועלען א ביסעל שפיעלען אין גאס, לאזען אין דער היים די גאנצע וועטשערע, האט ער אבער מורא פאר'ן טאטען. דער טאטע איז אפילו א גוטער, אז ער רעדט מיט פרעמדע מענשען איז ער אזוי ווייך, אזוי גוט, אזוי צוגעלאזען, — אבער צו איהם, צו לייבעלען, איז ער זעהר שלעכט, שטענדיג שרייט ער אויף איהם און זאל ער קומען אמאל פון חדר מיט עטליכע מינוט שפעטער, וועט ער זיך באלד צובייזערן:

— וואו ביזטו דאס געווען, שענער מענש? האסט עפיס געשעפטען?..

היינט געה, דערצעהל דעם טאטען, אז אויפ'ן גאס איז איינטער גאר ניט שלעכט, אז ער האט ליעב ווי די זשוקעס הודזשען. ס'איז א מחיה צו הערען, אז אפילו דער קלאפ זייערער, וואס זיי גיבען פערביי־פליהענדיג איז אויך זעהר פריינדליך און מעשה־חבר!..

עס איז דאך טאקי א ווילדע נארישקייט. באשר ע, לייבעלע, איז א קליינער, געפעלט עס איהם, האט ער נחת דערפון — דער טאטע איז דאך אבער א גרויסער ייד, וואס האנדעלט מיט ווייץ און מיט קארן און וויים אלע מאל דעם מקח, ווען עס איז טייערער, ווען עס איז וועלוועלער, דער טאטע קען רעדען גוט אויף גויעש און קען זיך דינגען, דער טאטע פערשטעהט אויף דער „פריסישער וואג", — א קלייניקייט דער טאטע! היינט געה דערצעהל אט דעם טאטען, אז אויפ'ן גאס איז איצט אזוי גוט...

און לייבעלע איילט זיך גלייך פון חדר אהיים. אז ער קומט אהיים פרעגט איהם דער טאטע וויפיעל קאפיטלעך תנ"ך ער האט

אָבגעלערנט און אַז ער ענטפערט: פינף — שווייגט דער טאַטע און זינגט אונטער אַ ניגונדל, נישט קוקענדיג איהם אין פנים אַריין. טאָמער ענטפערט ער: דריי, ווערט דער טאַטע בייז און פרעגט:

— וואָס איז די מעשה וואָס אַזוי וועניג? האַ? און לייבעלע שווייגט און פיהלט זיך שולדיג קעגען טאַטען.

נאָך דעם פרעגט דער טאַטע ביי איהם עפּעס אַ טייטש וואָרט:

— סטייטש: כמלונה?

— כמלונה — ווי אַנ׳איבערנעכטיגונג — ענטפערט לייבעלע דערשראָקען.

דער טאַטע שווייגט — אַ סימן אַז ער איז צופרידען. מען זעצט זיך צום טיש עסען וועטשערע. דער טאַטע קוקט די גאַנצע צייט אויף לייבעלען און לערנט איהם ווי צו עסען.

— ווי האַלסטו די לעפעל? בעמערקט ער טרוקען. און לייבעלע נעמט די לעפעל נידריגער און דאָס עסען געהט איהם ניט איין.

נאָכ׳ן עסען מוז לייבעלע בענטשען הויך און זאָגען עברי, ווי עס דאַרף צו זיין. טאָמער פערשלינגט ער אַ וואָרט, צושרייט זיך דער טאַטע:

— ווי האָסטו געזאָגט? ווי? נאָך אַמאָל: שאתה זן ומפרנס אותנו... נו, זאָג — חאַפּ ניט, פליה ניט — עס ברענט ניט...

און לייבעלע זאָגט נאָך אַמאָל. חאָטש ער איילט זיך זעהר, חאָטש ער וואָלט וועלען זעהר פליהען אויפ׳ן גאַס, חאָטש עס ברענט איהם זעהר, זעהר...

אַז עס ווערט פינסטער, דאַווענט ער מעריב שוין פאַר׳ן לאָמפּ, דער טאַטע חאַפּט איהם אַלע ווײַלע ביי אַ גרייז, און לייבעלען קומט זעהר שווער אָן צו איינהיטען זיך. די לבנה, ריין און קיילעכדיג, שווימט אויפ׳ן הימעל און לייבעלע דאַווענט און קוקט אויף איהר און עס ציהט איהם אַזוי אויפ׳ן גאַס, און ער טומעלט זיך אין דאַווענען...

נאָך מעריב חאַפּט ער זיך אַרויס אויפ׳ן גאַס, אויסקלערענדיג עפּעס אַ תירוץ. ער זוימט זיך אַביסעל און קוקט דערווייל אויף דער לבנה, וועלכע בעשיט מיט בלייכע שטראַהלען די גאַס. בפּלד אָבער דערהערט ער דעם טאַטענס קול:

— אין שטוב אַריין שלאָפען!..

אויפ'ן גאַס איז וואַרעם, קיין מינדסט־ווינטעלע בלאָזט ניט, נאָר לייבעלען דאַכט זיך, אַז עס איז פֿון טאַטענס ווערטער ווי אַ ווינט דורכגעפֿלויגען. עס איז איהם מאָדנע קאַלט געוואָרען, און ווי אַ דערפֿראָרענער געהט ער אַריין אין שטוב, שטעלט זיך בײַם פֿענסטער און קוקט, קוקט אויף דער לבנה...

— נו, מען דאַרף געהן צומאַכען די לאָדען, ניטאָ וואָס צו זיצען! דערהערט לייבעלע דעם טאַטענס קול און אַנ'אימה בעפֿאַלט איהם.

און אָט געהט אַרויס דער טאַטע. לייבעלע דערהערט, ווי די לאָדען קלאַפּען, עקשנען זיך, ווי זיי וואָלטען זיך געגען זייער ווילען פֿערמאַכען. און באַלד דערהערט זיך אַ שטאַרקער קלאַפּ — ניטאָ קיין לבנה!..

דער טאַטע האָט זי בעהאַלטען!..

און אַ ווײַלע שפּעטער ווערט דער לאָמפּ אויסגעלאָשען, אין שטוב איז פֿינסטער, אַלע שלאָפֿען שוין. לייבעלע אָבער, וועלכער שלאָפֿט גראָד בײַם פֿענסטער, קען ניט אײַנשלאָפֿען, ער וואָלט נאָך וועלען שפּיעלען זיך אויפ'ן גאַס, פֿון וואַנען עס דערטראָגען זיך דורך די שפּאַלטען קלאַנגען..., ער פּרובט זיך זעצען, אײַנקוקען זיך דורך די שפּאַלטען און טאַקי אַ פּרוב טהון אויפֿעפֿענען שטילערהייט אַ לאָדען און קוקען, קוקען... עס גיט זיך אָבער איהם ניט אײַן. דער טאַטע חאַפּט זיך גראָד אויף און ברומט:

— וואָס פֿאָרקעסטו זיך דאָרטען, האַ?.. ווילסט איך זאָל אַראָבנעהן מיט'ן „פּאַס" און צוקאַטעווען דיך?!..

און לייבעלע נורעט זיך אײַן שטיל אין קישעלע, דעקט זיך איבער מיט דער קאָלדרע איבער'ן קאָפּ און איהם דאַכט זיך, אַז ער איז לעבעדיג בעגראָבען...

II.

אַ יִדִישׁ הַאֲרָץ.

נאָך יונגעלוויז האָט בעריל גענואוסט דעם חשבון פון זיינע יִדען: צוועלף מיליאָן! אַזוי פלעגט ער זעהן שוואַרץ אויף ווייס אין דעם לוח. אין איין לוח איז אַפילו אַמאָל געווען נישט מעהר, ווי אַכט מיליאָן מיט עפּיס, נאָר בעריל האָט אין דעם דאָזיגען לוח ניט געגלויבט. פערקעהרט, ער איז געווען זיכער, אַז עס איז נאָך דאָ מעהר ווי צוועלף מיליאָן, וואָרום, ווי אַזוי קאָן מען דאָס אינגאַנצען איבערצעהלען! אָט איז זייער מיידעלע, דינה'לע, שוין דריי יאָהר אַלט און זי איז נאָך ניט פערשריעבען — הערט ער אָפט ווי די מאַמע דערמאַנט דעם טאַטען. און וויפיעל אַזוינע דינה'לעך זענען נאָך דאָ אויף דער וועלט. נאָר ס'אַ דאגה! צוועלף מיליאָן קלעקט איהם אויך. וויפיעל איז דער שיעור! אמת, גאָט האָט די יִדען געבענטשט זיי זאָלען זיין, ווי די זאַמד ביי'ן ברעג ים, נאָר דאָס איז נאָר אַ משל, אין תנ"ך זענען דאָ אַ סך משלים.

און אָט די צוועלף מיליאָן יִדען האָט בעריל דאָס יונגעל ליעב מיט'ן גאַנצען האַרצען. עס פערדריסט איהם נאָר, וואָס זיי זענען ניט אויף איין אָרט. אָט ווען ער זאָל האָבען אַלע צוועלף מיליאָן יִדען אויף איין אָרט, וואָלט געווען אַ גוטע זאַך! נאָר בעריל טרייסט זיך מיט דעם געדאַנק, אַז גאָט האָט אַליין געזאָגט, אַז ער וועט זיי צושפּרייטען אין דער גאַנצער וועלט, און דערנאָכדעם וועט ער זיי אויפקלויבען אַלע צוזאַמען. עס איז שוין אַפילו צו לאַנג, אַז ער האָט זיי פערשפּרייט, שוין צייט אויפצוקלויבען, נאָר ווי באַלד, אַז צושפּרייט האָט ער זיי, וועט ער זיי אַמאָל אויפקלויבען אויך. קיין ליגנער, ווייס בעריל, איז גאָט נישט. והא ראיה,

ער האָט צוגעזאָגט, אַז יודען וועלען זיין אין גלות און זיי זענען טאַקי אין גלות. זעהט מען דאָך, אַז עפּיס איז ער יאָ מקיים...

און צוריק רעדענדיג האָט בעריל געצוג יודען אויף איין אָרט אויך. „ברוסיא, אין רוסלאַנד, לעזט ער אין לוח 5,000000!"
ער צעהלט איבער די נולען, צי האָט ער קיין טעות ניט און עס איז ריכטיג זעקס נולען מיט אַ 5! פערמאָגט ער, הייסט עס, אין רוסלאַנד אַליין פינף מיליאָן! אויף איין אָרט! מיט אַזוי פיעל יידען קאָן ער שוין אויך עפּיס מאַכען אַ תכלית. רוסלאַנד איז אַפילו אויך גלות, פאַרהאַן אַסך גזרות אויף יידען, פון דעסטוועגען גאָר שלעכט איז ניט. יידישע קינדער געהען אין חדרים, האָבען אייגענע בתי-מדרשים, רבנים מען לאָזט קינדער מל זיין, חופּה שטעלען. ניט צו פערזינדיגען. אין רוים, אין יון, איז ערגער געווען, וויים בעריל אַ ביסעל פון גמרא און אַ ביסעל פון „דברי ימי עולם" אין וועלכען ער קוקט אַמאָל אַריין, בשעת דער טאַטע איז ניטא אין דער היים. אַי, וואָס דאָ ניט לאַנג איז אַרויס אַ גזרה, אַז יידען טאָרען קיין שענקען ניט האַלטען, איז ניט אַזאַ בייז: וועלען זיי האַלטען קראָמען, טרייסט זיך בעריל. פון אַ קראָם קאָן מען אויך האָבען פּרנסה. אָדער זיי וועלען האַנדלען מיט תבואה. אַבי יידען זיין לאָזט מען... און דאָס איז ביי דעם דרייצעהנ-פיערצענ-יעה-ריגען בערלען דער עיקר.

שפּעטער, אַז בעריל ווערט עלטער און הויבט אָן צו לייענען ביכלעך, ווערט ער אויך חלילה ניט אויס ייד! ביי איהם בייט זיך נאָר דער קוק אויף קלייניגקייטען. מיט די צוועלף מיליאָן יידען איז ער אויך איצטער שטאָלץ. נאָר וואָס דען? די יידען פון אויסלאַנד שפּיעלען שוין ביי איהם אויך אַ גרויסע ראָליע. מענדעלסאָן איז אַ גרויסער פילאָזאָף און אַ ייד, האָט וכוחים מיט גרויסע גלחים און איז זיי מנצח... נאָכדעם דערוויסט ער זיך, אַז דער גרויסער משורר היינע איז געווען אַ ייד. פון היינען האָט ער אַפילו עגמת-נפש: ער האָט זיך גע'שמד'ט — אַנ'עולה, אַ גרויסע עולה! נאָר ער לייענט וועגען איהם שוואַרץ אויף וויים, אַז ער איז געשטאָרבען אַ ייד און פאַר'ן טויט האָט ער אויסגעשריען: שמע ישראל! און בעריל גלויבט און איז מוחל.

און אויב פון היינען האָט ער אַ ביסעל עגמת-נפש וויים ער

אבער, אז מעערבער, דער גרעסטער קאמפאזיטאר אין דער וועלט, איז געשטארבען א ייד און ליעגט אויפ'ן יידישען בית-עולם...

היינט די ראטשילדען, ביי וועמען קיסרים לייהען געלד! און אזוינע יידען! איין ראטשילד, וויים בעריל, זיצט יום ולילה און לערנט. און האט בעריל איז שוין א שטיקעל משכיל און האלט, אז אויסער גמרא איז פארהאן נאך עפּיס חכמות אויף דער וועלט, פון דעסטוועגען איז ער שטארק צופריעדען, וואס עס איז דא א ראטשילד, וואס זיצט און לערנט. פאר'ן כלל ישראל איז דאס געזונדטער... ווארום בעריל פיהלט, אז מען האט צופיעל געלד איז זעהר א שווערע זאך צו בלייבען ביי יידישקייט...

און אויסער די דאזיגע יידען, וויים בעריל פון נאך א סך גרויסע מענשען-יידען! צייטענווייז האט ער א טעות און רעכענט אריין בערידהמטע קריסטען אין יידישען צעטיל. אזוי למשל, האט ער א לאנגע צייט געהאלטען לעסינג'ען פאר א ייד און האט זיך אפילו געוואטען אין צוויי פעטש. סטייטש, האט ער גע'טענה'ט: אפרים לעסינג!.. אפרים! עס פערשטעהט זיך, אז דעם געוועט האט ער פערשפיעלט, ד. ה. ער האט בעקומען צוויי פעטש, נאר פון דעסטוועגען איז ער געווען צופריעדען, וואס אזא גרויסער מענש, ווי לעסינג איז, האט א יידישען נאמען. צוליעב דעם יידישען נאמען האט ער אויך אמאל זיך טועה געווען און האט געהאלטען פראנקלין דעם אמעריקאנער פאר א יידען. בנימין פראנקלין! אמת, געוואטען האט ער זיך שוין ניט. ער האט זיך נאר אזוי געשפארט. אויף עדיסאן האט ער אויך געווארפען אנ'אויג. אזא קאפ! אזא גרויסער ערפינדער און די פאמיליע איז א יידישע. עס האט איהם אבער ניט געגלאטען! איז וואס? ווערט ער אויך ניט נתפעל! ער האט גענוג יידען, גרויסע לייט!

שפעטער האט בעריל נחת פון ד"ר הערצל. נאך א יידישען קיסר האט בעריל שטענדיג געבענקט, און ניט איין מאל פלעגט ער בלעטערן אין תנ"ך פון ראשונים ביז מלכים. „וימת —— וימלך"... א סך מלכים זענען ביי יודען געווען! היינט איינער ניטא! און ד"ר הערצל איז ביי בערלען געווען פעררעכענט, אויב ניט פאר א קיסר, וועניגסטענס פאר א שופט. וישפוט את ישראל און ער האט געמשפט די יודען. זאל דאכטען, אז ער לעבט אין דער צייט

פון די שופטים... און בעריל האט זיך איינגעשריבען אין ציוני-סטען...

אבער אויסער כבוד, וויל בעריל אויך פאר יידען א תכלית. אויף יידען האבען זיך אנגעהויבען שיטען פאגראמען, מען שלאגט, מען הרג'עט. פון די צוועלף מיליאן הויבט איהם אן עפים צו פעהלען. אין קישינעוו — 45, דעם צווייטען מאל — נאך מעהר, דערנאכדעם געהען 136 שטעדט און שטעדטלעך, און אומעדום הרוגים! און עס איז נאך דעם שונא וועניג... בעריל געהערט שוין צו א פארטיי, וואס זוכט פאר יודען א נ'ארט. מען לעגט איהם פאר אזיען, אויס-טראליען... בעריל איז זיך מישב, וואו איז בעסערע ערד, וואו זענען בעסערע תנאים, וואו וועט דאס יודישע פאלק, זיינע צוועלף מיליאן, פון וועלכע עס פעהלט שוין א ביסעל, געפינען א שוץ, זיי זאלען בלייבען גאנץ.

און קיין צייט צו קלערען איז ניטא... און בעריל איז פערצווייפעלט און זיין הארץ בלוטיגט...

— וואס טהוט מען מיט יודען? ברעכט בעריל מיט די הענר און זארגט ווי א טאטע, ווען זיין פאמיליע איז אין א סכנה...

III.

קְרוֹבִים.

I.

נאָך קינד־הייז האָט גרשון גֶעהערט אָפט זיין מאַמען רעדען וועגען איהר שוועסטער־קינד באַשע, וואָס וואוינט אין דער גרויסער שטאָדט. ווער רעדט, אַז די מאַמע איז אַ מאָל געפאָהרען אין דער גרויסער שטאָדט צו אַ דאָקטער, האָט זי, קומענדיג, באַשען פון מויל ניט אַרויס־געלאָזט: ביי באַשען האָט זי געגעסען, ביי באַשען האָט זי געשלאָפען, באַשע איז מיט איהר צום דאָקטער געגאַנגען, באַשע האָט איהר אויסגעבאָרגט אַ פּערטעלע, וואָס עס האָט איהר געפעהלט צו אַ בילעט, און אַזוי אָהן אַ סוף. הערענדיג אַזוי אָפט באַשעס נאָמען אין שטוב, האָט גרשון געהאַט אַ פאָרשטעלונג, אַז באַשע איז די בעסטע. די קליגסטע און די רייכסטע אין דער וועלט. און אויך האָט זיך איהם געדאַכט, אַז באַשע איז אַ הויכע, געהט ריין אָנגעטהון און אַז זי רעדט שמייכעלט זי, אַזוי ווי יאָכע די גבאי'טע, וואָס געהט שטענדיג „אויפמאַכען" פאַר אָרימע קינפעטאָרינס.

זייענדיג אַזוי שטאַרק צופריעדען מיט באַשען, האָט גרשונ'ען נאָר איין זאַך פערדראָסען: באַשע איז זיינע אין גרונד גענומען ניט גאָר קיין נאָהנטע קרובה — סך הכל אַ גליעד־שוועסטער־קינד. ווי גוט וואָלט געווען, למשל, ווען באַשע וואָלט געווען דער מאַמעס אַ פּלימעניצע, וואָלט זי געווען זיינע טאַקע אַנ'אמת'ע שוועסטערקינד. אָט וואָלט געווען נאָהענט! פון דעסטוועגען האָט גרשון זיך אַזוי אויך געהאַלטען מיט באַשען פאַר אַ נאָהענטען

קרוב. ווייל עס איז אַ סברא, אַז דער מאַמעס אַ שוועסטער־קינד איז זיינע מעהר ווי אַ גליער־שוועסטער־קינד, נאָר אַ שני בשלישי. אַט מיט באַשעס קינדער איז ער שוין גליעד־שוועסטער־קינדער. אַז ער וועט ווען עס איז חתונה האָבען און באַשעס קינדער וועלען חתונה האָבען וועלען באַשעס קינדער מיט זיינע קינדער שוין זיין גאָר וויימע קרובים — גליעד־גליעד־שוועסטער־קינדער! נאָר וואָס דאַרף ער אַזוי וויים בעזאָרגען. ער אַליין אָבער איז באַשעס אַ שני בשלישי, כמעט אַ שוועסטער־קינד...

אַז גרשון איז אַלט געוואָרען 17 יאָהר און האָט שוין געקענט „גוט" לערנען און אַ ביסעל רוסיש, און דערצו אַלע פיער חשבונות מיט פודען, פונטען, לויטען, זאָלאָטניקעס און געקענט אויסרעכענען ווי פיעל סעקונדעס איז פאַרהאַן אין אַ יאָהר און נאָך אַזוינע קונציגע חשבונות, מיט וועלכע די לעהרער אין שטעדטעל פלעגען עקזאַמענירען זייערע תלמידים, — האָט מען גענומען זוכען פאַר איהם אַ תכלית. בעלימלאכות זענען שוין דאַן געווען אין מאָדע, אַפילו דעם שטעדטילשען רב'ס אַנ'אייניקער האָט זיך געלערנט פאַר אַ זייגער־מאַכער און דאָס האָט שטאַרק געווירקט, אַז מען זאָל אויף אַ בעל־מלאכה שענער קוקען, פון דעסטוועגען האָט טאַטע־מאַמע זייער גרשונ'ען פאַר אַ בעל־מלאכה ניט געוואָלט מאַכען. ערשטענס איז ער געווען שוואַך אין געזונד און צווייטענס איז ער שוין אַרויס פון די יאָהרען. צו אַ בעל־מלאכה אָפּגעבען איז גוט אַז מ'איז אַלט 14 — 15 יאָהר אָבער ניט אַ בחור פון 17 יאָהר. אַזאַ בחור מיט אַ ביסעל רוסיש און אַזאַ „בעל־חשבון" (אַזוי האָט דער טאַטע געהאַלטען) קאָן טויגען נאָר אין אַ קראָם פאַר אַ „פּאָמאָטשניק בוכהאַלטער". אָדער אַזוי צו פערשרייבען, אָבער אַזוי ווי אין שטעדטיל פיהרט יעדער קרעמער זיין „בוך" אַליין אָהן „פּאָמאָטשניק בוכהאַלטערס", איז ביי'ן טאַטען־מאַמען געבליעבען אַ פּלאַן שיקען איהם אין דער גרויסער שטאָדט, בפרט אַז ער האָט דאָרטען אַזאַ קרובה — באַשע.

און אין אַ רעגענדיגען פריהמאָרגען נאָך סוכות איז גרשון אַרויס־געפאָהרען אין דער גרויסער שטאָדט,

פון שטעדטיל אין דער גרויסער שטאָדט איז אַפילו געגאַנגען די אייזענבאַהן און אַ בילעט האָט געקאָסט פיער גילדען מיט 2 קאָפּי־קעס. אָבער פון שטעדטעל פלעגען אין דער גרויסער שטאָדט

אויך פאָהרען בעלי־עגלות, מיט וועלכע עס האָט געקאָסט דאָס פאָהרען נאָר אַ פערטעלע פון אַ פערשוין און פאַר אַזאַ יונגעל, ווי גרשון נאָר אַ גילדען — ווייל אַזאַ יונגעל פאָהרט ניט, נאָר ער „פאָהרט אונטער”.

געזעסען איז ער אפילו אין בויד. נאָר אַזוי ווי דאָס פאָהרען האָט געדויערט כמעט אַ מעת־לעת און דער רעגען האָט די גאַנצע צייט געגאָסען, איז גרשון געקומען אין דער גרויסער שטאָדט אַ נאַסער און אַ דערפראָרענער.

II.

געקומען אין דער גרויסער שטאָדט, איז דער בעל־עגלה פערפאָהרען אויף דער אכסניא, וואָס האָט געטראָגען דעם נאָמען פון גרשונ'ס שטעדטעל. אָבער אַז גרשון איז אַראָב אויפ'ן הויף און האָט זיך אומגעקוקט אויף די גרויסע הייזער וואָס אין הויף און אויף די פיעלע נייע מענשען וואָס האָבען זיך דאָרט אַרומגעדרעהט, האָט ער זיך דערפיהלט אַנ'עלענדער און אַ פרעמדער און אפילו דער בעל־עגלה, וועלכער איז זייערער אַ נאָהענטער שכן, האָט איהם אויך אויסגעוויזען פרעמד און בייז, און זיין האַרץ האָט דורכגענומען אַ קלעמעניש און אַ בענקעניש...

אַז דער בעל־עגלה זיינער איז אַריין אין דער אכסניא, האָט גרשון, נעהמענדיג דאָס קעסטעל, איהם נאָכגעגאַנגען. האָטש ער האָט ניט געוואוסט, צו וועמען און צי מעג ער — עס איז דאָך אַ פרעמדע שטוב. ער איז דאָך אַריינגעגאַנגען און האָט דאָס קעסטעל אַוועקגעשטעלט נעבען טיש.

— ניין, זוהניע! דא איז ניט קיין אָרט פאַר אַ קעסטעל. איך האָב בילכערע אורחים...

דאָס איז געווען דער ערשטער ברוך־הבא פון דער בעל־הבית'טע.

גרשון האָט אַ דערשראָקענער אויפגעהויבען דאָס קעסטעל און ניט געוואוסט, וואו אַוועקצושטעלען עס; ער האָט נאָר געקוקט מיט בעטענדיגע בליקען אויף דעם בעל־עגלה וואָס האָט איהם געבראַכט.

— נו, בחור'ל — האָט זיך דעם בעל־העגלה צו איהם געווענדט אַביסעל היימיש — דאָ איז פאַר דיר קיין אָרט ניטאָ... דאָ, ברודער־לעבען, קאָסט געלד... האָסט דאָך ערגעץ אַ קרובה... געה זוך זי אויף און וועסט דאָרטען שוין זיין. זי וואוינט אויפ'ן „וואַל", ניט ווייט... ביי שמואל דעם שוחט אין הויז, וועסט פרעגען, וועט מען דיר ווייזען...

דערהערט דאָס וואָרט קרובה, האָט זיך גרשון דערמאָנט אָן באַשע, אָן זיין שני בשלישי, און אַ וואַרעמער שטראָם האָט דורכגעפלייצט דורך זיינע גליעדער.

און פערגעסענדיג, צי ניט ווערענדיג זיך אָבזעגענען מימ'ן בעל־עגלה, איז גרשון אַרויס אויפ'ן גאַס און אַ פערטיל־שעה נאָכאַנאַנד האָט אין דער רוישענדער שווערער גרויס־שטאָדטיגע לופט געקלונגען אַ שטילע פראַגע פון אַ בלייכען, דערשראָקענעם יונגעל:

„ווי געהט מען דאָ אויף דעם „וואַל"? „שמואל דעם שוחט'ס הויז"?

אַריינקומענדיג אין דעם גרויסען הויף פון שמואל דעם שוחט, האָט גרשון'ען אַבליץ געטהון פון אַ פענסטער צוויי אויגען פון אַ הויבער רייבגעקליידעטער יידענע. „דאָס איז באַשע"! האָט איהם אַ קלונג געטהון אין קאָפּ, און ער האָט זיך גלייך געלאָזט געהן צו יענער ווייסער טיר, וואָס איז געווען נעבען דעם פענסטער, פון וואַנען די הויבע רייבאָנגעטהוענע יידענע האָט אַרויסגעקוקט.

צוקומענדיג צו דער טיר און ניט קענענדיג זי עפענען, האָט ער פאַר גרויס אויפרעגונג, וואָס אָט אָט באַלד איז ער ביי זיין שני־בשלישי באַשע, אָנגעהויבען קלאַפּען מיט אַלע זיינע כחות. באַלד האָט ער זיך אָבער אַליין איבערגעשראָקען פאַר זיינע קלעפּ: ווער ווייס וואָס ער האָט אָנגעמאַכט! די טיר האָט עמיצער געעפענט און ער האָט פאַר זיך דערזעהען די הויבע רייבאָנגעטהוענע יידענע מיט אַ בייזען בליק:

— וואָס קלאַפּט איהר! האָט זי געשריען — וועמען דאַרפט איהר?

און עהדער ער האָט געענטפערט איז שוין אין דער אָפענער טיר געשטאַנען עטליכע קינדער גרעסערע און קלענערע, און

גרשונ'ען האָט געקלונגען אין קאָפּ: באַשעס קינדער, זיינע גליעד־שוועסטער־קינדער!... און אַנ'ערמוּנטערטער פון דעם געדאַנק, האָט ער צוהיצט אַרויסגערעדט:

— איך דאַרף באַשען... מיינע אַ שוועסטער־קינד...

אָנשטאָט אַנ'ענטפער, אָנשטאָט: „אַ סאַך אַ גאָסט!" וואָס ער האָט אויף זיכער ערוואַרטעט, האָט ער דערהערט אַ הילכיגען געלעכטער פון די קינדער, וואָס זענען געשטאַנען אין דער אָפענער טיר און אַ בייזען ענטפער פון דער יודענע:

— ניטאָ דאָ קיין באַשע... שלים־מזל איינער... און ווידער אַ געלעכטער פון די קינדער און נאָכדעם אַ האַק מיט'ן טהיר...

און גרשון האָט זיך ערשט דערפיהלט עלענד, אָבער ער האָט ניט פערגעסען גאָט צו דאַנקען, וואָס דאָס איז ניט באַשע, זיין שני־בשלישי... אַזאַ שלעכטע, אַזאַ בייזע...

און ער איז געגאַנגען איבערן הויף און געזוכט די אמת'ע באַשע, זיין קרובה, וואָס איז אַזאַ הייסע, אַזאַ גוטע.

נאָר אין די אויערן האָט איהם געקלונגען דאָס געלעכטער פון די קינדער און „ניטא דאָ קיין באַשע" פון דער יודענע, און עס האָט איהם עפּיס געשראָקען...

איבערטאַפּענדיג, שוין פאַרזיכטיגער, נאָך אַ צעהנדליג דירות און אָנהערענדיג זיך זידלערייען און בעליידיגונגען, איז אין אַ האַלב שעה אַרום גרשון אַריין אין אַ נידריג הייזעל אין ווינקעל הויף און זייענדיג זיכער, אַז דאָ איז דאָס געוויס ניט, האָט ער דאָך אַ פרעג געטהון ביי אַ נידריגער איינפאַך געקליידעטער יודענע מיט אַ פערזאָרגט פּנים: וואו וואָהנט דאָ באַשע?

— אויף וואָס דאַרפסטו זי? האָט די יודענע אויסגעשטעלט פאַרשענד די אויגען און געקוקט ווי מיט שרעק און חשד.

— זי איז אונזערע אַ קרובה...

— וועמעס ביזטו? האָט די יודענע געפרעגט און ניט אַראָפּגענומען די אויגען פון איהם און פון דעם קעסטעל, וואָס ער האָט געהאַלטען אין די הענד.

— איך בין חייענעס, פון ביעדנאָוקע...

— דאָס בין איך, האָט די יודענע קאַלט געענטפערט.
—שטעל אנידער דאָס קעסטעל. וואָס טהוסטו דאָ?
גרשון איז אַזוי מבולבל געוואָרען דערהערענדיג, אז אַט די נידעריגע, אָרום־געקליידטע ייִדענע איז דאָס טאַקי באַשע, פון וועלכער ער האָט זיך אַזוי פיעל אָנגעהערט און צו וועלכער עס האָט איהם אַזוי געצויגען, — אַזוי מבולבל געוואָרען, אַז ער האָט ניט געקאָנט ענטפערן און איז נאָר געשטאַנען און געקוקט, ווי ער וואָלט וועלען פרעגען:
— זענט איהר טאַקי באַשע: פאַר וואָס זענט איהר אַזאַ נידעריגע?...

אין אַ ווײַלע אַרום האָט באַשע איהם אַרײַנגעפיהרט אין שטוב. אַרום טיש זענען געזעסען דרײַ קינדער, צוויי מײַדלעך און אַ בחור'ל אין גרשונ'ס יאָהרען. זיי האָבען אויף איהם אויסגעשטעלט מאָדנע פערוואונדערטע די אויגען און איין מײַדעל האָט זיך אויפגעשטעלט און געפרעגט:
— מאַמע, ווער איז דאָס?
— אונזערער אַ קרוב... חייענעס פון ביערנאָוועקע.
די קינדער האָבען זיך איבערגעקוקט און באַלד אָנגענומען זייער פריהערדיגע פּאָזע, ווי קיין גרשון וואָלט ניט נאָר בײַ זיי אין שטוב, נאָר אויף דער גאַנצער וועלט ניט געווען.
גרשון האָט אויף זיי געקוקט און גע'חשבונ'ט זײַן אַלטען חשבון:
זײַנע קינדער ווען עס איז און זייערע קינדער ווען עס איז וועלען זײַן גליעד־גליעד שוועסטער קינדער. „ווײַטע קרובים!" האָט ער אַ זיפץ געטהון, פּיהלענדיג, אַז אויך זיי און אפילו באַשע די „שני־בשלישי" אַליין איז איהם עפּעס ווײַט און פרעמד, און דערמאָנענדיג זיך, אַז זי האָט זײַן מאַמען געליהען אַ פערטעלע צו אַ בילעט, האָט ער זיך מאָדנע געוואונדערט און ניט געגלויבט.
— וואַש זיך עסען! האָט איהם פּלוצים איבערגעשלאָגען זײַנע מחשבות באַשעס קול.

נאָר אויך די גאַסטפריינדליכקייט האָט איהם פרעמד געקלונ־
גען. געווען איז גרשון הונגעריג, נאָר געגאַנגען איז ער זיך וואַשען,
ניט צוליעב דעם עסען, נאָר צו פאָלגען, וואָס די פרעמדע יודענע
הייסט.

אז ער האָט זיך גיזעצט עסען און גענומען דעם ערשטען
ביסען אין מויל, איז אין פאָר־הויז עמיצער אריין. א מיידעל,
גרשונ'ס א גליעד־שוועסטער קינד, איז צו איהם אַרוים, איז
צוריק אריין און געזאָגט:

— מאַמע, אַנ'אָרימאַן איז אריין.

— זאָג איהם, ניטא וואָס צו געבען.

און פאַר זיך האָט זי אונטערגעברומט:

— איך האָב אייגענע אָרימע לייט...

גרשון האָט עס דערהערט און האָט זיך געוואָרגען מיט
א ביסען. איצט האָט ער שוין פערשטאַנען, וואָס ער איז באַשעס:
אַנ'אייגענער אָרימאַן...

IV.

דער הונד.

פון וואַנען ער האָט זיך גענומען, האָט מען ניט געוואוסט. אין אַ ליכטיגען זומער פריה־מאָרגען האָבען די בעלי בתים פון אַלטען בית מדרש דערזעהן צווישען די עטליכע שטעדטילשע קונדיסים, אַ יונגיל פון אַ יאָהר פונפצעהן, אַנ'אָבגעריסענעם, אַנ'אָבגעשליעסענעם, מיט צושויבערטע האָר אונטערן היטיל און מיט אַ צודראַפּעטען פנים.

— שוין אַ נייער העכט! — האָט זיך געקרימט, קוקענדיג אויף איהם ר' חנא פּעשעס, קומענדיג אין דער פריה דאַוונען און דערזעהענדיג איהם — ווער ביזטו?

— אַ טאַטענס מיט אַ מאַמעס! — האָט דאָס יונגיל שפּאָטיש אָבגעענטפערט און האָט זיך מיט'ן גאַנצען גוף אַ קראַץ געטהון.

— טפו! — האָט ר' חנא אויסגעשפּיגען און איז אַוועק צו זיין „שטאָרט".

די איבעריגע קונדיסים האָבען איהם לכתחילה אויך טרוקען צוגענומען. אַז זיי האָבען אָבער זיך מיט איהם אַ „פּרוב" געטהון אין „איינלעגען זיך", און ער האָט אַ פּאָר פון זיי גלייך אַ וואָרף געטהון אויף דער ערד, האָט איינער פון זיי, געציל דער „קרופּעניצעם" ערנסט זיך אָנגערופען:

— ביזט געזונד!

— אַ יון! — האָט פייוועל „קוליע" אונטערגעהאַלטען.

די איבעריגע קונדיסים האָבען זיך צוגערוקט און בעטראַכט דעם „נייעם" מיט דרך־ארץ'דיגע בליקען.

— ביזט ניט קיין היגער, הא? — האָט איהם געציל דער קרופעניצעם אַ פרעג געטהון.

— ניין! — האָט ער טרוקען און ניט גערן געענטפערט.

— פון וואַנען?

— פון קלעצק.

— קלעצקער גנבים! — האָט איינער זיך אָנגערופען.

— עהרליכער ווי די היגע יידען! — האָט זיך דער נייער מיט כעס אָנגערופען.

— דו האָסט אַ טאַטען מיט אַ מאַמען? — האָט מען איהם ווייטער געפרעגט.

— ניין!

— וואָס וועסטו דאָ טהון?

— איך וועל מיין שטעדטיל בעשטעהן! — האָט ער שטאָלץ געענטפערט, ווי אַ גרויסער, דערוואַקסענער מענש, און אַ בלינצעל געטהון מיט די אויגען.

מעהר האָבען פון איהם די שטעדטילשע קונדיסים די ערשטע צייט ניט דערגאַנגען.

שפּעטער, אין אַ פּאָר וואָכען ארום, אַז ער איז נעהנטער בעקאַנט געוואָרען מיט געציל קרופעניצעם, און האָט ביי איהם גענומען דריי „ציה" פון פּאַפּיראָס, וואָס געציל האָט געדרויבערט, האָט ער דערצעהלט זיי אַזאַ מעשה:

— איך בין דאָך אַהער געקומען צו פוס..

— אַזש פון קלעצק? — האָט „חברה" זיך פערוואונדערט.

— אויך אַ געשעפט — האָט ער זיך בעריהמט, גיב נאָך אַ ציה — געציל — און ער האָט אויסגעצויגען די האַנד.

געציל האָט איהם צוגעטראָגען צום מויל דעם פּאַפּיראָס ניט טרויענדיג איהם פון דער האַנד. דער נייער קונדס האָט אַ ציה געטהון מיט אַלע כחות.

— אָבער אַ „ציה" האָסטו געטהון! — האָט זיך געציל פערקרימט — דעם גאַנצען פּאַפּיראָס האָסטו אויסגערויכערט.

— נישקשה — אז איך וועל קריגען, וועל איך דיר אויך געבען. איך זשאלעווע ניט,

— א קבצן איז א בעל צדקה! — האט זיך איינער געווי-צעלט.

— אנטלאפען בין איך פאר אזא מעשה — האט דער „נייער" פארטגעזעצט זיין ביאגראפיע — אז מיין טאטע איז געשטארבען...

— און א מאמען האסטו? — האט מען איהם איבערגע-שלאגען.

— איך האב דאך שוין אייך געזאגט אז ניין... זי איז געשטארבען נאך אין קינדבעט מיט מיר — אז מיין טאטע איז געשטארבען, האט אונזער א שכן א שוסטער צוגענומען מיר און געזאגט:

— איצטער, חאצקעלע, אויס...

— מען רופט דיך חאצקעלע? — האט חברה איבערגע-שלאגען.

— חאצקעלע, — האט ער שטיל געענטפערט, ווי ער וואלט זיך געשעמט מיט זיין נאמען — אויס — האט דער שוסטער געזאגט. גענוג צו באדעווען. ווער שוין א מענש. איך וועל דיר צונעהמען צו מיר און דו וועסט זיין א בעל מלאכה... איך האב אבער ניט געוואלט. פע! זיטצען א גאנצען טאג און קלאפען צוועקליך. מיין טויט איז דאס. צו וואס דארף מען דאס ארבייטען? — האב איך געקלערט. די בעסטע זאך איז לעבען פריי. חאטש ניט עסען! ארבייטען וואלט איך וועלען אבער א ביסעלע: פיער שעה אין טאג...

— פיער שעה אין טאג איז אויך צו פיעל, — האט געציר איבערגעשלאגען — א שעה אין טאג איז גענוג. איך העלף דער מאמען אלע טאג א שעה דרעהען די שטיינער ביי די גרויפען. מעהר וויל איך ניט.

— מיין שוסטער האט אבער געוואלט, איך זאל זיצען א גאנצען טאג און ארבייטען. טאמער האב איך מיך אביסיל צוגעפוילט, פלעגט ער מיך שלאגען. דערפאר פלעג איך גאר אין כעס זיין. מילא אז חברה שלאגט מיר א מאל אין שטעדטיל, ארט

מיר ניט, איך גיב א קלאַפּ, זיי גיבען אַ קלאַפּ, מען איז קוויט. דעם שוסטער צוריק שלאָגען האָב איך ניט געקענט, ער איז געווען דאַר ווי חאַרט, מיט'ן „גאָטס פינגעריל" וואָלט איך איהם איינגעלעגט. אַ: ער פלעגט מיר אַ מאָל געבען אַ פּאַטש מיט זיינע דאַרע הענטליך, פלעגט זיך מיר ווילען ברעכען... ווערה האָט מיר גאָר ניט געטהון.

— איך וואָלט איהם אַראָבלאָזען אין זיין „פּאָטרעט" אַ „טונק", וואָלט ער שוין קיין כח ניט געהאַט צו פּאַטשען זיך...

— האָט נעציל מיט פעראַכטונג געזאָגט.

— איך האָב איהם אַ בעסערע זאַך אָבגעטהון. איך האָב ביי איהם „צוגעצויגען" אַ פּאָר שטיוועל און בין אַנטלאָפען געוואָרען.

— וואו זענען די שטיוועל?

— פערקויפט. גענומען צוויי רובל, — האָט זיך חאַצקעל בעריהמט.

— האָסט דאָך קיין פּאַספּאָרט ניט.

— איך דאַרף קיין פּאַספּאָרט ניט. איך בין אַ היעגער, מיין טאַטע פלעגט פון דאַנען נעמען אַ פּאַספּאָרט.

— האָסט דאָ קרובים?

— קרובים? — האָט ער אַ קוועטש געטהון מיט די פּלייצעס — אפשר יא, נאָר איך קען זיי ניט.

— ברעכען זיי די קעפּ, די קרובים! — האָט נעציל געשאָלטען. — מיין מאַמע האָט דאָ קרובים, לאָזען זיי איהר אפילו אויפ'ן שוועל ניט אַרויף.

— מסתמא רייכע.

— זעהר רייך! — האָט זיך נעציל צוקאָכט — איינער, יענקיל חאַצעס, האָט אפשר צעהן טויזענד רובל, ער פערלייהט געלד אויף פּראָצענט.

— ביי אַזאַ קרוב איז גוט צו גנב'נען! — האָט חאַצקעל מיט אַ לוסטיגען שמייכעל אַ זאָג געטהון.

— לעגט ער אָן מיט'ן קאָפּ — האָט נעציל אַ מאַך געטהון מיט'ן האַנד.

אז די חברים זענען נעהנטער בעקאנט געווארען, האבען זיי געפונען, אז האצקעל איז א געראטענער אין שטיקליך פראווען. דערהויפט איז זיי געפעלען געווען, ווי ער בילט ווי א הונד.

— האצקעל, ביל א ביסעלע, — פלעגט איהם געציל בעטען.

— האוו — האוו — האוו — פלעגט האצקעל אנהויבען צו בילען, און חברה פלעגט זיך האלטען פאר די בייכער.

— פונקט ווי א הונד! — האבען זיי געלויבט.

— ביי אונז אין קלעצק פלעג איך ביי נאכט אלעמען שרעקען. האט האצקעל לאכענדיג דערצעהלט. — לייבע וואלפס, א רייכער יוד, איז א מאל פאר שרעק געפאלען, אז איך האב ביי נאכט אויף איהם אנגעהויבען צו בילען.

— פחדנים! — האט חברה געלאכט.

— האוו — האוו — האוו! — האט האצקעל בעוויזען ווי אזוי ער האט דאמאלס געבילט.

און חברה האט איהם א נאמען געגעבען „דער הונד". ביסליכ־ווייז האט מען זיין אמת'ן נאמען פערגעסען און „הונד" איז געבליבען זיין געוועהנליכער, נאטירליכער נאמען.

און איהם האט עס ניט געארט. פערקעהרט, ער האט, ווי געפיהלט, אז דער נאמען טהיילט איהם אב פון אלע איבריגע מענשען, וועלכע ער האט ניט אזוי שטארק ליעב געהאט. דער נאמען לאזט איהם ניט צו האבען קיין מגע ומשא מיט די איבעריגע „נפשות", אויסער זיינע גוטע ברידער, די קונדיסים, דער נאמען גיט איהם פרייהייט אומצולויפען, צו הונגערן און שלאפען, וואו עס מאכט זיך. טרייבט דער שמש ארויס פון פאלעש, קען ער איבערשלאפען די נאכט אויפ'ן גאניק פון ווייבערשער שוהל, פונקט ווי א הונד טאקי. און צייטענווייז פלעגט ער, בילענדיג, זיך גאר פערגעסען, אז ער איז א מענש. ער פלעגט אריינגעהן אין דער הינטעשער ראליע און בילען מיט געפיהל, מיט בייזקייט, מיט רציחה, ווי ער וואלט וועלען עמיצען צורייסען.

איינמאל האט איהם געציל דער קרופעניצעס גערופען צו זיי מאמען:

— ווילסט, הונד, פערדיענען א צעהנער יל?

— יא! — האט דער הונד אהן חשק געענטפערט.

— קום צו אונז, וועסט העלפען דרעהען די שטיינער ביי די גרויפען, וועט די מאמע דיר געבען פינף קאפיקעס.

דער הונד איז געגאנגען. אין מיטען וועג האט ער א ביל געטהון:

— האוו — האוו!

— וואס בילסטו? געהסט דאך ארבייטען! — האט איהם געציל דערקלערט.

— ס'ווילט זיך ניט געהן... האט דער הונד פויל אויסגערערט.

— ביזט אנ'אמת'ער הונד — האט געציל געשטראפט — וועסט פגר'ן ווי א הונד פאר הונגער.

— בעסער ווי ארבייטען... האוו — האוו!...

אריינגעהענדיג צו געציל אין שטוב, האט דער „הונד" געווארפען א פעראכטליכען בליק אויף דעם גרויסען שטעקען, וואס איז געווען איינגעפלאכטען אין צוויי שטיינער, פערשטויבטע פון מעהל, און האט זיך גענומען קראצען...

— אט דאס איז דיין שענער חבר... — האט די קרופעניצע זיך פערקרימט — א לייט, ניטא וואס צו רעדען!...

— האוו — האוו! — האט דער הונד אביל געטהון מיט א ווילדען געלעכטער.

— קיין משוגענע שטיק פראווע דא ניט — האט זיך די אלמנה געבייזערט — ווילסט העלפען דרעהען די שטיינער איז גוט אז ניט — נעה געזונטערהייט.

דער הונד האט אנגעהויבען צו דרעהען, אלע ווייל אונטערבילענדיג...

— וואס איז דאס, א דיבוק איז אין איהם! האט זיך די קרופעניצע דערשראקען — א מענש זאל נור טהון און בילען.

— האוו — האוו! — האט זיך דער הונד מיט בעם פונאנדערגעבילט — געגוג צו דרעהען, גיט אהער א צעהנעריל.

— אזוי גיך א צעהנעריל ווילסטו פערדינען! הונד איינער! — האט געצילס מוטער זיך געבייזערט. דרעה א גאנצען טאג.

— ניט דערלעבען וועט איהר דאס! — האט דער הונד זיך צושריען, און איז ארויסגעלאפען אהן א צעהנעריל.

— שוין בעסער זיין א הונד איידער דרעהען די שטיינער

אַ גאַנצען טאָג, — האָט ער אויסגעשפּיגען געהענדיג און האָט אָנגעהויבען צו בילען...

אַזוי האָט דער „הונד" זיך אבגעוואַלגערט אין שטעדטיל צוויי יאָהר, אומגעלאָפען אויפ'ן שול־הויף, אַמאָל אין די גאַסען און אַמאָל הינטער'ן שטעדטיל אויפ'ן פעלד. אויפ'ן פעלד פלעגט ער זיך פיהלען בעסער ווי אומעטום, דאָרט פלעגט ער מאַכען הינטישע פּרובען, ער פלעגט געהן אויף די הענד און בילען, בילען... איהם האָט זיך געדאַכט, אַז דאָ איז ער איין אמת'ער פרייער הונד און די גאַנצע וועלט איז זיינע. אַז ער פלעגט אָבער גוט זיך אויסהונ־גערן, פלעגט ער מיט כעס זיך אַרומקוקען אויף דעם ברייטען פרייען פעלד וואָס אויסער גראָז איז דאָ גאָר נישטאָ, פלעגט אנהויבען בילען און שטעלענדיג זיך אויף די פיס, פלעגט ער צוריק אין שטעדטיל אַוועקלויפען זוכען עפּיס עסען...

— ווען זועסטו זיך שוין אָבגעוועהנען פון בילען? — האָט איהם איינמאָל געציל דער קרופּעניצעס אַ פרעג געטהון, ווען דער הונד האָט זיך פונאַנדער געבילט.

— קיינמאָל ניט! — האָט דער הונד הויך אויסגעשריען — אַז איך ביל פערגעס איך זיך אָן אַלע צרות... דו מיינסט מיר צַרט ניט, וואָס איך געה ווי אַ משוגענער, אבגעריסען, אבגע־שליסען... אוי ברודער לעבען! אָפּט מאָל דאַכט זיך מיר, אַז איך וואָלט די גאַנצע וועלט צוביסען, און דאַמאָלס ערשט ווילט זיך מיר בילען, פערשטעהסט?...

— געה מיט אַ קלאָג, הונד איינער! — האָט געציל גע־זידעלט, — אַז דו וועסט בילען וועסטו קיינמאָל גאָר נישט האָבען. מען וועט דיך אין אַ שטוב ניט אַריינלאָזען.

— חאַפּט זיי דער רוח, מיט זייערע הייזער, איך דאַרף זיי אויף כפּרות...

— וועסט פּגר'ן ווי אַ הונד, וועסט זעהן! — האָט איהם געציל געשראָקען.

— אַליין איינם — אַ הונד, אַ מענש! האָט „דער הונד"

געפילאָזאָפירט. איך האָב הינד מעהר האָלד, ווי מענשען. פע, אַ מענש! — האָט ער אויסגעשפיגען...

*

* *

איינמאָל איז געציל געקומען צום הונד אויפ'ן שוהלהויף און האָט מיט אַ געלעכטער איהם געזאָגט:

— ווייסט, הונד, מאָרגען סמט מען דאָך אַלע הינד פון גאַס.

— געה' אין דר'ערד! — האָט איהם דער הונד מיט כעס געענטפערט.

— אויף נאמנות! — האָט געציל איהם פערזיכערט.

— פאַר וואָס סמט מען זיי עפּים? האָט דער הונד ערנסט געפרעגט.

— אַזוי! האָט געציל געענטפערט — הינד, וואָס האָבען קיין בעלי בתים ניט, איז דאָ אַ „זאַקאָן" דאַרף מען סמ'ען...

— וואָס אַרט דאָס זיי, אז זיי לויפען ארום? — האָט דער הונד ווידער געפרעגט.

— מען דאַרף זיי ניט האָבען.

דער הונד האָט זיך פערטראַכט. ענדליך האָט ער געפרעגט:

— ווי אַזוי סמט מען דאָס זיי?...

— מען האַקט פאַר זיי קאָטלעטען פון פלייש און אין די קאָטלעטען לעגט מען אריין סם. ווי מען ניט זיי אַ וואַרף אַ קאָטלעט, חאַפּען זיי דאָך גלייך אויפעסען...

— אמת'ע קאָטלעטען? — האָט דער הונד איבערגעהאַקט.

— אודאי, אמת'ע — טהייערע קאָטלעטען! אויב דו ווילסט קענסטו אויך פערזוכען אַזאַ קאָטלעט, דו האָסט דאָך אַזוינע קאָטלעטען קיינמאָל ניט געגעסען.

— געה אין דר'ערד! — האָט דער הונד אויסגעשריען און איז גלייך נעוואָרען...

— דיר וועט מען אויך געבען אַזאַ קאָטלעט, דו ביסט דאָך אויך אַ הונד — האָט געציל געלאַכט.

אַנשטאָט איין ענטפער האָט געציל בעקומען אַ פּאַטש, און דער הונד האָט זיך אבגעטראָגען.

עס איז אָנגעקומען די נאַכט, אין פּאַליש, וואו דער הונד האָט געװעכטיגט, איז געװען קאַלט און פינסטער. דער הונד איז געלעגען מיט אָפענע אויגען און האָט געטראַכט. די נייעס וואָס געציל האָט איהם דערצעהלט ביי טאָג האָט איהם צורודערט, ער האָט זיך עפּיס געשראָקען...

— וואָס האָב איך מורא? — האָט ער זיך בערוהיגט — איך בין דאָך ניט קיין אמת'ער הונד, מיר וועט מען קיין קאָטלעט מיט סם ניט וואַרפען...

עס האָט אָבער ניט געהאָלפען. איהם האָט זיך געדאַכט אַז ער וועט אויפשטעהן מאָרגען פריה א הונגעריגער, וועט ער זיך ניט קענען איינהאַלטען און גלייך מיט אַלע הונגעריגע הינד אויפהויבען אַ קאָטלעט און אויפעסען מיט'ן סם...

— האוו — האוו... — האָט ער גענומען בילען...

פאַר דאָס איצטיגע בילען האָט ער זיך אבער דערשראָקען. ער דאַרף איצט ווערען אויס הונד — האָט ער בעשלאָסען... אַ מענש צו זיין איז פאַרט בעסער...

— ווי הויבט מען אבער אָן צו לעבען, ווי אַ מענש? האָט ער אַ טראַכט געטהון — איך בין אַזוי אבגעריסען, אבגעזינדערט, איך האָב מיט זיי קיינמאָל ניט גערעדט. איך האָב זיי פיינד און זיי האָבען מיך פיינד...

— ליגען זיי אין דר'ערד! — האָט ער געשאָלטען און האָט ווייטער אָנגעהויבען בילען...

פון דעם ניט שלאָפען אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך זיין הונגער אין דער פריה פערשטאַרקט. ער האָט קיינמאָל אַזאַ הונגער ניט געשפירט.

— היינט וואַרפט מען פאַר הינד קאָטלעטען!" — האָט איהם געבליצט אין קאָפּ אַ גאַנץ פריהמאָרגען.

און אַ צורייצטער, מיט אַ בילעריי, איז ער אויפ'ן מאַרק אוועקגעלאָפען...

V

די אויגען.

אין דעם שטעדטיל, וואו גרשון האָט זין גאַנצע קינדהייט און אַ שטיק יוגענד פערבראַכט, וועלכעס איז ביז גאָר ניט לאַנג זיין היים געווען, פון וואַנען ער איז קיינמאָל ניט אַרויסגעפאָהרען געפינט ער זיך איצט עלענד ווי אַ שטיין און ביינקט נאָך זיין נייער היים, נאָך אַמעריקאַ... און עס ציהט איהם אהין צום טאַטען, צו דער מאַמען, צו די ברידער און שוועסטער, צו די פעטערס און מוהמעס, וועלכע זענען בּיסלעכווייז, איינציגווייז, פּאָרווייז און חברות'ווייז אַריבערגעפאָהרען, אויס־העלפענדיג איינע די אַנדערע מיט שיפסקאַרטען.

ער נאָר איז געבליבען אַליין.

און געבליבען איז ער ניט. ווייל מען האָט איהם פיינט, אָדער אין דער שיפסקאַרטע, וואָס מען האָט געשיקט פאַר די גאַנצע שטוב, איז זיין נאָמען ניט געווען. אויך פאַר איהם איז די שיפסקאַרטע געווען, און ליעב געהאַט האָט מען איהם גלייך מיט אַלע קינדער אָבער נעהמען איהם גלייך מיט אַלע האָט מען ניט געקאָנט. די וואָס האָבען די שיפסקאַרטע געשיקט האָבען טויזענד מאָל אָנגעזאָגט, אַז טאָמער האָט ווער שוואַכע אויגען, זאָל ער זיך ניט וואַגען צו פאָהרען קיין אַמעריקאַ. „וואָרום אין אַמעריקאַ — האָבען זיי געשריבען — זענען אויגען דער עיקר”. „אויף אויגען — האָבען זיי געשריבען — קוקט מען מעהר ווי אויף אַ קאָפּ, חאָטש אַ קאָפּ דאַרף אויך זיין ריין... אויגען אָבער זענען

נאָך ערגער". "יענקע גנב", אַזוי האָבען זיי געשריבען, "האָט האָלט געזונטע אויגען. זעהט־זשע למען השם"...

און דערשראָקענע האָבען די עלטערן זיך גענומען בודק זיין די קינדערס אויגען און האָבען זיך געחאַפּט, אַז דער עלטערער 15־יעהריגער גרשון האָט טאַקי שלעכטע אויגלעך...

— וועה צו מיר, וואָס טהוט מען מיט איהם! — האָט די מאַמע געבראָכען מיט די הענד.

— אפשר מיט בליי־וואַסער זיי וואַשען, — האָט דער טאַטע געראַטען.

— וואָס בליי־וואַסער, וועה איז מיר? — האָט די מוטער געקרעכצט. — מען דאַרף מיט איהם אַריינגעהן צום דאָקטאָר.

און דער דאָקטאָר האָט, בעטראַכטענדיג גרשון'ס אויגען געפונען, אַז ער האָט טראַחאָמע און מען מוז זיי לאַנג היילען.

— לאַנג היילען! — האָט די מוטער פערבראָכען מיט די הענד, — אַז די שיפסקאַרטע געהט סך הכל באַלד אוים...

דער דאָקטאָר איז אָבער געבליבען ביי זיינס און האָט מיט אַ קאַלטקייט פון אַ גזלן געזאָגט:

— איהר וועט איהם מוזען לאָזען דאָ, מען וועט איהם ניט אַריינלאָזען.

גרשון האָט זיך פונאַנדערגעוויינט...

— וויין ניט, וועה איז מיר... האָט די מוטער ניט דער־לאָזט... דו וועסט זיי נאָך מעהר קאַליע מאַכען...

— אודאי טאָר ער ניט וויינען! — האָט דער דאָקטאָר פערזאָגט.

און גרשון האָט צוגעזעהן, ווי זיין טאַטע מאַמע, ברידער און שוועסטער פּאַקען זיך אין וועג אַריין, און ער וועט בלייבען אַליין, איינער אַליין, און האָט ניט געטאָרט וויינען.

און אַז אַלע זענען אַוועקגעפאָהרען און איהם האָט מען איבער־געלאָזען ביי אַ ווייטער קרובה, וועלכע האָט אויך געוואַרט אויף אַ שיפס־קאַרטע און האָט איהם געדאַרפט מיטנעהמען, ווען די אויגען וועלען זיך אויסהיילען. ערשט דאַן האָבען איהם די טרעהרען געוואָרגען, געשטיקט, נאָר געוויינט האָט ער ניט. און שטיקענדיג אַזוי די טרעהרען, פלעגט ער אָנהויבען זידלען אַמעריקאַ.

— אַ בייז לאַנד! אַ שלעכט לאַנד! וואָס איז דאָרטען זייער דאַגה, אַז איך האָב שלעכטע אויגען! זיי טהוט דען וועה? מיר טהוט דאָך וועה, ניט זיי.

און באַלד פלעגט ער חרטה האָבען:

— אַז עס איז גאָר אַ ליגען, אַז מיר טהוט גאָר ניט וועה... איך האָב געזונדע אויגען... איך זעה די קלענסטע ווערטער אין סדור'ל...

און דאַמאָלס האָט זיך איהם פערוואָלט אויפהויבען איבער די דעכער און אַ פליה טהון אַזש קיין אַמעריקאַ, און ווייזען זיי דאָרט אַלעמען זיינע אויגען, ווי אַזוי ער זעהט גוט.

„מען לאָזט ניט אַריין”! דערמאָהנט ער זיך פּלוצלונג...

און ער ווערט מלא רציחה, ווי אַמאָל אויפ'ן שמש פון שוהל, וואָס פלעגט איהם ניט אַריינלאָזען, ווען דער חזן פלעגט דאַווענען.

שילטען וואָלט ער זי ווילען... נאָר ווי אַזוי קאָן ער זי שילטען, אַז דאָרטען זענען זיינע עלטערן, זיינע ברידער און שוועסטער, פעטערס און מוהמעס?...

ניין, ער וועט אַמעריקאַ ניט שילטען... די בעסטע זאַך וואָלט געווען וויינען, וויינען... נאָר וויינען טאָר מען ניט...

אָבער, אַז עס איז אָנגעקומען דער ערשטער בריעף פון „דער היים” און ער האָט נאָר איבערגעלייענט די ערשטע ווערטער: „מיין ליעבער זוהן”, האָט ער זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען. אַ שטראָם טרעהרען האָבען זיך פון איהם אַ גאָס געטהון און יעדער טרעהר האָט זיך איהם געדאַכט מאַכט איהם אַלץ ווייטער, ווייטער פון אַמעריקאַ, פון זיין היים...

און דערויף האָט ער זיך ערשט פונאַנדערגעוויינט..

VI.

ליזער.

אין דער תלמוד תורה האָבען זיך געפונען אַ סך יתומים. נאָר אַ צונעמעניש „יתום” האָט נאָר געהאַט איינער — ליזער. זיין נאָמען האָט מען גאָר ניט געוואוסט. „דער יתום” אַזוי האָט מען איהם גערופען, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ווען ער וואָלט אפילו געהאַט אַ טאַטען אַ מאַמען וואָלט ער אויך אַזוי געהייסען. אַזוינע אויגען האָט ער שוין געהאַט — אויגען פון אַ יתום!

ביי אינגלעך, וואָס לערנען אין אַ חדר, ניט אין תלמוד תורה, און וואָס ברענגען אַלע אין דער פריה גוטע זאַכען צום עסען — ביי בעלי בתישע אינגלעך הייסט עס, איז אַ יתום אַ שטיקעל יחסן. אַזוינע אינגלעך רעכענען זיך ערשטענס דערמיט, וואָס אַ יתום טאָר מען ניט בעליידיגען ווייל אַז מען בעליידיגט איהם יאָ, קומט דעם יתום'ס טאַטע, צי די מאַמע פון יענער וועלט און שטיקט אָדער קנייפּט ביי דער נאַכט. און בעלי בתישע קינדער האָבען פאַר אַזוינע זאַכען מורא. צווייטענס, אַלס בעסער ערצויגענע, זענען זיי אפשר מעהר מאָראַליש. אָבער אַליין יתומים זענען מעהר פערהאַרטעוועט, פאַר קנייפּען שרעקען זיי זיך נישט אַזוי שטאַרק און אגב האָבען זיי דאָך אויך געשטאָרבענע טאַטעס און מאַמעס, וואָס קענען די זעלבע קונץ בעווייזען. הייסט פאַר וואָס זאָלען זיי מורא האָבען פאַר אַ יתום?

מורא האָבען דאַרף מען נאָר פאַר אַזוינע יתומים, וואָס קענען געבען אַ קלאַפּ, וואָס זענען „געזונד” און קענען „אַ וואָרף טהאָן”

בהדף עין דעם, וואס מאכט אן אנפאל. אזא געזונדטער און דרייסטער יתום וועט שוין זיין וועלטעל כעשטעהן און זיין טאטע און מאמע קענען רוהיג ליגען אין זייערע קברים. זייער יתום וועט מען שוין ניט בעלעדיגען. האבענדיג אביסעל מוט און גבורה איז שוין דער יתום קיין יתום ניט...

לייזערל אבער האט קיין גבורה ניט געהאט. און דעריין האט מעהר זיין יתומקייט געשטעקט, ווי אין דעם, וואס זיין טאטע ליעגט שוין פינף יאהר אויפ'ן בית־עולם. ניט נאר, וואס ער האט זיך ניט געקענט פערטהיידיגען פון שטארקע יתומים, ער האט אפילו די העזה ניט געהאט צו קלערען פון פערטהיידיגען זיך. די איינציגע פערטהיידיגונג פון א קלאפ איז געווען זיין איינבויגען זיך וואס דאס פלעגט נאך אין גרונד דעם וועהטאג פערגרעסער'ן, ווייל דאמאלסט האט דעם שלאגער'ס האנד געהאט מעהר שטח צו אראפלאזען זיך און דער קלאפ האט זיך אויף אזא אופן פערגרעסערט...

די איינציגע פערטהיידיגונג, וואס האט יא געהאט א ממשות איז געווען דאס שרייען. אבער ניט אומעטום; אויב דער אנפאל אויף דעם יתום איז געווען אויפ'ן שול־הויף האט אזא פערטהיידיגען געהאלפען. אויפ'ן שול־הויף געפינט זיך די גאנצע „נאטשאלסטווא" פון דער תלמוד תורה, און פאר נאטשאלסטווא האבען שוין יתומים אויך דרך־ארץ... דערפאר אבער, אז מען פלעגט לייזער'ן חאפען ערגיץ אין א ווינקעל פלעגט שוין דאס שרייען זיין א קנאפע פערטהיידיגונג, פערקעהרט, עס האט נאך בייזער געמאכט זיינע קאליעגען. קוויטשע ניט, יתום! פלעגט איינער פון די שלעגער נערוועז בעמער־קען און מוסיף זיין נאך עטליכע קלעפ.

ביז דער יתום פלעגט אויפהערען צו שרייען.

נאר שבת אליין האט לייזער געקענט אויסווייכען אלערדיפות, קלעפ און חוזק מאכעניש, וואס איהם קומט אוים אויסצושטעהן א גאנצע וואך אין תלמוד תורה, איבערצוטראגען פון די „חברים" און סתם שולהויפ'דיגע יונגען. אין דער געסיל וואו זיין מאמע,

נעבע די אלמנה וואָהנט, איז שטענדיג דאָ אַנ'אָבל־שטוב, וואו עס דאַוועגט „אַ מנין" נאָכ'ן געשטאָרבענעם, און דאָרטען אין מנין, וואו דעם טייערנס נשמה שוועבט אום, איז אַזוי שטיל, אַז קיין קונדס וועט זיך ניט דערוועגען דאָרטען צו דאַווענען. נאָר אַזאַ יתומ'ל, ווי ער, אַ דערשלאָגענער, האָט ליעב אַזאַ מין מנין. דאָרטען איז איהם טאַקי גוט, אויסערדעם, וואָס קיינער טשעפּעט איהם ניט, זעהט מען איהם דאָרטען נאָך צו, מען גיט איהם אַמאָל אַ סדור'ל און איינמאָל אפילו האָט מען איהם אין אַזאַ מנין מכבד געוועזען מיט גלילה. ער האָט זיך אָבער אַזוי דערשראָקען, די דאָרע הענטליך זיינע האָבען איהם אַזוי געציטערט, אַז ער האָט בשום אופן ניט געקענט צונויפוויקלען דעם ספר און אַנ'עלטערער בחור האָט עס איבערגענומען. און לייזער איז געשטאַנען אַ פערשעמטער, און קראַצענדיג זיך אין קאָפּ, געקוקט אויף דער הייליגער אַרבייט, צו וועלכער ער האָט קיין כח ניט... אָבער טשעפּען האָט מען איהם אפילו אויך דערפאַר ניט געטשעפּעט...

ביים מנין דאַוועגט מען אָב פריהער, ווי אין בית־המדרש און לייזער אַלס 13 יעהריגער בחור'ל, איז דער איינציגער מאַנס־ביל ביי זיין מאַמען אין שטיבעל: פרייטאָג צונאַכט מאַכט ער קדוש, און שבת פריה נאָכ'ן דאַווענען שניידט ער די קליינע חלה'לע, וואָס איז מעהר חלה לויט פאָרם, אַלס לויט די מעהל פון וואָס זי איז געבאַקט. אַלס איינציגער מאַנסביל אין שטוב, עסט מען דעם שבת'דיגען טשאָלענט ווען ער קומט פון דאַווענען, און אַזוי ווי דער טשאָלענט בעשטעהט נאָר פון אַ ביסעל איינגעפּרעגעלטע קאַרטאָפ־ליעם און אַ שטיקעל קוגעל, עסט מען איהם אָב זעהר פריה: 11 אַ זייגער איז שוין ביי דער אלמנה אין שטיבעל נאָך „וואַרמעס" און לייזער זיצט אין קליינעם שטיבעלע און איהם איז אומעטיג. ער קוקט דורך די שייבעלעך אין געסיל אַרויס, ער זעהט אָבער גאָר ניִשט די שייבעלעך זענען פערפראָרען. אָפּקראַצען דעם „פראָסט" טאָר מען ניט. לייזער ווייס, אַז דאָס איז איין אב־מלאכה...

און אָפּזיצענדיג אין אומעט אַ פּאָר שעה. ציהט לייזער'ן צום שוהל־הויף, צו די תלמוד תורה אינגלעך, צו זיינע שלעגער און אונטערדריקער. אַ פנים איינזאַמקייט איז דאָס ערגסטע אונגליק, בפרט פאַר יונגע קינדער!

און ער ציהט אויף זיך אַרויף זיין צופליקטען בגדיל, פון וועלכען עס שטאַרצט אַרויס פערשוואַרצטע שטיקלעך וואַטע, ווי קאָלטענעס, און געהט אַרויס פון שטיבעל, לאָזענדיג דער מאַמען ביי'ן טייטש חומש און דער קליינע שוועסטערל — ביי עטליכע שטיקלעך פאָרצעליי פון אַ טעלעריל, וועלכע איז צובראָכען געוואָרען, ווען דער טאַטע האָט נאָך געלעבט...

ליזער לאָזט זיך צום שוהל־הויף. קיינער איז אָבער ניטא איהם איז אומעטיג. און ליזער זוכט די חברה... זיי זענען אַוודאי ביי'ן טייך, ביין גליטש. געפעהרליך אין אַהין צו געהן. זיי זענען יעצט אַלע נאָך אַ שבת'דיגען וואַרמעס, פרעהליך אויפגערוימט, לערנען לערנט מען שבת ניט. און זייער מוטוויליגקייט איז גרעסער ווי אין מיט'ן דערוואָך. ער ווייס דאָס!

דאָך האַלט ער זיך ניט איין און געהט. ער וועט שטעהן פון וויטען און זעהן ווי חברה גליטשט זיך. עס איז זעהר אינטערעסאַנט. איבערהויפט האָט ליזער ליעב צו קוקען, ווי אַזוי איינער פון זייגע פערפאָלגער פאַלט... דאָס איז אַזאַ מחיה צו קוקען!...

אָבער זעלטען ווען זיי פאַלען... זיי גליטשען זיך אַלע קונציג... אַליץ קעגען זיי. און ער קען אפילו קיין גלילה ניט זיין... אָט קומט ער צו צום טייך, וועלכער איז בעלענערט פון דער גאַנצער תלמוד תורה און סתם קונדסים.

ביי נאַכט איז אַ שטאַרקער שנעע אַרויסגעפאַלען און די אַלטע אויסגעריבענע גליטשען זענען פערשאָטען געוואָרען, און דריי יונגלעך מיט מינעם פון אינזשענערען שטעהען און גיבען אָפּ פריקאַזען, ווי אַזוי צו שאַפען נייע גליטשען...

ליזער שטעהט אָנפאַנגס פון וויטען, אָבער זעהענדיג, אַז דער עולם איז צו פיעל פערטהאָן פערלאָזט ער זיך אויף זייער צוטראָגענקייט און רוקט זיך צו נעהנטער, נעהנטער, ביז ער מישט זיך אוים אין דעם עולם: קיינער שטערט איהם ניט. די פראַגע וועגען נייע גליטשען „אויסרייבען" איז צו ערנסט, אַז עס זאָל ליעגען אין קאָפּ צו בעשעפטיגען זיך מיט אַזאַ בריאה, ווי ליזער איז.

און די דריי יונגען אין מיטען טייך רייבען גליטשען. זיי אַרבייטען, זעהט מען, פאַר'ן כלל... עס איז פעראָרדענט געוואָרען אויסצורייבען

10 גליטשען, אויסגעריבען זיינען שוין אַלע, נאָר „גלאַט" איז נאָך איינער ניט, אַ גליטש דאַרף גלאַט זיין.

און איינער פון די דריי אינזשעניערען וואַרפט זיינע בליקען אויפ'ן גרויסען עולם און שרייט אויס:

— נו, חברה, איצט דאַרף מען קריגען עפּיס אַ „יתום" דורכפיהרען איהם אויפן פּלייטשע איבער די גליטשען און אויסגלעטען זיי...

ביי לייזער רייסט זיך עפּעס אָב אינווענינג, ער וויל זיך אָבּרוקען, נאָר דאָס גיעט איהם ערשט אַרום.

— אָט איז דער יתום! ווערט אַ געפּילדער.

לייזער הויבט אָן פּאַר שרעק שרייען: מאַמע! און וויל זיך לאָזען לויפען, ער ווערט אָבער גלייך געפאַנגען פון צוויי „חברים" וועלכע פיהרען איהם אַרויף אויפ'ן מיטען טייך און אויסציהענדיג איהם אויפ'ן פּלייצע איבער דעם „לאַנגען" גליטש, וואָס דיענט נאָר פּאַר די אָנפיהרער פון דער תלמוד תורה, פיהרט מען איהם אַזוי, האַלטענדיג איהם — איינער פּאַר איין האַנד און נאָך איינער פאַר דער צווייטער האַנד, איבער עטליכע מאָל

וועה טהוט איהם ניט, פערקערט, לייזער פיהלט, ווי ער פאָהרט, נאָר דער געפיהל פון פאַרדראָס ברענגט און זידט אויף זיין האַרצען... פּאַר וואָס עפּעס איהם!? אַז ער גליטשט זיך גאָר ניט! גוואַלד, מאַמע טאַטע!...?

ענדליך ווערען אַלע גליטשען מיט לייזערס פּלייצע אויסגעגלעט און ער איז שוין פריי...

ער שטעהט, אַ'נאויסגעוויינטער און אַ ערלויכטערטער און קוקט, ווי חברה גליטשען זיך און אַ ביסעל טהוט איהם שוין הנאה די מעשה: פאָרט האָט ער דאָ אַריינגעלעגט אַ שטיק אַרבייט... כמעט, ווען ניט ער, וואָלטען די גליטשען געטויגט אויף אַ פייער... דאָס גיעט איהם צו מוט און ——— ער לאָזט זיך צו צום קלענסטען גליטש און וויל אַ שטיף טהון, אַ גליטש טהון זיך...

וואוחין קריכסטו, יתום! דערהערט ער הינטער זיך אַ געשריי. און באַלד אַ זעטץ איבערן קאָפּ אַז דאָס היטעל פאַלט גלייך אין שנעע אַראָפּ:

לײזער קען שױן אַזאַ אומרעכט נישט בעגרײַפֿען. אַנשטאָט מוראָ בעהערשט איהם אַ געפֿיהל פֿון פּראָטעסט און װענדענדיג זיך זיך מיט בלוט פֿערלאָפֿענע אױגען צו דער חברה שרײַט ער אױס:

— איך האָב דאָך זײ אױסגעגלעט!... איך װיל זיך אױך גלײַ...

נאָר ער ענדיגט נישט. קלעפּ שיטען זיך אױף איהם פֿון אַלע זײַטען...

און ער ענטלױפֿט אַ צובלוטיגטער בעגלײט מיט אַ געלעכטער און שנעען־קױלען, װאָס אַלע טרעפֿען איהם אונטער'ן קאָלנער...

נאָר װײַנען װײַנט ער נישט: ער האָט נישט קײַן טרערען און האָט נישט פֿאַר װעמען...

VII.

דעם טאטענס שטיוועל.

אלע ווייסען, אז שטיוועל „מאכט מען" און א הויז בויט מען, חיים, אן ארימער טאטע פון 5 קינדער מיט א צוגאב א ווייב, איז קיין משוגענער ניט געווען, פון דעסטוועגען פלעגט ער שטענדיג זאגען: מען דארף בויען א פאר שטיוועל, אדער: איך האב, גאט צו דאנקען, אויפגעבויט א פאר שטיוועל... און זאגען פלעגט ער דאס ניט אין א וויץ—חיים'ען איז ניט געלעגען אין קאפ זיך צו וויצלען, — נאר אין ערנסט. דערפון קאן מען שוין פערשטעהן, ווי וויים חיים'ען איז שווער אנגעקומען צו מאכען זיך א פאר שטיוועל. און נישט אפט, פערשטעהט זיך, איז חיים אין שטאנד צו בויען זיך שטיוועל: אין משך פון צוואנציג יאהר נאך זיין חתונה, האט ער זיך סך הכל געבויט דריי פאר שטיוועל. עס איז לייכט אויסרעכנען, אויף ווי פיעל יאהר עס מאכט אוים א פאר שטיוועל און צו בעגרייפען, ווי פיעל לאטעס א פאר שטיוועל האט מיט דער צייט בעקומען...

חיים פלעגט זאגען, אז ווען עס זאל זיך ווענדען נור אן איהם אליין, וואלט ער געטראגען א פאר שטיוועל ביז'ן טויט אריין; ווארען ער ווייסט, ווי אזוי מען דארף זיך בעגעהן מיט א פאר שטיוועל; ער פערשטעהט ווען די פאר שטיוועל זענען דארשטיג, און ווילען א טרונק, נאטירליך ניט קיין וואסער, נאר „דזיעגיץ", וואס ער פלעגט קויפען פאר דער לעצטער קאפיקע — און ווי אזוי זיי אבצוהיטען פאר איין אונגליק, ווי א פלאצונג פון דעם לעדער, א ריס א. ד. ג. איז אבער איין אונגליק, אז מיט די שטיוועל, וואס געהערען איהם אליין על פי דין און על פי יושר, און מען רופט זיי טאקי אין שטוב: „דעם טאטענס שטיוועל", בענוצט זיך דאך דאס גאנצע הויז־געזינד, איבערהויפט הערבסט און

ווינטער צייט, און דאָס איז פאַר די שטיוועל געווען, ווי חיים פלעגט זיך ביי'ז אויסדריקען „אַן אֶמת'ע הריגה" — מען קוילעט זיי ממש אַוועק פאַר דער צייט! אָט, למשל, די יעצטיגע פאָר שטיוועל, וואָס ער האָט ערשט סך הכל מיט 5 יאָהר צוריק געבויט, האָבען שוין דריי לאַטעס און וואָלטען, עס זאָל נאָר זיין געראָטען קעשענע און פרעהליך אויפ'ן האַרץ, געדאַרפט נויטיג ווי דאָס לעבען, אַ פּיערטע לאַטקעלע.

מילא, אַז דאָס ווייב, וואָס האָט נעבעך זעהר צעריסענע שיך, טהוט זיי אָן אין דער פריה, ווען חיים שלאָפט נאָך און געהט אין זיי נאָך וואַסער, איז אַ האַלבע צרה; ערשטענס איז זי אַן „עלטערער מענש" מיט שכל, און ווייס, ווי אַזוי מען בעגעהט זיך מיט אַ שטיוועל (חאָטש, אייגענטליך, איז דאָס אַ מאַנס-בילשע זאך...), צווייטענס האָט זי טאַקי קיין עין הרע אויך אַ גרויסען פוס, פונקט ווי זיינער, און דאַריבער שאַדט איהר טריט ניט אַזוי שטאַרק. די זעלביגע זאַך איז מיט די עלטערע קינדער, וואָס האָבען אויך נעבעך אַלע צעריסענע שיך, וואָס נעצען און קוויטשען, ווי מען שטעלט זיי נאָר אַרויס אויף דער בלאָטיגער גאַס. און זיי, וואָס געהען זומער-צייט אַרום באָרפוס, האָבען אויך, קיין עין הרע ניט, גרויסע פיס און פון זייערס אַ טריט קען אויך אַזוי שטאַרק אַ שטיוועל נישט ליידען. דאָס אונגליק איז נאָר מיט לייבעלען, מיט'ן 12 יעהריגען מוזינעקעל, וואָס האָט להלוטין קיין שיך ניט און האָט, בערך אַ קליין פיסעל. און אָט זיין פיסעל איז שוין אַ הריגה פאַר'ן שטיוועל...

חיים, וואָלט איהם אפילו ניט געלאָזט זיי אָנטהון: אין חדר געהט ער שוין דעם לעצטען ווינטער סיי ווי סיי ניט. ער אַליין לערנט מיט איהם אַ שטיקעל חומש. אַרויסגעהן אויפ'ן הויף, קען ער אין די „חאָדאַקעס" 1), וואָס זענען ספּעציעל געמאַכט געוואָרען צו פערשאַנעווען די איינציגע פּאָר שטיוועל און יענע שיך פון שטוב, וואָס זענען שוין לאַנג אַפילו, דאָך אַמאָל נייע געווען... ווילט זיך איהם אָבער אַרויסגעהן אין מאַרק אַריין, ווען מען וויל גראָד שיקען אין עלטערן נאָך אַ האַלבען הערינג, למשל:

---

1) הילצערנע שטעק־שיך.

— ווילסט גערן אין מארק אריין — זאָגט איהם חיים בלומרשט ביין, ווארום אין אמת'ן האָט ער איהם ליעב — גערן אין די „חאַראַקעס"׳.

— אין די חאַראַקעס! פערקרימט זיך לייבעל ווייגענדיג, עס איז דאָך קאַלט.

— קאַלט? טאָ זיץ אין שטוב! ענטפערט חיים.

— אין שטוב, אין שטוב! — וויינט לייבעל — א גאַנצען טאָג אין שטוב?

— מילא, גיעב איהם שוין די שטיוועל! — מישט זיך אריין די מאַמע, — זאָל דאָס קינד זיך א ביסעל דורך־לופטערן. ער ווערט דאָך גענוג פארזעסען.

— ביזט א בעל צדקה! בייזערט זיך חיים און הויבט אָן, פון דעסטוועגען, אראָבצוטשלעפען די שטיוועל, פריהער פון לינקען, דערנאָך פון רעכטען פוס, ווי עס שטעהט ערגיץ אין א ספר (חיים איז א יוד וואָס קען לערנען!)

— נאַ! זאָגט ער אַרויס, ווענדענדיג זיך צו לייבעלען מיט א טאָן, אין וועלכען עס הערט זיך: נעהם מיין נשמה!

לייבעל, וואָס פערשטעהט ניט, ווי גרויס דער קרבן איז, וואַרפט שנעל פון זיך אראָב די חאַראַקעס און מיט א שטראַהלענדיג געזיכט הייבט ער אָן אַרויפציהען דעם רעכטען שטיוועל אויף דעם לינקען פוס...

דערזעהענדיג אזא ווילדען טעות, ווערט חיים ווירקליך בייז און, אָהן א וואָרט צו רעדען, נעהמט ער צוריק די שטיוועל.

— פאַר וואָס? פרעגט לייבעל מיט א געקלעמטע הערצעל. אויסשטעלענדיג אויפ'ן טאַטען די פערטרערטע אויגען.

דערפאַר, וואָס דו ביזט א גוי. ווי טהוט מען אָן שטיוועל? דעם רעכטען אויפ'ן לינקען פוס?! צערקרימען ווילסטו זיי?!

לייבעל בלייבט שטעהן, ווי א פערשולדיגטער, אָהן א וואָרט פערטיידיגונג, און אין דער אמת'ן — מיט וואָס קען ער זיך פערטיידיגען געגען אזא עולה, ווי ער האָט געטהון? אָנטהון דעם רעכטען שטיוועל אויף דעם לינקען פוס!...

מישט זיך אָבער ווידער אריין די מאַמע (אָ, די מאַמע, די מאַמע, לאַנג לעבען זאָל זי!...) און זאָגט:

— פון וואנען זאל ער, נעבּיך, וויסען, ווי מען טהוט אָן א פּאר שטיוועל? דו האסט א סך פאר שטיוועל איהם געמאכט („געבּויט" ווילט זיך חיים'ען פערבּעסערן. נאָר ער בלייבּט בּיי'ן ווערלען). די „חאָדאקעס" וואס ער טראָגט, זענען איינפּיסיגע.

בּיי אזא מין גערעכטיגע פערטיידיגונג ווערט שוין לייבעל שטאָלץ און טרייבּט שוין אפילו איבּער די מאס. ער גיעט, ווענדענדיג זיך צום טאטען, א געשריי:

— גיעבּ מיר די שטיוועל! די שטיוועל גיעבּ א הער!...

איצט דערפיהלט זיך חיים שולדיג! האט קיין מוט ניט צו אָנשרייען אויף לייבעלען, וואס איז עובר אויף „כבוד אָב" און ער גיעט איהם צוריק די שטיוועל, און לייבעלע טהוט זיי שוין אָן ווי געהעריג איז.

— אָט אזוי! לויבּט חיים.

אז ער קוקט זיך אָבּער צו, ווי אזוי לייבעלע מאַכט דעם ערשטען טריט, קען ער זיך ניט איינהאלטען און גיעט איהם ארוף צוריק:

— ווי אזוי געהסטו? קרים ניט די אָבצאסען. געה ווי א מענש!

נאָר לייבעל הערט שוין נישט! ער האט שוין האסטיג געעפענט די טהיר און ער „שוועבּט" שוין, אין די גרויסע שטיוועל, איבּער דער בלאָטיגער גאס און איהם דאכט זיך, אז פאר שמחה האָט ער בעקומען פליגעל.

א קלייניגקייט: ער, לייבעלע, א שנעק פון 12 יאָהר, געהט אין טאטענס שטיוועל, אין אזוינע גרויסע!...

און פאר גליק, שפּרינגט ער אונטער, חאָטש ער ווייס, אז פאר די שטיוועל איז עס ווי דער טאטע זאגט: „איין אָמת'ע הריגה"...

VIII.

די יודענע מיט באָב.

דער גרויסער טאָפּ באָב, וואָס חייקע די אַלמנה, אַ הויכע דאַרע יודענע מיט גוטע שוואַרצע אויגען, וואָס מען זעהט זיי קוים אַרויס פון אונטער'ן טיעף אַראָבגעלאָזטען קאָפּ־טיכעל — דער גרויסער טאָפּ באָב, וואָס זי קאָכט צום פערקויפען, איז אין די גאַסען, וואו זי געהט אום, זעהר אַ גאַנגבאַרע סחורה; מען רייסט זיי פון די הענד. ערשטענס איז באָב ביליג — אַ קאָפּיקע אַ מעסטעל; און צווייטענס קויפט זי זעהר גוטען באָב און קאָכט איהם אוים זעהר ווייך. ווער עס קויפט ביי איהר איין מאָל, ועט שוין אַ צווייטען מאָל זי זוכען. אַזאַ נאָמען האָט איהר באָב! זי זאָל זיין בעזאָנדערס שטאָלץ אויף איהר סחורה, קען מען ניט זאָגען: משטיינס געזאָגט, דער גאַנצער יחוס פון באָב! אַז „ער" האָט געלעבט און האָט געקנעלט מיט אלף־בית קינדער, איז געווען אַביסל בעסער! האָבען איהר אַ זעכציג קינדער נערופען „רביצין". אַוודאַי איז „רביצין" שעהנער, ווי באָב־יודענע... וואָס זאָל מען אָבער טהאָן? דאַרף „ער" קריגען די סוכאָטע און אַוועק־שטאַרבען! מסתמא האָט גאָט אַזוי געוואָלט.

אָבער מאַנכע מינוטען פון גדולה גיעט איהר אויך דער מסחר פון באָב, און ניט נאָר גדולה, נאָר אַפילו שמחה און נחת.

ווי געזאָגט האָט זי איהר באָב זעהר לייכט פערקויפט אין די אָרעמע גאַסען. אַרומגעהן אין די הייזער מיט'ן באָב האָט זי ניט

געבּרויכט ; נאָר אין אײן הויף פלעגט זי מיט אַ בּעזונדער שׂמחה און גדולה אַרײַנגעהן מיט איהר סחורה. אָבּער ניט צוליעב פדיון, נאָר צוליעב גאָר עפּיס אַנדערש . . .

אַרײַנגעהענדיג אין דעם גרויסען תּלמוד־תּורה־הויף , וואָס איז אַרומגעצוימט מיט אַ הויכען לאַנגען פּאַרקאַן , האָט זי דערפיהלט , אַז איהר לעבּען איז נאָך ניט אַזוי פינסטער , ווי זי מײַנט , אַז זי לעבּט און בּרענגט נוצען מיט איהר לעבּען.

אין דעם דאָזיגען גרויסען הויף , צווישען די פיעלע אָבּגעריסענע אָרעמע תּלמוד־תּורה יונגלעך , געפינט זיך אײנער, אויך אַנ'אָבּגעריסענער ווי אַלע איבּעריגע , און אַ יתום — דאָס איז איהר בּערעלע ; איהר טהײַערער קדיש .

— בּערעל ! די מאַמע מיט'ן בּאָבּ איז געקומען ! הערט זי, אַרײַנגעהענדיג אין הויף , ווי קינדערשע שטימען רופען .

איהר האַרץ הויבּט אָן קלאַפּען פאַר פרײַד , איהרע אויגען אונטער'ן קאָפּ־טיכעל שײַנען .

— בּערעלע ! רופט זי מיט נחת .

און עס בּעווײַזט זיך אַ בּלאַס יונגעלע , מיט צוויי שוואַרצע אייגעלעך און מיט אַ צודראַפּעט שפּיץ נעזעלע , ער לויפט צו צו דער מוטער און לאָזט פערשעמט אַראָבּ די אויגען .

— בּערעל ! האָסט שוין געלערנט ? פרעגט זי מיט ליעבּשאַפט .

— שוין צוויי מאָל ! ענטפערט פאַר בּערעלען אַ צווייטער מיט אַ פּנים פון אַ רעכטען קונדס , און לאָזט ניט אַראָבּ די אויגען פון טאָפּ מיט בּאָבּ , וואָס איז איבּערגעדעקט מיט אַ נישט זעהר קלאָר , פון פאַרע דורכגעפײַכטען טישטוכעל .

— און ווער בּיזטו ? פרעגט חײַקע מיט אַ גוטמוטיגען שמייכעל , קוקענדיג דאָ אויף איהם , דאָ אויף איהר בּערעלען .

— אַייער בּערעלעס אַ חבר ! — שיסט אויס דער קונדס'ל מיט נצחון , און קוקט אויפ'ן טאָפּ מיט בּאָבּ .

— ער שלאָגט דיך ניט , בּערעל — האַ ? פרעגט זי בּעזאָרגט .

— ניין מאַמע ! ענטפערט בּערעלע פערשעמט .

— איך נעהם זיך פאַר איהם שטענדיג אָן! — שרייט דער קונדס אוים מיט היץ — ניט אֶמת, וואָס? זאָג בערעל!

בערעל שווייגט, נאָר אין זיין שעמעדיגען שמייכעל שטעקט א בעשטעטיגונג.

— נו, ווילסט א ביסעל באָב? פרעגט זי דעם קונדס'ל.

דער קונדס דערפרעהט זיך און פערשעמט זיך צוזאמען.

— אומזיסט וויל איך ניט... איך וויל קויפען...

— האסט דען געלד? שמייכעלט גוטהערציג די אַלמנה.

— בּאָרגען... איך וועל אייך מאָרגען אָבגעבען, אויף נאמנות!

— נו, איך באָרג דיר, ביזט אוודאי אַן ערליך יונגעל! ענטפערט חייקע גערוהרט און שיט איהם א פול מעסטעל באָב אין די ביידע אויסגעשטלטע, דאַרע און קויטיגע הענדטלעך אריין.

— א דאנק... זאָגט ער אַרוים ווי צוטומעלט פאַר גליק. באלד אָבער חאפט ער זיך, אז מען דאַנקט נאָר פאַר א מתנה, ער אָבער נעהמט דאָך נאָר אויף „באָרג“, פערריכט ער זיך:

— מאָרגען בעצאָהל איך אייך!

חייקען מיט'ן טאָפּ רינגלען דערוויילע אַרום די אַלע יונגלעך, וואָס האָבען שוין אָבגעלערנט דעם פריהמאָרגענדיגען „שיעור“. ווער עס קויפט פאַר באַאַר, ווער אויף באָרג און ווער עס בעטעלט מיט שטומע יתומדיגע בליקען.

חייקע שטעלט אַלע צופרידען, און אז זי געהט אוועק טאנצט דער גאנצער תלמוד־תורה־הויף פאַר פרייד.

און דער אָבגלאַנץ פון דער פרייד בלייבט ביי חייקען אויף א גאנצען טאָג. פאַר נאַכט קומט בערעל אהיים, און זי פרעגט איהם:

— נו, בערעלע, היינט האָט דיר קיינער ניט געשלאָגען?

— די יונגלעך ניט, נאָר דער רבי... ענטפערט בערעל אומעטיג. דערצו האָט שוין חייקע קיין מיטעל ניט. געלד פאַר'ן רבי'ן האָט זי ניט און באָב עסט ער ניט — עס שאַדט איהם צום געזונד.

IX.

דָאס בֶּענְשֶׁער׳ל.

געהאַט האָט גרשון — אַ צעהניאָהריגער תלמוד תורה יונגעלע — אפילו חשק צום קליין סדור׳ל, וואָס האָט זיך געפונען ביי׳ן פאַקען־טרעגער אין קאָשיק, ווייל דאָס סדור׳ל איז געווען אין אַ רויטען אייַנבונד און די אותיות אויפ׳ן טאָוועל זענען געווען אמת׳ע גאָלדענע און האָבען געפונקעלט נאָך בעסער ווי גאָלד. נאָך פאַר דאָס סדור׳ל האָט דער פאַקענטרעגער געבעטען אַ גילדען און גרשון האָט מעהר ניט געהאַט, ווי אַ פיערער׳ל, וואָס ער האָט אַליין פערדיענט ביי זיין מאַמען, גרונה די אַלמנה. האָט ער זיך מישב געווען, אַז ער וועט גאָר קויפען דאָס בענשער׳ל. אמת. בענשען קען ער אויסווייניג, אָבער אין בענשער׳ל שטעהט דאָך ניט נאָר בענשען אַליין! דאָרטען שטעהט קריאַת־שמע, ציצית־בענשען און אַ פולע ברכות, און דערצו איז נאָך דאָס בענשער׳ל אַ קליינס מיט רויטע פאָדער־בלעטעליך און שען צוזאַמענגענייט.

און גרשון האָט עס אָבגעקויפט פאַר אַ פיערער׳ל.

געקומען אַהיים, האָט איהם די מאַמע געגעבען עסען וועטשערע פאַרפעל.

— וואַרט, ווי מאַכט מען אַ ברכה אויף פאַרפעל? האָט ער צו זיך אַליין גערעדט. דער שגץ האָט געוואוסט, אַז אויף פאַרפעל מאַכט מען מזונות, נאָר ער האָט געוואָלט זיך אַליין אָבנאַרען. אַז ער ברויך דאָס בענשער׳ל נויטיג צו האָבען, אַז ער האָט עס געקויפט ניט חלילה דערפאַר וואָס ער איז אַ צולאָזען־

יונגעל און פטרט גלאַט אומזיסט געלד נאָר אַדרבא, ווייל ער איז אַנ'עהרליך יונגעל, וואָס מוז האָבען אַ בענשער'ל, ער זאָל וויסען ווי אַזוי מען מאַכט אַ ברכה.

— אויף פאַרפעל מאַכט מען מזונות! האָט ער הויך געלייענט.

— וואָס לייענסטו דאָרטען? האָט די מאַמע פאָרענדיג זיך ביי'ן פריפעטשיק נעפרעגט.

— איך האָב געקויפט אַ בענשער'ל! האָט גרשון געזאָגט מיט אַ גלאַנץ אין די אויגען.

— ניט קיין נאַרישקייט, האָט די מאַמע איהם נאָכגעגעבען: וויפיעל קאָסט?

— אַ פיערער... זעהסט — אַ טייערער בענשער'ל, האָט ער געלאָזען די טעלער פאַרפעל און צוגעטראָגען דאָס בענשער'ל צום אויוען.

די מאַמע, ניט קיין געלעהרענטע, האָט עס גענומען אין דער האַנד, אַריינגעקוקט אין איהם און מיט אַבשיי געענפערט:

— אַ גוטער בענשער'ל — ווערט אַ פיערער. זיי נור אַ יוד און וויל לערנען:

גערשונקע עסט אָב וועטשערע און זוכט די ברכה אחרונה.

— ווערט אַ פיערער! טרייסט ער זיך נאָך דער ברכה אחרונה, חאָטש דער שגץ קען די ברכה אחרונה אויך אויסווייניג.

יעצט נעהמט ער זיך צו איבערקוקען אַלע ברכות. אָ, וואָס מאַכלים עס טהוט זיך אויף דער וועלט! גאַנצע פיער בלעטליך איינגעטונקט מיט גוטע זאַכען!

— „אַגרעסען וואָס מען קען זיי עסען רויע"... ע... דאָס ווייס איך... ער לייענט ווייטער.

— „אוגערקעס"... דאָס ווייס איך אויך.

— „איינגעמאַכטס" — איינגעמאַכטס עסט מען דאַכט זיך פסח... מאַמע, ווען עסט מען איינגעמאַכטס?

— ווען גאָט העלפט! זיפצט די מאַמע...

— „אייער"... אייער עסט מען צום סדר, דאָס ווייס איך — ער לייענט ווייטער.

— „אינגבער... אַי, אינגבער איז אַ גוטע זאַך, אינגבערליך

פערקויפט מען נעבען תלמוד־תורה צו גראָשען אַ שטיקעל... עס איז גאַנץ געשמאַק...

„פּײַכטע״ — מאַכט מען „האדמה״, — „טרוקענע אָהן אַ ברכה״... ע... די יודענע פערקויפט טרוקענע, קוים וואָס מען בײַסט אײַן...

ער לײַענט ווײַטער:

— „און אַזוי, איז דער דין בײַ פעפער״... ע... פעפער איז בלאַטע... פעפער האָט ער פײַנט.

— „אַרבּים, פּאַסאָלים״ — דאָס איז גאָר נישט...

— „לימאָנע שאָלעכץ״... מאַמע, וואָס איז דאָס לימאָנע שאָלעכץ?...

— לימאָנע שאָלעכץ... פערטראַכט זיך די מאַמע: צי זאָל דאָס ניט זײַן אָפּטמאָל אַזאַ מין ציטרין?

— אַ, ציטרין ווײס איך!... שרײַט גרשון אויס: עס איז זויער... איך ווײס!

ער לײַענט ווײַטער און וואָס ווײַטער ער לײַענט, קריכט ער אַלץ אַרײַן אין אומבעקאַנטערע מאכלים, וואָס ער האָט קײנמאָל זײער נאָמען אפילו ניט געהערט. איבערהויפּט געפעלט איהם דער מאכל „סטרודיל״״, אויף וואָס מען מאַכט „מזונות״.

— וואָס איז דאָס סטרודעל, מאַמע?

— לאָמיר, מײַן זוהן, אַזוי ניט וויסען פון בײַז, ווי איך ווײס ניט וואָס דאָס איז, עס מוז זײַן אַזאַ געפילטער טײַגעכציל.

— עס מוז זײַן געשמאַק, איז זיך גרשון משער.

— מסתמא איז דאָס ניט שלעכט, גיט איהם נאָך די מאַמע.

גרשון לײַענט ווײַטער. ער פערטיעפט זיך שטאַרק אין בענשער׳ל, איהם איז ניט אַזוי וויכטיג די ברכה ווי די מאכלים, די ברכות זענען גאָר פשוט׳ע: אָדער האדמה, אָדער מזונות, אָדער שהכל, די מאכלים אָבער זענען אַזוי פיעל און אַזוי פערשיעדען!...

ענדליך ווערט ער מיעד און, דאַכט זיך, ווי ברוגז׳ליך: פאַראַן אַזוי פיעל גוטע מאכלים אויף דער וועלט און ער ווײסט פון זײ גאָר נישט! פאַר וואָס איז עס אַזוי? ער איז אַזאַ עהרליך

יונגעלע — ער האָט פאַר'ן לעצטען פּיערער'ל געקויפט אַ בענשער'ל. עפּים פיהלט ער, אַז עמיצער האָט איהם געטהון אַן עולה און ער ווייסט ניט ווער...

ער לאָזט דעם צעטעל פון די מאכלים און נעהמט זיך צו די אַנדערע ברכות. „אויף אַ דונער מאַכט מען: שכּחו וגבורתו״... ע... צו זומער איז נאָך ווייט, טראַכט ער. אויף שנעע מאַכט מען ניט קיין ברכה.

„אַז מען טהוט אָן אַ נייעס בגד, מאַכט מען: ברוך אתּה מלביש ערומים״.

דאָס איז שוין יאָ אַ אינטערעסאַנטע ברכה. נאָר וואָס איז די פעולה אַז ער טהוט קיינמאָל ניט אָן קיין בגד'ל, אַלץ געלאַטעטע און געלאַטעט. די מאַמע האָט אַ גרויסען קנויל פאָדעם און לאַטעט רק.

— מאַמע, אויף פסח וועסטו מיר נייהען אַ בגד? פרעגט ער.

— הלואי, מיין זוהן.

„עט, זי וועט ניט נייהען, איז ער זיך מיאש, די ברכה „מלביש ערומים״ וועט ער קיינמאָל ניט דאַרפען מאַכען... קיינמאָל ניט! און וואָס האָט ער גאָר געדאַרפט דאָס בענשער'ל? אַז קיין זאַך האָט ער ניט!...

X.

יענטעלע.

בשעת קריינער האט געדונגען דאס בעטיל פאר דריי רובל א חודש ביי זיינע „בעלי־בתים”, האט ער אויסגערעדט בפירוש, אז ער קומט אהיים, צעהן א זייגער אבענדס און געהט אוועק אין דער פריה ניין. אז איהם פלעגט אבער נמאס ווערען אומדרעהען זיך א גאנצען טאג אין די גאסען, פלעגט ער א מאל קומען ביי טאג אויך. דער בעל־הבית, אנ'ארבייטער, איז קיינמאל אין דער היים ניט געוועזן און די צוויי יונגע טעכטער, וואס האבען געארבייט אין א „מאסטערסקאיא” פון קליידער, פלעגען נאר קומען ביי טאג אויף א האלבע שעה עסען מיטאג. די קליינע 12־יעהריגע יענטעלע, וואס האט געארבייט אין א פאבריק פון האלזטוכען און האט שוין פער־דיענט א פערטעלע א וואך, פלעגט קומען פון איינס ביז דריי, און אז די בעל־הבית'טע אליין, וואס פלעגט דאס רוב זיצען אין שטוב, פלעגט נאך א מאל אויך אוועקגעהן אין גאס אויף א פאר שעה, וואס. דאס פלעגט טרעפען דאס רוב ווען יענטעלע פלעגט בלייבען, דעמאלט פלעגט קריינער אבלעבען. ער פלעגט בלייבען אין שטוב פריי און אונגעשטערט און פלעגט נאך דערצו פערברייגגען מיט דער קליינער יענטעלען, וועל־כע ער האט ליעב געהאט עפים ווי א קליין־גוט שוועסטער'ל, און וועלכע פלעגט איהם טאקע דערמאהנען זיין קליין שוועסטער'ל אין דער היים, נאך וועלכער ער בענקט אזוי, און הלואי וואלט ער

נאָר געהאַט אויף הוצאות, וואָלט ער שוין לאַנג געפאָהרען זעהן זיך מיט איהר.

אייגענטליך, האָט קיינעם ניט געאַרט, וואָס קריינער פלעגט זיך אַ מאָל אַריינחאַפּען ביי טאָג. די בעלי־בתּים זיינע זענען געווען גוטע אָרימע מענשען און האָבען קריינער'ן, חאָטש ער איז אַ ליטוואַק און נישט קיין פרומער, גאַנץ ליעב געהאַט, און זיי פלעגען איהם אפילו מוחל זיין, וואָס ער פלעגט זיי צאָהלען די דריי רובל ניט צו דער צייט, חאָטש דאָס איז פאַר זיי זעהר שווער געווען. פונדעסטוועגען, אַז קריינער, זיצענדיג ביי טאָג אין שטוב, פלעגט דערזעהן, ווי איינער פון די הויזיגע עפענט די טהיר און געהט אַריין, פלעגט ער זיך גלייך אויפשטעלען, מאַכען זיך כּלומר'שט ווי ער איילט זיך און אַ מאָל נאָך אַרויסריידען:

— איך האָב זיך אויף אַ ווײַלע אַריינגעחאַפּט און האָב זיך פערזעסען.

— נו, קיין בייז ניט.. פלעגט ער דאָס רוב בעקומען אַנ'ענטפער.

נאָר קריינער פלעגט ניט האָבען קיין מוטה בלייבען ווייטער זיצען און פלעגט זיך לאָזען ווידער אין די גאַסען, צו בעקאַנטע, אַ מאָל אַ זאַטער, אַ מאָל אַ הונגעריגער...

איינמאָל איז ער געקומען איינם אַ זייגער אויף דער קוואַרטיער.

ער איז אַ גאַנצען פריה־מאָרגען אומגעגאַנגען און האָט געזוכט ערגיץ אַ גמלות־חסד אויף אַ פריהשטיק, חאָטש צעהן קאָפּיקעס, נאָר עס האָט איהם עפּיס ניט געגלאָלטען די בעקאַנטע זענען געוואָרען גלייכגילטיג צו זיין לאַגע, און האָבען איהם כּמעט אַלע אָבגעזאָגט צו לייהען צעהן קאָפּיקעס. שפּעטער, אַ זייגער עלף, איז ער ווייכער געוואָרען און האָט אַראָבגעלאָזען דעם גמלות־חסד אויף פינף קאָפּיקעס, וואָלט ער אויך יוצא געווען. נאָר אויף אַזאַ גמלות־חסד האָבען זיך אויך קיין בעלנים ניט געפונען, און קריינער, אַ פערמאַטערטער פון זוכען, אַ פערשעמטער פון די ענטזאָגונגען, אַ גערייצטער פון הונגער און אַבעס'דיגער, וואָס די וועלט איז אַזוי נאַריש־שלעכט איינגעאָרדענט, איז ער געקומען איינם אַ זייגער צו זיין „וואָהנונג".

געטראָפּפן האָט ער יענטעלען. דערזעהענדיג איהר בלאַס פּנימעל, מיט די שוואַרצע גרויסע אויגען, איז איהם ווי גרינגער געוואָרען.

— דו ביזט דאָ, יענטעלע, האַ? האָט ער זי אַ גלעט געטהון איבער'ן קעפּיל, וואָס איז געווען פערדעקט מיט געדיכטע שוואַרצע האָר.

יענטעלע האָט ליעב געשמייכעלט און האָט געענטפערט:

— איך האָב היינט אָבגענומען פאַר אַ חודש אַ רובל..

איהר זעהט?

זי האָט אַרויסגענומען פון אַ פּושקעלע, וואָס איז פאַר איהר געשטאַנען, אַ זילבערנעם רובל.

— ביזט אַ מענש! האָט קריינער געשמייכעלט — ביזט אַ גביר'טע...

— אַ שענע גביר'טע האָט זי געלאַכט, און באַלד איז זי ערנסט געוואָרען:

— אָט מיין עלטערע שוועסטער האָט טאַקי אַפּולע געלד, זי האָט אפשר הונדערט רובל, זי קלויבט נדן... איהר פעהלט נאָך דריי הונדערט רובל, האָט די מאַמע געזאָגט...

— און וויפיעל פעהלט דיר? האָט קריינער געלאַכט.

— חאַ-חאַ-חאַ? איך בין נאָך אַ קליינע.. איך וועל נאָך אָנקלויבען מעהר.

— נו, וואָס וועסטו טהון פאַר'ן רובל האָט קריינער געפאָרשט.

— איך וועל אויפקלויבען נאָך צוויי און וועל מאַכען אַ קליידעל.

קריינער'ן איז עפּיס דורכגעפלויגען אין קאָפּ.

— נו, וואו וועסטו קלויבען דאָס געלד?

— אָט דאָ אין פּושקעלע. ס'איז מיין פּושקעלע, ס'האָט מיר דער טאַטע געשענקט.

— נו, די מאַמע האָט שוין געזעהן דעם רובל! — האָט ער ווידער געפאָרשט און האָט זיך בעמיהט צו ריידען מיט זיין געוועהנליכען קול.

— יאָ! — האָט יענטעלע אויסגערופען.

— . , און די מאמע האָט ביי דיר איהם גאָר ניט געבעטען ?

— ניין, די מאמע האָט מיר געהייסען בעהאַלטען.

— גוט! גוט! האָט קריינער נאָכגעגעבען און האָט געזוכט אַ וועג, ווי אַרויפצופאָהרען צו בעקומען דעם רובל. ער איז געוואָרען שטיל און האָט נור געקוקט אויף יענטעלען, וועלכע האָט זיך געשפּיעלט מיט'ן רובל.

— אַז דו ווילסט... האָט קריינער אָנגעהויבען און האָט זיך אָבגעהאַקט.

— וואָס זאָגט איהר?...

— גאָר נישט...

— נו, מען דאַרף איהם בעהאַלטען... האָט יענטעלע פּרוּצים בעשלאָסען, נעהמענדיג דאָס פּושקעלע מיט'ן רובל און לאָזענדיג זיך ערגיץ אין אַ ווינקעל.

קריינער האָט איהר נאָכגעקוקט, ער האָט געזוכט עפּיס ווערטער, וועלכע זאָלען אויסדריקען זיין בקשה, דער קאָפּ האָט זיך איהם געדרעהט און דאָס האַרץ האָט איהם געקלאַפּט.

— יענטעלע, קום אַהער... האָט ער זי גערופען מיט אַ פערקלעמטען קול.

— וואָס, קריינער? — האָט יענטעלע געריהרט געפרעגט. דאָס קינד האָט קענטיג עפּיס דערפיהלט.

— יענטעלע, אויף נאמנות. איך וועל דיר אָוועקגעבען, לייה מיר דעם רובל... לייה... איך דאַרף נויטיג האָבען... איך...

— אָך! — האָט זיך יענטעלע אָנגעהאַפּט: נאָט אייך — נעהמט! נאָר זאָגט ניט אויס דער מאַמען, — האָט זי זיך צום סוף געבעטען.

— ניין! האָט קריינער פערזיכערט, — אדרבא, זאָג דו נישט דער מאַמען, אַז איך וועל דיר אָוועקגעבען, וועסטו אויסזאָגען.

— אויך ניט... איהר וועט מיר אָוועקגעבען, אַז קיינער וועט ניט זעהן... נאָט!

— ביזט א שען מיידעל — האט קריינער ווייך געזאגט און האט איהר געריהרט א קוש געטהון אין שטערען.

יענטעלע האט זיך פערשעמט און האט בעהאלטען איהר פנים אין די בלייבע הענדטליך.

— ווערסט זעהן, יענטעלע, — האט קריינער איהר גע־גלעט, — אז איך וועל האבען געלד, און געלד וועל איך האבען א סך, איך קריעג באלד א שטעל פאר זעכציג רובל א חודש, וועל איך דיר קויפען א פרעזענט גאר א פיינעם.

— איך דארף ניט קיין פרעזענט... — האט יענטעל ניט איינגעשטימט.

— וואס דען ווילסטו?

— גאר נישט, איהר וועט האבען געלד, וועט איהר מיר אבגעבען דעם רובל.

— נארעלע דאס אודאי. איך וועל דיר אין עטליכע טעג אוועקגעבען.

— ס'א דאגה — איהר קענט מיר אוועקגעבען ווען איהר ווילט, ביז וואנען איך וועל דארפען מאכען א קליידעל.

קריינער האט געוואלט איהר עפעס ענטפערן, אויסדריקען איהר זיין דאנקבארקייט, און פערשפרעכען איהר עפיס גוטעס, זאל זי וויסען, אז פאר גוטס בעצאהלט מען גוטס, נאר עס האט זיך דערהערט א קלאפ אין טהיר.

— ש ש ש... — האט יענטעלע איהם א מאך געטהון מיט'ן פינגער.

קריינער האט זיך אויפגעהויבען.

עס איז אריין די מוטער.

— נו, האסט בעהאלטען דעם רובל? — האט זי געפרעגט.

און איידער יענטעל האט דערשרעקענדיג זיך צוגעקליבען זיך צו ענטפערן, האט די מוטער זיך געווענדעט צו קריינער'ן:

— וואס זאגט איהר אויף מיינע קינדער? הא, וואוילע קינדער... עהרליכע, פערדיענען און גיבען ניט אויס, ברענגען אלץ א היים.

— טייערע קינדער... יענטיל איז גאר א... גאר קריינער

האָט זיך אָבגעהאַקט, ער האָט מורא געהאַט צו פיעל צו לויבען יי און האָט זיך אַרויסגערוקט פון שטוב אַדערשראָקענער.

געהענדיג אין גאַס, האָט זיך איהם געדאַכט אַז די קליינע יענטעלע האָט זיך שוין אודאי אַרוים געחאַפּט, אַז זי האָט איהם פערליהען דעם רובל, און ער האָט מורא געהאַט אויסצוגעבען דעם רובל. פאַרבייגעהענדיג אָבער פאַר אַ רעסטאָראַציע האָב איהם עפּעס אַ ציה געטהון און האָט זיך גלייך געזעצט עסען, פערגעסענ-דיג אָן יענטעלען און אָן דער גאַנצער וועלט...

די ערשטע צוויי טעג נאָך דעם האָט קריינער'ן פערפאָלגט דער געדאַנק, וואו וועט ער נעהמען פאַר יענטעלען דעם רובל אויף אוועקצוגעבען, אמת, ער האָט געהאַט האָפנונגען גענוג: דאָ האָט מען איהם פערשפּראָכען צו געבען אַ שטעל אין אַ געשעפט, דאָ האָט איהם איינער צוגעזאָגט קריגען לעקציאָנען, און אַ דריטער האָט איהם געזאָגט, אַז ער האָט פאַר איהם ביי איין אַדוואָקאַט אַ סך פּאַפּירען אויף איבערשרייבען. נאָר די אַלע האָפנונגען פלע-גען ווי צורינען, ווען ער פלעגט קומען ביי טאָג אויף זיין קוואַרטיער און דערזעהן זיין יענטעלען, זיין קליינע קרעדיטאָרין, וועלכע איז אַזוי זיכער אין איהם און פרעגט אַפילו ניט ביי איהם וועגען דעם רובל.

דאָס ניט-פרעגען האָט נאָך איהם ערגער געדריקט. און ער האָט אויפ'ן דריטען טאָג אַליין אָנגעהויבען צו ריידען:

— נו, יענטעלע, דאַרפסט נאָך ניט דעם רובל?

— ניין. איהר קענט נאָך איהם האַלטען, — האָט זי ליעב-ליך געענטפערט. — איך וועל אייך אַליין זאָגען...

— די מאַמע ווייסט ניט? —... האָט ער ווי מיט שרעק געפרעגט.

— ווער דאַרף דאָס איהר דערצעהלען! — האָט יענטעלע געענטפערט מיט אַ טאָן פון אַ געניטען מענשען, וואָס ווייסט זיך ווי אַזוי צו בעגעהן אין אַזעלכע זאַכען.

— איך האָב היינט נאָך געלד! — האָט יענטעלע פּלוצים אָנגעזאָגט.

זי האָט אַ קלונג געטהון מיט'ן האַנד אין טאַש פון איהר קליידעל.

— אַ סך עפּיס? — האָט קריינער, וועלכער האָט וויעדער שוין ניט געהאַט קיין גראָשען, מיט פונקלענדע אויגען געפרעגט.

— אַ ביסעלע, צעהן קאָפּיקעס...

— דאָס איז גאָר נישט... האָט קריינער כּלומר'שט גע־לאַכט און האָט זיך געוואונשען זיין יעצט אַ נגיד פון אזא פערמעגען.

— נו, און ביי אייך האָב איך דאָך אַ רובל! — האָט יענטעל זיך געריהמט.

— ווילסט אפשר קלייבען וויטער ביי מיר! — האָט קריי־נער ווי מיט גוואַלד אויסגעשריען און האָט מאָדנע זיך דערשראָקען.

— ניין, דאָס דאַרף איך אויף בענדלעך קויפען... — האָט יענטעל זיך פערענטפערט.

— דאָס ביזטו גערעכט. — האָט קריינער זיך געמאַכט קאַלט צו די צעהן קאָפּיקעס.

דער הונגער האָט איהם אָבער אָנגעהויבען שטאַרקער צו דריקען און ער האָט בעשלאָסען: זאָל זיין וואָס עס וועט זיין — ער וועט ביי איהר נאָך בּאָרגען די צעהן קאָפּיקעס אויך. עס איז פערפאַלען, ער קען שוין ניט ליידען מעהר...

— דו האָסט ניט קיין בענדליך... וואָס דאַרפסטו בענד־ליך, — האָט ער געשטאַמעלט... — פע בענדליך!

ער האָט זיך אָבגעהאַקט.

יענטעל האָט אויף איהם געקוקט און האָט עפּיס פערשטאַ־נען, איהרע שוואַרצע אויגען האָבען טרויעריג געקוקט.

— טאַקי, איך דאַרף ניט קיין בענדליך... — האָט זי אויסגעשטאַמעלט.

— בּאָרג מיר די צעהן קאָפּיקעס!... — האָט קריינער קוים אויסגערעדט.

— נעהמט! — האָט זי פלינק אַרויסגענומען צוויי קופּערנע מטבעות פון קעשענע און דערלאַנגט איהם.

— איז אַרובּל מיט צעהן! געדענק־זשע! האָט קריינער זיבער אויסגערופען...

* *

*

עס איז אריבער צוויי וואכען. קריינער האט נאך אין ווארשוי גאר נישט געפונען. מיט דריי טעג צוריק האט זיך שוין געענדיגט זיין מאנאט און דער בעל־הבית האט שוין צוויי מאל איהם דער־מאהנט!

נאר דאס איז א קלייניגקייט. דאס אונגליק האט זיך נאך נעכטען פערגרעסערט. די קליינע יענטעלע האט איהם אויך דערמאהנט.

— מארגען, — האט זי געזאגט ווי פערשולדיגט, — וועל איך דארפען געבען דער מאמען דעם רובל מיט צעהן קאפיקעס, זי האט געבעטען.

— גו, מארגען וועל איך דיר געבען! — האט ער געענט־פערט, און האט זיך געשעמט צו קוקען איהר גלייך אין די אויגען.

— אז איהר וועט מיר מארגען ניט געבען, וועט דער טאטע מיך שלאגען, — האט זי שטיל צוגעגעבען.

נארעלע, איך וועל דיר געווים מארגען געבען, — האט ער איהר פערזיכערט, און איז ארוים פון שטוב.

— וואס טהוט מען? וואס טהוט מען? — איז ער מיט'ן געדאנק אומגעלאפען אין די ווארשויער גרויסע רוישענדע גאסען: ווי אזוי ראטעוועט מען דאס ליעבע מיידעלע? — וואס טהוט מען, וואו קריגט מען פאר איהר דאס געלד?

די גאסען האבען גערוישט, און קריינער האט ניט געוואוסט ווי אזוי וועט ער אין אזא גערויש געפינען א מיטעל. און קוקענדיג אויף די פיעלע פנים'ער, וועלכע זענען פארביי איהם זיך געטראָ־גען, האט פאר זיינע אויגען אלץ געשוועבט דאס גוטע פנים'על פון יענטעלען.

— וואס־זשע טהוט מען פארט? — האט ער א געשריי גע־טהון הויך אויפ'ן קול, אבשטעלענדיג זיך ביי'ם גרויסען זיינגער אויפ'ן טעאטער־פלאץ וועלכער האט געוויזען פונקט איינס.

— נישט געהן שוין קיינמאָל א היים ! האָט ער בעשלאָסען.
— וואו־זשע טהוט מען זיך א הין ?
קיין ענטפער האָט ער ניט געפונען.
— וואָס וועט זיין מיט יענטעלען ? מען וועט איהר שלאָגען !
די רוישענדע גאַס האָט איהם ניט געענטפערט...

XI.

די פאבריק.

איצטער בין איך שוין אַ גרויסער דערוואַקסענער מענש, אָדער, ווי איך פלעג עס אין מיין קינדהייט רופען — „אַ יוד"... איך האָב שוין אַ שטיק וועלט געזעהן, אין וועלכען עס געפינען זיך גרויסע רוישענדע שטעדט, מיט אַ סך הויכע שטיינערנע הייזער און מיט אַ סך נידעריגע שטיינערנע מענשען... אפילו דעם גרויסען ים, וואָס רוישט אַזוי און שרעקט דעם שוואַכען קליינעם מענשיל, וואָס קוקט איהם אָן מיט זיינע צוויי קליינע אויגען און קען זיין ענדע ניט חאַפּען, — אַפילו אָט דעם פחדיגען ים האָב איך שוין אויך געזעהן.

נאָר ניט די גרויסע רוישענדע שטעדט, נאָר ניט דער גרויסער פחד'גער ים, האָבען מיר געגעבען דאָס, וואָס איך האָב ביי זיי געזוכט. גרויס זענען די שטעדט, וואָס איך האָב געזעהן, נאָך גרעסער איז דער ים; אָבער דאָס, וואָס איך האָב געזוכט, האָב איך ביי זיי ניט געפונען; און ווען איך וויל האָבען דאָס, וואָס איך האָב געזוכט, מוז איך זיך אַוועקלעגען פאַרנאַכט, ווען די זון פערגעהט, אויף מיין בעטיל, אין ענגען צימער'ל, פערמאַכען די אויגען און קלערען, און טראַכטען, און חלומען...

און דאַן שוועבט אַרוים פאַר מיינע אויגען אַנ'אַנדער וועלט — די קינדהייט-וועלט!

און קליין פיהל איך מיר דאַמאָלס, און קליין איז דאָס וועלטיל, וואָס שוועבט פאַר מיינע אויגען, ווען איך ליג פאַר

נאכט אין בעטיל, נאָכדעם ווי די זון פערגעהט, ווען איך פיהל מיר מיעד און דערשלאָגען פון דעם גרויסען לאנגען רושענדיגען טאָג, אין דער גרויסער רוישענדיגער שטאָדט...

* *
*

אַ צטער בין איך שוין אַ גרויסער, דערוואקסענער מענש, אַמאָל בין איך אַ קליין יונגעלע געווען, און מיין וועלט איז געווען דאָס קליינע שטעטעלע מיר די זעקס קליינע שמאָלע געסליך, וואָס האָבען זיך געצויגען, ווי שווארצע שטענגעס, — מיט דעם טייכעלע, הינטער אַ שמאָל קליין געסעלע...

פלעגט זיך אַמאָל טרעפען, אַז לויפענדיג אַזוי צום טייכעלע פלעגט עמיצענס אַ טאַטע אונז בעגעגנען און אונז אַ רוף טהון מיט אַ בייזער: וואוהין? פלעגען מיר זיך מאַכען „כאלו לא ידע", און פלעגען זיך ניט אָבשטעלען. אי וואָס? שפּעטער וועט מען שמייסען, מילא! וואָס נאָכדעם וועט זיין, האָבען מיר ניט גע־זאָרגט. מיר זענען נאָך ניט געווען אַזוי קלוג און „געזעצט", ווי די „גרויסע" און מיר האָבען קיין מורא ניט געהאַט פאַר שפּעטער...

ס'איז ווינטער געווען. מיר יונגליך זענען געזעסען אין הדר און האָבען געלערנט „מרובה". דער פרק איז געווען צו ערנסט און צו שווער פאַר אונזערע לייכטזיניגע קעפּליך און אונז איז בכלל נישט אָנגעגאַנגען, ווי פיעל דאַרף דער גנב בעצאָהלען: צי ד' וה' אָדער תשלומי כפל; פון אונזערט וועגען האָט מען דעם גנב געקענט אין גאַנצען שענקען. בכלל, האָבען מיר נישט פערשטאַ־נען, וואָס בעטייט עס? איינער אַנ'אָרימאַן, וואָס האָט ניט וואָס צו עסען (אַנדערש, וואָלט ער דאָך ניט געגנב'ט) גנב'ט אַ שעפּסעלע, טראָגט עס אויפ'ן פּלייטשע, דאָס שעפּסעלע מעקעט אַזוי טרויריג, — אין גאַנצען אַ יונגעלשע מעשה, קומען צו געהען תנאים און חכמים, אַזעלכע „גרויסע" יודען, און מאַכען דערפון אַ גאַנצען ווערען, קריגען זיך אַזוי שטארק, אַז זיי ברענגען אריין

אונזער רבין אין כעס , און ער שלאָגט אונז מיט די גראָבע רוקענס פון דער גמרא . . . אַ פיינער יושר . . .

און יענעם טאָג האָבען מיר גראָד געלערנט יענעם בעוואוסטען „עמוד״ , וואָס האָט נאָר עטליכע שורות „גמרא״ און וואו דאָס איבעריגע איז רש״י און „תוספות״ , אַזוי אַז דער „עמוד״ מיט די עטליכע שורות גמרא ווייזט אויס , ווי עפּיס אַ קליין אינזעל פערטרונקען צווישען צוויי גרויסע ימים , און מיר דוכט זיך , אַז מיר שטעהען אויפ׳ן אינזעל און ציטערן , און אונזער רבי , דער קאַפּיטאַן וויל אונז איבערפיהרען די צוויי גרויסע ימים , ווייל זיין אַ העלד , נאָר ער קען ניט און ער שרייט און שילט און , ערגער פאַר אַלץ , ער שלאָגט . . .

נאָר אָט עפענט זיך אויף די טהיר און עס לויפט פריהער אַריין אַ ווייסע פארע אין חדר , נאָכדעם פאַרט אַריין בעריל דער שמיד , אַ חדר־יונגילם אַ טאַטע . ער קומט געוואָהר ווערען , וואָס מאַכט זיין יאסקע , און גלאַט אַ ביסיל שמועסען מיט אַ יודען אַ „תלמיד־חכם — מיט׳ן רבין .

שלום עליכם , רבי ! ציהט דער שמיד אויס דעם רבין זיין גראָבע פער־האָרעוועטע האנד .

— עליכם שלום ! — ענטפערט דער בייזער רבי און סטאַרעט זיך צו שמייכלען , נאָר דאָס קומט איהם זעהר שווער אָן .

— זיצט ר׳ בער ! — נו , שקצים , — ווענדעט זיך דער רבי צו אונז , — זיצט רוהיג אַ ווײלע קוקט איבער דעם תוספות דערווייל , און איך וועל אַביסיל שמועסען מיט ר׳ בער׳ן .

מיר קוקען זיך איין אַלע אין דעם גרויסען ים תוספות , נאָר אונזערע אויערן זענען אָנגעשטרענגט צו הערען עפּיס נייעס , וואָס בער דער שמיד האָט געבראַכט . ווייל בער דער שמיד ברענגט שטענדיג אַסך נייעס , ווען ער קומט .

— אַ וועלטעלע געוואָרען , אַ גרויל , אַ גרויל ! — הויבט אָן דער שמיד .

— דהיינו , ר׳ בער ? — ווערט נייגיריג דער רבי און שטעלט אָן די אויערן צו הערען עפּיס אינטערעסאַנטעס .

— אַ גרויל , אַ גרויל ! — האַלט זיך אַלץ דער שמיד ביי׳ן וואונדערן — נו , אַ וועלטעלע !

— אדרבא זאָגט! — טרייבט דער רבי.

— אַ גרויל, אַ גרויל!

מיר קוקען אין תוספות און וואַרטען מיט דער גרעסטער אונגעדולד אויפ'ן „גרויל", וואָס ר' בער דער שמיד וועט מסתמא באַלד דייטליכער ערקלערען.

— אַ קליין שטעדטעלע, — הויבט אַן דער שמיד, — מישטיינס געזאָגט זעקס געסליך מיט אַ מאַרק, די גויעשע געסליך איז דאָך ניטא וואָס צו רעכענען. איהר פערשטעהט?... און אין אַזאַ שטעדטעלע מאַכט מען גאָר אַ פאַבריק... אַ פאַבריק! אַ גרויל!

„אַ פאַבריק"! — גיב איך אַ קלאַפּ אַ חבר מיט'ן פוס.

— אין תוספות קוק! — גיט אַ געשריי דער רבי.

— אַזוי גאָר! — ווענדעט זיך דער רבי צום שמיד. — אַ פאַבריק דאָ אין שטעדטיל; צי משוגע?

— אַ פאַבריק פון שוועבעלעך.

„פון שוועבעלעך!" — גיב איך ווידער אַ קלאַפּ אַ חבר מיט'ן פוס.

— דו קוקסט אין תוספות, צי ניט, גראָבער יונג דו! שרייט אוים דער רבי נאָך העבר און נעמט מיך אָן פאַר'ן אויער און דרעהט אַ „שלשלת"...

— אַזוי גאָר פון שוועבעלעך! וואָס איך הער! — וואונדערט זיך דער רבי און גלאָצט אוים די אויגען.

— יאָ, יאָ, ביי אונז אין שטעדטעלע שטעלט מען אַ פאַ-בריק פון שוועבעלעך.

— משוגע, פשוט משוגע, — לאַכט דער רבי, ווי פיעל שוועבעלעך דאַרף האָבען אונזער שטעדטיל? לאָמיר אפילו רעכענען אַ מאה פעקליך אַ וואָך... לוינט דאָס דען?... פשוט משוגע...

— רעכענט איך, — גיט דער שמיד קאַלטבלוטיג צו פערשטעהן, אַז אַ פאַבריק מאַכט זיך ניט נאָר פאַר אַ שטעדטיל אַליין. די שוועבעליך קענען אַנגעהן אומעטום אין דער גאַנצער וועלט. איהר פערשטעהט... למשל באַריסאָווער שוועבעלעך! באַריסאָווער שוועבעלעך זענען אַ שם-דבר. מען מאַכט דאָרט גאָלדענע געשעפטען.

— אויב אַזוי — זאָגט דער רבי פערקרימענדיג דאָס פנים —

אויב אַזוי איז עפּיס אַנדערש, שיקט זיך דאָס! ווען מען מאַכן, קען געמאָלט זיין, פיינע געשעפטען?

— וואָס פרעגט איהר! גליקליך וועט ער ווערען! — שטעלט פאַר דער שמיד פאַר'ן רבין גרויסע גליקען.

— ווער מאַכט די פאַבריק? — פרעגט דער רבי.

— עפּיס אַ גרויסער גביר פון מינסק; האָט אַ מטמון געלד און זוכט געשעפט.

— און וואו מאַכט ער די פאַבריק? — פרעגט דער רבי ווייטער.

— אַנ'אָרט האָט ער אַ גאָלדענעם, ביי'ן טייכעל, אַ זעל־טענער פּלאַץ.

— ביי'ן טייכעל! — רייסט זיך אַרויס ביי אונז חדר יונגליך ווי אין איין קול אַ געשריי, און מיר קוקען זיך אַלע איבער.

— אין תוספות קוקט! — שרייט דער רבי, — פויערים, ליידאקעס.

— ביי'ן טייכעל! — קלאַפּ איך מיין חבר הינטערן טיש מיט'ן פוס, און מיין האַרץ ווערט איבערפול מיט עפּיס מאָדנע געפיהלען, און פאַר מיינע אויגען מאָלען זיך פאַנטאַסטישע בילדער, און איך וויל פאַלען צו די פיס בערע דעם שמיד און ווינען פאַר איהם און בעטען איהם תחנונים:

— רב בערע האָט רחמנות, זאָגט מיט אַנ'אמת, טאַקי ביי'ן טייכעל מאַכט מען די פאַבריק?... טאַקי ביי'ן טייכעל?...

און מיר גלויבט זיך דאָס גליק ניט...

נאָך פּסח איז די פאַבריק פערטיג געוואָרען. מיר חדר יונגלעך זענען געקומען צו לויפען אָנקוקען זי. איהר אויסזעהן האָט אונז געשראָקען. די הויכע קוימענס האָבען פון דער ווייטענס אַזוי בייז געקוקט און האָבען אויסגעזעהן, ווי זיי וואָלטען וועלען חרוב מאַכען דאָס גאַנצע שטיק פעלד, וואָס געפינט זיך אַרום.

— אַ סארא הויכע קוימענס! — האָט יאָסקע, אַ חדר יונגעל, פון ווייטען אָנגעוויזען.

— ווי עס הודזיעט! — האָט אַ צווייטער יונגעל ווי מיט שרעק אַרויסגעזאָגט.

— קומט נעהנטער! וואָס האָבען מיר מורא? — האָט זיך איינער געמוטהיגט.

— טאַקי, וואָס האָבען מיר מורא? — האָבען מיר זיך אַלע געפּאַסט מוטה — קומט זעהן.

מיר זענען צוגעגאַנגען נעהנטער און האָבען זיך אוועקגעשטעלט ביי'ן טייבעל. דאָס וואָסערל האָט שטיל און טרויעריג גערוישט און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז עס וויינט... עס האָט מיר אויסגעוויזען אַז דאָס טייבעלע האָט מורא פאַר דער גרויסער פאַבריק...

און ניט נאר אויף מיר אַליין האָט דאָס טייבעלע אַזאַ איינדרוק געמאַכט אַלע חדר יונגלעך האָבען, אַנשטאָט צו קוקען אויף דער פאַבריק, זיך אין וואַסער איינגעקוקט און האָבען עפּיס ווי געזיפצט.

— מוטנע וואַסער געוואָרען!
— טאַקי! — האָט אַ צווייטער טרויעריג מודה געווען.
— דאָס איז פון רויך פון די קוימענס...
— אַ רחמנות אויף דאָס טייבעלע, — האָט אַ יונגעלע כלומר'שט לאַבענדיג געזאָגט.
— משוגענער! — האָבען מיר פון איהם אָנגעהויבען צו לאַכען, די הערצעלעך אָבער אינווייניג האָבען אונז געקלעמט און עס האָט זיך וויינען געוואָלט...

„ספירה" האָט זיך געענדיגט; עס איז געווען אַ הייסער טאָג און לערנענדיג מיט'ן בייזען רבין האָבען מיר אַ גאַנצען טאָג אין זינען געהאַט געהן פאַר נאַכט, אַריינוואַרפען זיך אין אונזער ליעב טייבעלע.

און מיט אונגעדולד האָבען מיר געקוקט בגנבה אין פענסטער צו זעהן, וואו האַלט שוין דער שאָטען פון די הייזער, ווען וועט שוין די זון אויף אונז רחמנות האָבען און וועט זיך איבערפּעקלען

ערגיץ ווייט הינטער די הייזער. כּדי דער רבי זאָל אונז שוין לאָזן פריי...

און אָט איז שוין די גאַנצע גאַס „שאָטען״ געוואָרען. דער פּאַסטוך האָט שוין די טשערעדע געטריבען און דער רבי האָט אונז פריי געלאָזט.

— באָדען זיך! — האָבען מיר אין איין קול אויסגעשריען און זיך געלאָזט אַראָב פון געסעל, צום טייכעל.

— הערסט ווי עס פייפט! — האָט, געהענדיג, איין חבר ווי בעזאָרגט אויסגערופען, צוהערענדיג זיך ווי פון וויטען פייפט די פאַבריק.

— זאָל פייפען! וועט זיין פרעהליכער זיך צו באָדען, — האָט אַ צווייטער געזאָגט.

— טאַקי! — האָבען מיר מיטגעשטימט, ווי מיר וואָלטען וועלען זיך אַליין אָבנאַרען.

נאָר וואָס נעהנטער מיר זענען געקומען צום טייכעל, אַלץ מעהר האָבען מיר זיך געשראָקען, עפּיס האָט אונז דאָס האַרץ פאַרגעזאָגט טרויעריגעס...

איך האָב זיך געלאָזען לויפען אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, ווי איך וואָלט וועלען דערמיט צוגעבען מוטה מיינע חברים. נאָר קומענדיג נאָהנט צום טייכעל בין איך געבליעבען שטעהן, ווי פערגליווערט.

— ניטאָ, ברידער קיין טייכעל! צוריק! — האָב איך ווי מיט אַ געוויין אויסגעשריען.

— דזזזזזז!! האָבען די קוימענס געפייפט.

— דזזזזזז!!!

די חדר יונגלעך זענען נעהנטער צוגעקומען, האָבען איינגעבויגען די קעפּ אַריינצוקוקען אין טייכעלע און מיר האָבען אַלע אַ לאַנגען זיפץ, ווי נאָך אַ געשטאָרבענעם, אַרויסגעלאָזען.

— אוי!!

דאָס וואַסער האָט אויסגעזעהן ווי אין אַ טעלער פערבליעבענע

קאלט־געקעכטס, פערגליווערט, אויף דעם גליווערײ זענען געווען אָנגעװאָרפען העלצעלעך, צובראָכענע קעסטעלעך און סתם מיסט, און אַלץ האָט געשמעקט מיט אַ מאָדנעם שטיקענדיגען גערוך.

מיר זענען אַזוי געשטאַנען ווי פערשטיינערט אַ פּאָר מינוט, געקוקט מיט אַראָבגעלאָזענע קעפּ, פּלוצים האָבען מיר דערהערט עפּיס אַ גראָבען קול רעדט צו אונז:

— וואָס טהוט איהר דאָ, האַ?

מיר האָבען זיך אומגעקוקט און האָבען דערזעהן אַ הויכען גראָבען בײכיגען יודען, מיט אַ פליך אויפ׳ן קאָפּ; ער שטעהט און קוקט אויף אונז און שמייכעלט. מיר האָבען ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

— וואָס טהוט איהר דאָ? האַ? — האָט ער ווייטער געפרעגט.

— באָדען זיך ווילען מיר! — האָט זיך ביי מיר עפּיס ניט ווילענדיג אַרויסגעריסען פון מויל.

— חאַ־חאַ־חאַ! באָדען זיך! — האָט זיך דער הויכער בײכיגער יוד פונאַנדער געלאַכט? נו, גיכער טהוט זיך אויס! חאַ־חאַ־חאַ!

— אַמאָל פּלעגען מיר זיך דאָ באָדען, — האָט אַ צווייטער יונגעל, ווי דורך טרעהרען אַרויסגעזאָגט. — אַמאָל איז געווען ריינע וואַסער...

— אַמאָל! אַמאָל! — האָט דער הויכער בײכיגער יוד זיך פרעהליך נאַריש געמאַכט מיט אונז — אַמאָל איז אויך אַ קונץ געווען צו באָדען זיך, באָדט זיך איצטער... חאַ־חאַ־חאַ! אָט איצטער באָדט זיך!... חאַ־חאַ־חאַ!...

זיין לאַכען האָט אונז ווילד גערייצט. און איינער פון אונז, בלאַס ווי דער טויט, האָט אַ געשריי געטהון.

— אַ בראַנד אין אייער פאַבריק!..

און האָט זיך פונאַנדער געוויינט.

— חאַ־חאַ־חאַ! — האָט זיך דער בײכיגער־דיקער יוד פונאַנדער געשלאַכט, — אַ היים שקצים!...

געהענדיג צוריק אַ היים, האָט מיר געקלונגען אין די אויערן

דעם יוד'ס געלעבטער, דער „דזזזזז" פון די קוימענס און דאָס אַיִץ האָט זיך מיר געלענט ווי שוועבעל אויף מײַן האַרץ.

— אַ בראַנד אין דער פאַבריק! — האָט דאָס יונגעל דעם גאַנצען וועג געשאָלטען.

— דערשטיקט האָט זי דאס טייבעלע! — האָט אַ צווייטער בעזיפצט...

און לאַנג האָבען מיר דאָס טייבעלע בעוויינט, און נאָך לענגער די פאַבריק געשאָלטען...

XII.

די מרידה ביי אקדמות.

„שלשה ימי הגבלה" איז דאס געשעהן, ווען אויף אונזערע הערצער איז געווען פרעהליך, ווען מיר האבען שוין געפיהלט די האלבע פרייהייט, וואס מיר וועלען געניסען די דריי טעג, לערנענדיג נאר צו האלבע טעג און די גאנצע פרייהייט וואס מיר וועלען געניסען אין די פיער טעג: ערב שבועות, צוויי טעג שבועות און „אסרו חג"...

עה, פרייהייט, פרייהייט! אזוי שרייט זיך מיר אצונד נישטווילענדיג אויס און איך דערמאהן זיך אן דער מרידה, וואס מיר, חדר-יונגלעך האבען, דערשמעקענדיג די פרייהייט, געמאכט ביי אונזער רבי'ן אין חדר און, וואס ער האט איינגעשטילט, ווי דער שטייגער איז, מיט שמיץ...

א בייזער, א שטרענגער איז אונזער רבי, ר' משה חיים ברוך'ס, געווען און א גרויסער למדן, דער ערשטער למדן אין שטאדט. גרויסע יודען מיט בערד האבען פאר איהם אבשיי געהאט, און מיר, חדר-יונגלעך, האבען מורא געהאט. עס איז געווען גענוג, אז ער זאל זאגען, דאכט זיך, גאר שטיל: „נעהמט די גמרות", אז אונזערע הערצער זאלען זיך אנהויבען ווארפען פאר שרעק.

יא, א גרויסער למדן איז ער געווען. מיר האבען עס געפיהלט, לערנענדיג ביי איהם מסכת בבא קמא, און דערהויפט דעם פרק „מרובה". אין „מרובה" האט ער געוויזען גרויסע קונצען. ער פלעגט אויף איין ריש-לקיש'ן אבשטעהן גאנצע שעה'ן, אויף די

הנאָים אַ גאַנצען נאָבמיטאָג צײַט און פלעגט זעהן ווי אַלעמען אויס־גלײַכען, אָבשלאָגען אַלע קשיות, נישט דערלאָזען צו גרויסע מחלוקת, און וואו עס פלעגט האַלטען שמאָל, פלעגט ער רופען צו הילף דעם תוספות, דעם „מהר"ם שיף", דעם „נחל יהושע", דעם „באר יצחק", און נאָך און נאָך, ביז ער פלעגט אַרויס ווי אַ העלד, אַ בעזיגער און פלעגט אַ ווײַלע אָבּרוהען, גלעטענדיג דאָס שפּיציגע בערדיל ...

און מיר, חדר־יונגלעך, האָבען געמיינט, אַז גרעסער פאַר אונזער רבי'ן אין לומדות איז גאָר אין דער גאַנצער וועלט נישטאָ און אונזער מורא פאַר איהם איז פון טאָג צו טאָג געוואַקסען.

אגב פלעגט ער נאָך אונזער מורא פערשטאַרקען מיט אַ קלאַפּ, אַ שמיץ און ד. ג. ...

עס פערשטעהט זיך, אַז קעגען קלעפּ פלעגען מיר שטאַרק, שטאַרק פּראָטעסטירען ... מיט וואָס פאַר אַ העזה שלאָגט ער אונז, 12—13 יעהריגע יונגלעך! אַ שאַד נאַר, וואָס פּראָטעסטירען פלעגען מיר אַלע אונטער די אויגען, געהענדיג מיט צוקלאַפּטע זײַטען, צו־פּאַטשטע באַקען אַ היים; אין די אויגען דעם רבי'ן האָבען מיר קיינ־מאָל די העזה און דעם שכל ניט געהאַט צו פּראָטעסטירען. און עס איז טאַקי שווער געווען: גיה פּראָטעסטיר קעגען ר' משה חיים ברוך'ס, אַזאַ למדן! עס האָט טאַקי קיין פּנים, חוזק וואָלט מען פון אונז געמאַכט.

דאַרף זיך אָבער טרעפען צום גליק אָדער צום אונגליק אַ מעשה, אַז מײַן טאַטע, וואָס האָט פאַר מיר געצאָהלט 20 קערבליך אַ זמן — און געצאָהלט גוט, אַלע חודש 4 קערבליך — אַז מײַן טאַטען פערוועלט זיך אַז דער רבי זאָל מיט אונז שלשת ימי הגבלה לערנען אַקדמות און רות ...

און איך קום צו געהן אין דער פריה אין חדר און זאָג אַרויס מײַן טאַטענס בעפעהל:

— רבי, דער טאַטע האָט געהייסען, איהר זאָלט מיט אונז לערנען אַקדמות און רות ...

— אַקדמות גאָר ... — האָט דער רבי זיך ווי אַ קריִם געטהון, — וואָס דאַרפט איהר אַקדמות ?...

— דער טאַטע האָט געהייסען ... האָב איך זיך געהאַלטען ביי מיינס, ווייסענדיג ! אַז מיין טאַטע איז ביי׳ם רבי׳ן אַ גוטער בעל הבית.

— נו, מילא, אַז דער טאַטע וויל אַקדמות, זאָל זיין אַקדמות, מהיכא תיתי — האָט ער אונצופריעדען אַרויס־געברומט און דער רבי האָט געשיקט די תלמידים, וואָס וואָהנען נאָהנט פון חדר, ברענגען שבועות׳דיגע מחזורים.

עס איז געוואָרען לעבעדיג, די יונגלעך האָבען זיך מיט גע־פילדער אַרויסגעריסען פון טיש און אַרויסגעהאַפּט זיך אויפ׳ן גאַס, פון וואַנען עס האָט זיך געהערט דער פרעהליכער אויסגעשריי :
— אַקדמות !...

— שקצים ! — האָט דער רבי געברומט, ווי דאָס וואָרט „אַקדמות״ וואָלט איהם עפּיס גערייצט ...

באַלד האָבען די פיער יונגלעך געבראַכט די שבועות׳דיגע מחזורים, דער רבי האָט די מחזורים בעטראַכט מיט קרומע בליקען און זיך גענומען אויסקלויבען אַ מחזור פאַר זיך ...

ער האָט געקליבען עטליכע מינוט און האָט עפּיס געזוכט. נאָר דאָס, וואָס ער האָט געזוכט האָט ער נישט געפונען, ווייל ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזען, האָט נעביך אונזער רבי, דער למדן, געזוכט אַ מחזור מיט „עברי־טייטש״ ... מיט אַ כעס האָט ער גענומען דאָס מחזור וואָס יאַשקע־חייקעלס האָט געבראַכט מיט די פּירושים „מטה לוי״, „בית לוי״ און „מעשה אורג״ — דאַכט זיך גענוג פּירושים, נאָר דער רבי האָט געבענקט נאָך אַ פּיערטען, ווייבערישען פּירוש — נאָך אַ ביסעלע „עברי טייטש״ ... ער וואָלט גאָר גענעזען געוואָרען ... עס פערשטעהט זיך, אַז דאָס האָב איך ערשט שפּעטער מיט די איבעריגע תלמידים פערשטאַנען ...

— נו, נעהמט מישט אויף אַקדמות ! — האָט ער מיט אונגע־וועהנליכען כעס אַ קאָמאַנדעווע געטהון.

איך ווייס נישט, צי דערפאַר וואָס מיר האָבען זיך געפּיהלט שוין האַלב פריַיע יונגלעך, אָדער צי האָבען מיר זיך געשטויסען, אַז דער רבּי אונזערער, דער למדן, האָט מורא פאַר אַקדמות׳ס מאָדנעם תּרגום — אַזוי צי אַזוי — די מורא איז עפּיס פון אונז אין גאַנצען אַראָב און מיר האָבען זיך פאַר שמחה צעזונגען:

אַקדמות מילין ושריות שותא
אַולא שקילנא הרמן ורשותא.

דערבּיַי האָבען מיר זיך אָבגעשטעלט און געוואַרט, אַז דער רבּי זאָל אונז „טיַיטשען“. דער רבּי אָבער האָט זיך אַריַינגערוקט מיט דאָס גאַנצע בּערדיל אין „מטה לוי“ און האָט געזוכט עפּיס דאָרטען, געזוכט מיט שרעקליכע ווילדע בּליקען...

— נו, רבּי... — האָב איך זיך אָבגעשטעלט — פערטיַיטשט אונז...

— זאָגט, קינדערלעך, וויַיטער... זאָגט... — האָט דער רבּי פון אונטער „מטה לוי“ וויַיך אַרויסגערעדט...

דאָס ערשטע מאָל האָבען מיר דערהערט פון אונזער בּייזען רבּי׳ן דאָס וואָרט „קינדערלעך“, דאָס ערשטע מאָל האָט זיַין קול אַזוי וויַיך געקלונגען.

דאָס האָט אָבער נישט געווירקט, מיר האָבען אַלע ווי אין געדאַנק „יד אַחת“ געמאַכט נישט ריהרען זיך פון אָרט, וואו ער וועט אונז נישט איבּערטיַיטשען יעדעס וואָרט בּעזונדער.

— נו, רבּי! — האָט שוין נאָך אַ תּלמיד געמאָהנט אַ בּיסעל מיט עזות — פערטיַיטשט!...

דער רבּי האָט אַרויסגענומען דאָס בּערדיל מיט די אויגען פון „מטה לוי“ און האָט קוים אַרויסגערעדט:

— אַקדמות — איידער איך הויב אָן, מילין — ווערטער, ושריות־שותא... נו, זאָגט, קינדערלעך, וויַיטער... האָט זיך דער רבּי געבּעטען און האָט געווישט דעם שטערען...

מיר האָבען אויסגעשאָסען אַ געלעכטער, פאַר וואָס מיר וואָלטען אין אַן׳אַנדער ציַיט בּעקומען אַ שעהן בּיסעל פּעטש און האָבען גענומען וויַיטער זינגען:

גויל אלו רקיעי קני כל חורשתא.

— רקיעי — די הימלען! האָט דער רבי אונז דאָס וואָרט פערטייטשט און געטריבען ווייטער:

— זאָגט, קינדערלעך, זאָגט, דער טאָג שטעהט נישט, מיר דארפען נאָך לערנען רות אויך, היינט איז דאָך נאָר אַ האַלבער טאָג... נאָך מיטאָג פריי!... דאָס וואָרט „פריי" האָט דער רבי געדריקט, ווי ער וואָלט אונז וועלען דערמיט אונטערקויפען, אַז מיר זאָלען ניט בעטען „פערטייטשען". פון איין זייט האָט ער געווירקט, פון דער צווייטער זייט האָט ער דערמיט נאָך ערגער געמאַכט, ווייל פרעהליך וועדענדיג פון דאָס וואָרט „פריי" האָט זיך אונז פערוואָלט לוסטיג מאַכען איבער אונזער בייזער רבי'ן און יעדער תלמיד פלעגט אַלע ווייל אַנ'אַנדער וואָרט פרעגען:

— וואָס טייטש כלול גפי?

— וואָס טייטש באַדישתא?...

— וואָס טייטש טרשותא?...

און נאָך יעדער פראַגע פלעגט זיך גלייך הערען אַ שאָס פון מויל — אַ הילכיג געלעכטער..

און דער רבי, דער בייזער רבי, האָט מוטהלאָז געווישט דעם קאַלטען שוויים פון שטערן, צוויי ווערטער פלעגט ער אָבטייטשען, צעהן דורכלאָזען און פלעגט זיך בעטען אַליין:

— זאָגט קינדערלעך, זאָגט! באַלד דאַרפט איהר שוין געהן פריי, און איהר האָט נאָך קיין רות נישט געלערנט...

און מיר זאָגען ווייטער און שטעלען זיך אָב ביי שווערע ווערטער, און שלעפען דעם רבי'ן פון „מטה לוי", וואו ער זוכט „ראַטונאָק" און קען נישט געפינען...

ענדליך, אַז מיר האַלטען שוין אַריינגעפאָהרען אין האַלב „אקדמות" פאַלט דער רבי אויף אַ פלאַן (קיין נאַר איז ער נישט געווען) און רופט זיך אָן מיט זיין שטענדיגער שטרענגער שטימע:

— נו, גענוג! דאָס וועלען מיר „קאָנטשען" מאָרגען; איצט נעהמט געפינט רות...

ווי פון הימעל אַראָבגעפאַלען פיהל איך זיך נאָך דער גזירה. ס'טייטש נישט ענדיגען אַזאַ פרעהליכעס שפיעל?... און איך בונטעווע מיין חבר מיט'ן פוס:

— מען דאַרף קאָנטשען!...

און מײַן חבר איז אויך קײן נאר ניִשט און בונטעװעט אַ צװײ־טען, און דער צװײטער איז אויך קײן נאר ניִשט און בונטעװעט אַ דריטען, ביז אונזער גאַנצער חדר צובונטעװעט זיך און אַלע שרײַען װי אין איין קול:

— קאָנטשען אַקדמות!!!

— קאָנטשען אַקדמות!!!

— קאָנטשען אַקדמות!!!

אונזער בײזער רבי, דערזעהענדיג אַזאַ מיאוסע מעשה פון זײנע ביזהעריגע שטילע געהאָרזאַמע חדר יונגלעך, האָט זיך אין גאַנ־צען פערלאָרען. זײנע אויגען האָבען זיך מיט בלוט אָנגעגאָסען, די באַקען זענען װי אײנגעפאַלענער געװאָרען און ער האָט זיך אין גאַנ־צען געטרײסעלט, ניִשט װיסענדיג װאָס צו טהון, װי אַזוי אײנצושטי־לען די מרידה און ער האָט קוים געקענט זשיפּען:

— רות, זאָג איך אײך!... רות!...

— אַקדמות! אַקדמות! האָבען מיר זיך געהאַלטען פעסט...

. . . .

. . . .

דער סוף פון דער מעשה איז פאַר אונז טרויעריג געװען. דער רבי, װילד װי אַ טיגער, איז אַרויסגעלאָפען פון חדר און אין אַ האַלבע שעה אַרום איז ער געקומען מיט דרײַ בעלי בתים — דרײַ גזאַטעס — און האָט גערעדט:

— דאָס ערשטע מאָל טרעפט מיר אַזאַ מעשה! דאָס ערשטע מאָל!..

— אַזוי גאָר קינדער, איהר שלאָגט אַ רבי׳ן?... — האָט אײן בעל הבית רוהיג זיך אָבגערופען — פײַן! פײַן! ניִשטאָ װאָס צו רעדען!...

דער רבי האָט זײַ קענטיג דעם אמת ניִשט דערצעהלט און כּדי צו פערגרעסערן אונזער שטראָף האָט ער אויסגעטראַכט אויף אונז אַ בלבול, אַז מיר האָבען איהם געשלאָגען.

— נו, װעט איהר, הײסט דאָס, מיר העלפען? האָט דער רבי זיך געװענדט צו די בעלי־בתים...

— שױך העלפען — האָבען די בעלי בתים, װי אין איין

קול געענטפערט — מען דארף זיי „קאטעוועז", אז בלוט זאל שפריצען ...

קיין בלוט האט אפילו נישט געשפריצט, מען האט אונז מיט רחמים געגעבען נאר צו צעהן שמיץ — די בזיונות אבער האבען אונז וועה געטהון, שטארק וועה געטהון! אזוי, אז די פאר פרייע יום־טוב טעג איז אונז נישט איינגעגאנגען און מיר האבען גענומען אויף זיך קיינמאל, קיינמאל מעהר קיין מרידה נישט מאכען ...

XIII.

אויפ'ן בוידעם.

איינע פון די ערהאבענע זאכען, צו וואס לייזער'ל, א זעקס־יעהריג יונגעלע, האט געשטרעבט, איז געוועזען דער בוידעם פון דעם איינשטאקיגען שטיבעל, וואו זיין טאטע־מאמע האבען געוואהנט. ווי א פאעט ציהט צו די וואלקענס, צו די שטערן, צו דער לבנה, אזוי האט לייזערלען געצויגען צום בוידעם. אבער פונקט ווי די וואלקענס, שטערן, לבנה זענען צו הויך און אונמעגליך צו דער־גרייכען פאר דעם פאעט, אזוי איז צו הויך געוועזען און נישט דער־גרייכבאר פאר לייזער'לען דער בוידעם.

און געצויגען צום בוידעם האבען לייזער'לען א סך זאכען. דארט אויפ'ן בוידעם, ווייסט לייזער'ל, געפינען זיך די פסח'דיגע כוסות, צווישען וועלכע עס געפינט זיך זיין כוס, א בלויער מיט בלומען... ווידער געפינט זיך דארטען א סך אלטע בגדים מיט א סך קנעפלעך, וועלכע וואלטען איהם זעהר גוט צונוץ געקומען, ווען ער זאל זיי אויסרייסען. ער וואלט באלד אנ'עושר, א „מיליאנער" פון קנעפלעך געווארען און אלע חברים פון דער גאס וואלטען פאר איהם דרך ארץ געהאט... אויסער כוסות און קנעפלעך, ווייסט לייזער'ל זיכער, אז דאס צובראכענע וועגעלע ליגט אויך אויפ'ן בוידעם. ער האט אליין געזעהן, ווי מען האט עס אמאל ארויפגעטראגען און פון דאמאלט אן האט זיך זיין בענקשאפט צום בוידעם פערגרעסערט. היינט וויפיעל זאכען ליגען דארט וואס ער ווייסט נישט! און דאס טאקי אליין פערגרעסערט זיין שטרעבען צום בוידעם. ווער ווייסט וואס פאר א בילד עס וואלט זיך פאר איהם

ענטפלעקט, ווען ער וואלט נאך אריבערגעטראטען די שוועל פון דעם בוידעם...

מיט שטרעבען צום בוידעם אליין איז לייזער'ל נישט אבגעקומען.

נישט איין מאל פלעגט ער זיך מוטהיגען, קוקענדיג אויף דעם האלב-צובראכענעם הויכען לייטער און זיך נעהמען טאקי קריכען; נאר אוועקשטעלענדיג זיך אויף דער ערשטער טרעפ פלעגט זיך דער לייטער נעהמען שאקלען און א דערשראקענער פלעגט ער אראבפליהען, אבלעגענדיג זיין נסיעה אויף א צווייטען מאל, אז ער וועט גרעסער ווערען, און וועט ניט אזוי מורא האבען. — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

איינמאל, אין א שענעם העלען מיטען טאג האט לייזער'ל דערהערט ווי די מאמע רופט איהם:

— לייזער'ל, גיכער!

ער האט זיך אומגעקוקט און האט דערזעהן נעבען זיך די טאטע-מאמע, דערשראקען און בלייך.

— וואוהין? — האט לייזער'ל אויך דערשראקען געפרעגט.

— אויפ'ן בוידעם, מיין קינד.

„אויפ'ן בוידעם!" האט איהם אבגעקלונגען אין קאפ, עס קען נישט זיין! און ער האט ווידער, שוין אין גאנג, איבער-געפרעגט:

— וואוהין?

— קום מיין קינד, קום — אויפ'ן בוידעם.

ניין, ער האט טאקי קיין טעות נישט געהאט. מען נעהמט איהם טאקי אויפ'ן בוידעם. אט שטופט איהם דער טאטע אונטער אויפ'ן לייטער... אט איז ער שוין טאקי אויפ'ן בוידעם, דערלעבט!

נאר, וואס זאל דאס בעדייטען, אפשר אזא יום-טוב. יא געוויס אזא יום-טוב. עס איז טאקי א מאדנער יום-טוב, אבער פארט א יום-טוב; און לייזער'ל דערמאהנט זיך אן נאך מאדנע יום-טובים, ווען דער טאטע עסט א בייגעל מיט אש, ווען מען שאקעלט א לולב, ווען מען בעט אוים

די שוהל מיט היי, ווען מען געהט צום טייך און נאך אזוינע יום־טובים.

„יא, דאס איז געוויס אזא יום־טוב", בעשליסט ער פעסט און עס געפעלט איהם.

און נאך מעהר זיבערער ווערט ער אין דעם יום־טוב, אז ער וויל עפעס זאגען און דער טאטע מאכט איהם צו דאס מויל און שעפטשעט איהם צו:

— שטילער, מען טאר נישט רעדען.

ווי באלד אז מען טאר נישט, איז דאס געוויס א יום־טוב. יום־טוב טאר מען טאקי א סך זאכען נישט טהון...

באלד דערהערט ער פון דרויסען קולות...

— אוי מאמע, מען שרייט! זאגט ער און וויל צוגעהן צו שפאלט א קוק טהון.

נאר די מאמע און דער טאטע שלעפען איהם צוריק און לאזען איהם נישט געהן, אוועקלעגענדיג איהם נעבען זיך.

עפיס א מאדנער יום־טוב, ווערט לייזער'ל נישט צופרידען און קוקט מיט רוגזא אויפ'ן בוידעם, וועלכער האט ביי איהם פערלארען זיין גאנצען חן, און עס ווילט זיך איהם אראב, אראב...

נאר אויף דער גאס הערען זיך שרעקליכע קולות, יאמערייען ווי פון טויזענדער לויות...

XIV.

דער קליינדערלער׳ל.

דער חשק צום רעדלען האט זיך ביי יאסלען דערוועקט זעהר פריה. אז ער איז אלט געווען 6 יאהר, פלעגט ער שוין געהן מיט דער מאמען אין „פאדריאד״, ווען מע האט געבאקט זייערע מצה און מען האט איהם געמוזט געבען חאטש איין מצה אברעדלען, עס פערשטעהט זיך, אז די דאזיגע מצה איז געווען א צוריסענע. א גע׳פטר׳טע, עס האבען זיך פון איהר ממש שטיקלעך, פאסען גע־שלעפט, אויסער דעם האט זי אין אויוען שטארק געבלעזעלט און דער זעצער, אזוי אויך א גרויסער כעסן האט זיך צושריען: „גזלנים, וועמען לאזט מען דאס צום בלעך״... אבער א „טאלאנט״ האט שוין אפילו דאמאלט דער „סטארשי״ רעדלער אין איהם דערקענט.

— דער יאט וועט ווען עס איז זיין א זעלטענער רעדלער, האט ער זיך געווענדעט מיט אן אוטאריטעטען־טאן צו זיין העלפער.

אין דער „פאמאשטשניק״, וועלכען עס האט אפילו ניט אזוי שטארק געשמעקט צו האבען א קינפטיגען קאנקורענט, האט אבער אוים אכטונג און מורא פאר׳ן „סטארשי״ מודה געווען:

— יא, עס ווייזט אויס...

נאר די מאמע יאסעל׳ס וואס איז דערביי געשטאנען, האט איהם אבגעשלעפט פון בלעך און מיט גרינג־שעצונג געזאגט:

— זאל ער בעסער קענען לערנען, ווי רעדלען...

דאס האט שוין אי דעם „סטארשי״, אי דעם „פאמאשטשניק״

פערדראָסען, און דערפאַר האָבען זיי בשום אופן ניט געגעבען יאָ־סעל'ען נאָך אַ מצה אָברעדלען ...

אָבער „פאַסמאַקעווענדיג" זיך מיט דער איין מצה, איז יאָסעלע שוין ניט אָבגעטרעטען פון בלעך און אַז ער האָט אַליין שוין ניט זוכה געווען צו רעדלען, האָט ער חאַטש געהאַלטען אין האַנד אַ רעדעל מיט אַ קאַטשעלקע און געאיבט זיך אויפ'ן בלעך אַליין. פון צייט צו צייט פלעגט איהם אויך געלינגען אַ פיהר צו טהון מיט'ן רעדעל איבער אַנ'אָבגערערע טער מצה, אויף וואָס דער „סטאַרשי" פלעגט איהם גוט־מוטהיג בעמערקען.

— מע טאָר ניט יונגעלע ...

ער איז אַזוי גוט צו יאָסעלע'ן געווען, ווען זייער מצה האָט זיך געבאַקט, מיט אַ בעל הבית'ס אַ קינד קען מען ניט איינרייסען ... אַז די מצות האָבען זיך אָבער אָבגעבאַקט, און די מאַמע איז אַוועק אַ היים, נאָר יאָסעלע, ניט קענענדיג זיך שיידען פון בלעך, איז גע־בליבען, האָט זיך שוין דער „סטאַרשי" מיט איהם אַנדערש בע־גאַנגען. די רעדעל מיט דער קאַטשעלקע האָט ער ביי איהם גלייך צוגענומען און שפּעטער אַ ווײַלע האָט ער איהם אפילו געטריבען פון בלעך:

— געה יונגעלע, אַהיים. געה געזונדטערהייט ...

און נאָך שפּעטער, אַז יאָסעלע פלעגט זיך ווידער צורוקקען און קוקען מיט דאַרשטיגע בליקען אויפ'ן רעדעל, האָט איהם שוין דער „סטאַרשי" מיט'ן האַנד אָבגעטריבען:

— אַז דו וועסט ניט געהן מיט גוטען, וועסט דו קריגען אַרויסגעוואָרפען.

און יאָסעלע איז אַ פערשעמטער אַרוים מיט אַנ'אַראָבגעלאָזענעם קעפּעלע פון פּאָדריאַד.

יאָסעלע איז אָבער ניט אַראָבגעפאַלען ביי זיך. די גאַס, וואו זיין טאַטע־מאַמע האָבען געוואָהנט, האָט געהאַט נאָך פּאָדריאַדען. און אויף מאָרגען נאָך האַלבען טאָג, ווען ער איז פריי געוואָרען פון חדר, איז ער שוין געשטאַנען אין אַ צווייטען פּאָדריאַד. דאָרטען איז געווען אַ רעדלער אַנ'עלטערער יוד, וואָס האָט זיך געדרעהט מיט דער ווייב, ווייל ער האָט קיין קינדער ניט געהאַט, און ער האָט יאָסעלען צוגענומען, ווי אַ טאַטע.

— איך זעה, יונגעלע — האָט ער זיך צו יאָסעלען מיט ליעבשאַפט געווענדעט — אַז דו ווילסט „קענען"... און אַז מען וויל „קען" מען... מובטחני, אַז דו וועסט זיין אַ רעדלער ביי יודען.

און יאָסעלע איז שוין פון דעם דאָזיגען יודען און פון דער בלעך ניט אָבגעטראָטען אוז ער האָט טאַקי געחאַפּט פון צייט צו צייט אַ רעדעל אין האַנד און געפּיהרט איבער די מצות, וועלכע דער יוד פלעגט נאָך דעם אַליין איבערדרעדלען און זאָגען דערביי:

— מען דאַרף, זוהניקע, שטייפער צוקוועטשען... שטייפער... נאָר דו וועסט קענען... איך זעה, אַז דו וועסט קענען. מובטחני שתהיה רעדלער בישראל...

וואָלט שוין יאָסעלע אַ גליקליכער געווען, דאַרף זיך אָבער אין אַלע זיינע גליקען אַריינמישען דער טאַטע און וועלען צושטערען זיי. אַזאַ טאַטע האָט ער שוין. דאַכט זיך, וואָס קען עס אַרען דעם טאַטען, אַז זיין בחור'על וויל ווערען אַ מענש; וויל זיך עפּעס אויסלערנען אַ מלאכה... ניין! יאָסעלעס טאַטע, חאָפּענדיג זיך, אַז יאָסעלע ווערט פערפאַלען גאַנצע שעה'ן, הויבט איהם אָן צו זוכען און „פּאַקט" איהם, אַ דאַנק פערשיעדענע מסירות פון יונגערע און עלטערע ברידער און שוועסטער, וואָס פערגינען ניט יאָסעלען דעם נחת...

— אַ דו, שייגעץ! שרייט דער טאַטע, ווען יאָסעלע'ן ברענגט אַנ'עלטערער ברודער אָדער די מאַמע אַהיים פון פּאָדריאַד, וואו ער האָט ניט נאָר די רעדעל, נאָר אויך די נשמה געלאָזען — אַ, דו יורקע! וואָס טהוסטו דאָרטען אין פּאָדריאַד צווישען אַזוי פיעל נקבות... אַ שעהנער שטאַט פון אַ בחור! וועסט דאָך בטל בששים ווערען... שייגעץ דו... דיין פוס זאָל דאָרט מעהר ניט זיין... די הויט וועל איך דיר אַראָבשינדען...

און יאָסעלע האָט נעבאָך געמוזט אָבוואַרטען אַ טאָג און ניט אַריינגעהן אין פּאָדריאַד; אָבער אויף איבערמאָרגען איז ער שוין ווידער דאָרטען געווען, געשטאַנען נעבען בלעך מיט אַ רעדעל און קאַטשעלקע אין האַנד און מיט גרויס פערגניגען אויסגעהערט די נביאות פון דעם יודען, דעם רעדלער:

— מובטחני, יונגעלע, אַז דו וועסט זײַן אַ רעדלער בײַ יודען...

— אָט דאָס איז טאַקי אַ גוטער יוד, — טראַכט דאַמאָלס יאָסעלע — אָט ער וואָלט געווען אַ גוטער טאַטע... האָט ער דוקא קיין קינדער ניט.

און יאָסעלען האָט זיך געדאַכט, אַז גאָט פיהרט ניט ווי מען דאַרף די וועלט...

אַ סך רדיפות און פערפאָלגונגען, אַ סך מסירות האָט יאָסעלע איבערגעטראָגען אין אַ גאַנצע רייהע פון יאָהרען אין דער צייט פון די פאָדריאַדען. אָבער דער „טאַלאַנט" זיינער האָט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָבגעשראָקען. צו צוועלף יאָהר איז שוין יאָסעלע אַנערקענט געוואָרען פון אַלע רעדלער אין די פאָדריאַדען. זיי האָבען געזאָגט, אַז ער וואַקסט אַ רעדלער איינער אין דער וועלט און ווען ער וואָלט געהאַט אַ ביסעל מעהר כחות, וואָלט מען איהם שוין געקענט אָנטרויען אַ בלעך...

די דאָזיגע קלאַנגען זענען דערגאַנגען צו דעם טאַטענס אויערן. דער טאַטע וואָס האָט אַזוי פיעל געשטערט יאָסעלען צו ענטוויקלען זײַן רעדלערישען טאַלאַנט האָט ענדליך געמוזט, ווילענדיג ניט ווילענדיג, אַ מורמעל טהון:

— וואָס מען קען, שאַדט נישט...

און יאָסעלע האָט שוין פון יענעם טאָג אָן פראַנק און פריי בעזוכט אַלע פאָדריאַדען אין גאַס און האָט זיך פערפאָלקאָמט אין זײַן אַרבייט. די עלטערע רעדלער האָבען איהם מיט גרויס רעספעקט אויפגענומען און פלעגען איהם די בעסטע רעדעל אונטערטראָגען.

— נאַ, אָט האָסט דו די דאָזיגע רעדעל — האָט זיך צו איהם איינמאָל געווענדט אַ רעדלער — און בייט מיר אָפּ אויף אַ שעה...

ביז אַהער פלעגט מען יאָסעלען נאָר געבען אַ רעדעל אויף העלפען. לאָזען זי זם אַליין מיט'ן „פּאָמאָטשניק" האָט מען נאָך ניט געוואַגט. פון דער דאָזיגער נייער פאָרלעגונג, איז יאָסעלע אָפיציעל

אנערקענט געוואָרען אַלס אַ רעדלער, אויף וועלכען מען קאָן זיך פערלאָזען. שטאָלץ און גליקליך האָט ער זיך געפיהלט שטעהענ־דיג אויף דעם סטאַרשי׳ס אָרט ביים בלעך און אין די אויערן האָבען איהם געקלונגען דעם עלטערן יודענס ווערטער פון אַ מאָל:

— מובטחני, אַז דו וועסט זיין אַ רעדלער ביי יודען...

* *
*

אין אַ ווינטער אַרום איז יאָסעלע בעל מצוה געוואָרען.

— זאָלסט וויסען! האָט איהם דער טאַטע געזאָגט, אַז פון היינט אָן ווערסט דו שוין אַ יוד, דאַרפסט זעהן פיהרען שטאַט.. עס קען זיין, אַז דו וועסט אפשר דאַרפען פאָהרען אויף זומער לערנען אין דער פרעמד... שווערע צייטען... קיין פרנסה נישטאָ... עס געהט אַ פסח... אוי—אוי—אוי פון די זאַכען ווייסט דו נאָך גאָר נישט...

די דאָזיגע ווערטער האָבען יאָסעלען אַ גאַנצען ווינטער גע־עגבערט אין קאָפּ. עפּיס האָט זיי דער טאַטע אַרויסגעזאָגט, ניט ווי זיין שטייגער, מיט אַ בייזקייט; דאַכט זיך, אָבער מיט אַ געבראָכענ־קייט, מיט אַ געבעט. יאָסעלע האָט עס דערפיהלט און ער האָט גענומען אויף זיך פון היינט אָן ניט נאָר מורא האָבען, נאָר אויך האַלט האָבען דעם טאַטען... און טאַקי העלפען איהם.

מיט דער גרעסטער אונגעדולד האָט ער געוואַרט אויף נאָך פורים, ווען די פאָדריאַדען וועלען אָנהויבען צו באַקען מצות. ער וועט זיך פערדינגען פאַר אַ „פּאַמאַטשניק" און דאָס געלד וועט ער אָבגעבען דעם טאַטען... אין גאַנצען דעם טאַטען. וועט איהם דער טאַטע קויפען אַ היטעל, איז רעכט; ווען ניט וועט ער זיך בע־געהן מיט דער אַלטער...

— טאַטע! — האָט זיך יאָסעלע נאָך פורים געווענדט צום טאַטען — איך וויל היינטיגען ערב פסח רעדלען מצה פאַר געלד.. וועסט לאָזען?...

דער טאַטע האָט פערקנייטשט דעם שטערן, אָנגענומען מיט

ביידע הענד די באָרד, געבּרומט עפּעס אונטער'ן נאָז און אָבגע־רופען זיך:

— וואָס איז שייך — צי איך וועל לאָזען... אוודאי איז דאָס נים אזוי שעהן... עס איז ניט קיין שטאַט... שטעהן צווישען ווי־בער ביז 12 אַ זייגער ביי נאַכט... איך רעד שוין נישט, וואָס דאָס איז שווער... נאָר אויב דו ווילסט, וואָלט צוניץ געקומען, וואָלסט זיך געמאַכט אַ גאַרניטורעל...

די מאַמע האָט אַנפאַנגס ניט געוואָלט הערען: — פון איהם וועט דאָך אַ תל ווערען, — האָט זי גע'טענה'ט — וועה איז מיר...

יאָסעלע האָט זיך אָבער איינגעשפּאַרט, געזאָגט אַז רעדלען איז זעהר גרינג... „אַלץ וואָס אויף רעדער" — האָט ער ערקלערט מיט שכל: „איז גרינג... עס געהט אַליין",

און יאָסעלע האָט זיך פערדונגען פאַר אַ רעדלער אין דער צווייטער גאַס. אַזוי האָט דער טאַטע געפאָדערט,

— זאָלען דאָס מיינע אויגען ניט זעהן!

אַ וואָך נאָך פּורים איז שוין יאָסעלע געשטאַנען ביי יענקיל שרה'ס אין פּאָדריאַר אָהן אַ רעקעל, נאָר אין אַרבּע כנפות מיט פערקאַשערטע אַרבּעל אויף די הענד און האָט גערעדעלט אַ מצה נאָך אַ מצה. פון דעם שטאָלץ און גליק, וואָס ער האָט איבערגע־לעבט אין די פריהערדיגע יאָהרען ביים רעדלען, איז שוין מעהר קיין זכר ניט געבליבען. איצט האָט פערנומען דעם אָרט דער גע־דאַנק, אַז די צעהנרובּעלדיגע, וואָס ער וועט פערדינען, וועט ער אוועקגעבען אין גאַנצען דעם טאַטען.

און דאָס האָט איהם געגעבען כחות צו שטעהן ביז 12 אַ זייגער ביי נאַכט און רעדלען אַ מצה נאָך אַ מצה...

XV.

מיינע ערשטע האנאראַרען.

מיין ערשטער האנאראר איז געוועזען ניט בעזונדערס גרויס: א צווייער פאר א ליעד.

דערפאר אבער איז דער צווייער געוועזען זיכער: ווארום ניט פון א רעדאַקציע האב איך דעם צווייער בעקומען, נאר פון מיין באבען...

מיין באבע האט געצאהלט עהרליך! איהר קאנט אודאי מיינען, אז מיין באבע איז געוועזען א רעדאַקטארין פון א יודישער צייטונג. וועט איהר א טעות האבען. מיין באבע, א פשוט'ע קרעמערין, האט מיט ליטעראַטור קיין מגע ומשא ניט געהאט (דערפאר איז זי טאקי געוועזען א וואוילע יודענע!), זי איז סתם געוועזען א ליעב־האבערין פון גראַמען און זי איז געוועזען די איינציגע, וואס האט אנערקענט מיין טאַלאַנט אין יענער צייט.

איך בין דעמאלט אלט געוועזען א יאהר צעהן־עלף...

מיין טאַטע האט ניט געטארט וויסען, אז איך שרייב; ערשטענס איז ער דעמאלט געוועזען געגען זשאַרגאן און צווייטענס האט ער בעסער געהייסען לערנען!

— ליעדער! — האט ער געזאגט — זאלען שרייבען גרעסערע מענשען פאר דיר, עלטערע יודען...

דאס האט ער געמיינט טאקי זיך אליין... מיין טאַטע פלעגט ליעב האבען א מאל בין־השמשות צו מאַכען א ליעדעל, און ווער ווייסט, אפשר טאקי דערפאר האט ער מיר פערבאטען צו שרייבען: קיין „בראַנזשע" האט קיין קאנקורענץ ניט ליעב.

מילא, ער לאזט ניט, לאזט ער ניט... נתפעל פון אזעלכע

זאָבען ווערט מען ניט. און אַז דער טאַטע לאָזט ניט געהן אין וואַלד, געה איך דען ניט? און אַז ער לאָזט ניט, למשל, ווינטער קראַצען די פערפרווירענע שויב, קראַץ איך דען ניט?.. מען קריגט שוין אַן'עצה...

קריך איך אַרויף ווינטער אין אָבענד אויפ'ן אויווען (דאָס ערלויבט ער יאָ!..) און גים מיט גראַמען...

וואָס טהוט מען אָבער — מען מוז דאָך זיי עמיצען ווייזען: עס איז דאָך אונמעגליך שטיקען זיך אַליין מיט'ן ליעד. עד היום גלויב איך ניט די פּאָעטען מיט די פּערריסענע נעזער, וואָס זאָגען כלומר'שט, אַז זיי זינגען ווי דער פויגעל נאַר פאַר זיך אַליין און דער עולם געהט זיי ניט אָן! שקר וכזב! אַ מענש איז ניט קיין פויגעל, דאָס האָבען די חוקרים שוין לאַנג בעוויזען און אַז אַ מענש מאַכט אַ ליעד, מוז ער האָבען, דער מענש הייסט עס, צוויי אויערן, וואָס זאָלען זיין ליעד אויסהערן.

ווער-ושע קאָן איך פאָרלעזען מיין ליעד? דעם טאַטען, ווי געזאָגט, איז אַן'אונמעגליכע זאַך; די מאַמע איז אַ פערטראָגענע יודענע, האָטש זעהר אַ גוטע; די עלטערע שוועסטער האָט יאָ אַ שטיקעל ידיעה אין אַזוינע זאַכען, זי זינגט אַליין „פון אַזיע נאָך יעווראָפּע בין איך אין אַן'אכסניא פערקראָכען" און זינגט גאָר ניט שלעכט; בין איך אָבער מיט דער שוועסטער שטענדיג ברוגז, דאָ צוקריעגט מען זיך פאַר אַ צונאָמען, וואָס איך גיב איהר, דאָ פאַר אַ מסירה'לע און אַ מאָל טאַקי פאַר אַ גרעסערע „המוציא".

בלייבט מיר פאָרט די באָבע. מיין באָבע איז אַפילו שוין זעהר אַן'אַלטע יודענע אָבער זעהר אַ וועלטליכע. און דער עיקר — זי האָט פרנסה! שטענדיג איז זי אויפגערוימט. זי האָט אַ גרויסען רימענעם בייטעל אַרומגעבונדען פעסט אַרום איהר „דיך" און צוליעב דעם דאָזיגען בייטעל וועהט פון דער באָבען אַ זיסע וואַרעמקייט... ווער רעדט, אַז די באָבע לעגט אַריין איהר דאַרע אָדערדיגע האַנד אין דעם רימענעם בייטעל, דאַכט זיך אייך, אַז באַלד, באַלד נעהמט זי אַרויס עפּיס אַ גרויסע ישועה פון דאָרט און עס וועט ווערען אַלעמען ליכטיג אין די אויגען...

טראָג איך יעדעס נייע ליעד דער באָבען, נאַטירליך אין אָבענד, ווען זי קומט פון קראָם. וואַרטען די באָבע די

צװײטע שטוב פון אונז אין אַ קאַמערל בײַ איהר עלטערן זוהן, אַ גרױסער למדן, אָבער זעהר אַ בײַזער יוד...

געה איך אַרײַן אין קאַמערל, די באָבע זיצט בײַם טישעלע און שטריקט אַ זאָק. דער זײדע כלומר'שט אַ בײַזער, אָבער באמת זעהר אַ גוטער, זיצט אויף דעם אויװעלע, װאָס איז ספּעציעל צוגע־בויט געװאָרען פאַר איהם צום גרױסען אויװען, און לערנט עפּיס אין אַ ספר.

איך שטעה נעבען דער באָבען און װאַג ניט צו זאָגען איהר פון מײַן ליעד, ביז זי װעט מיך אַלײן ניט פרעגען.

ענדליך פרעגט זי גוטמוטהיג:

— נו, װאָס שװײַגסטו? זאָג עפּיס!

מיט אַ האַרצקלאַפּעניש נעהם איך אַרױס פון קעשענע דאָס שטיקעל פּאַפּיער, פערשריבען דורך און דורך מיט גראַמען און האַלט עס אַזױ אַ װײַלע, ביז איך קריג מוטה און זאָג:

— אַ ליעד געמאַכט... אײנער אַלײן...

— גאַנץ פײַן! — לויבט די באָבע נאָך אײדער װאָס װען

— אדרבא לאָמיך הערען...

פון דער באָבעס גוטען טאָן בעקום איך שטאַרק מוטה און הויב אָן לעזען...

פאַר אַ גראָשען געלט
ענדיגט זיך די װעלט...

די באָבע איז שוין צופריעדען, די ערשטע צװײ צײַלען געפעלען איהר שטאַרק, זי קאָן זיך ניט אײנהאַלטען און װענדט זיך צום אויװעלע, װאו דער זײדע זיצט, װי ניט איהם מײנע מען.

— דו הערסט מאָשע, מאָשע דו הערסט, װאָס זאָגסטו אויף זײַן קעפּעלע?

נאָר דער זײדע איז ניט צופריעדען, ער האַלט דערפון ניט און ברומט אַרױס:

— ער װאָלט בעסער געלערנט גוט, אײדער אַזױנע נאַריש־קײטען...

פון דער דאָזיגער מײנונג װער איך שטאַרק אָראָבגעפאַלען און אַלע מײַנע גראַמען פערליערען אויגענבליקליך זײער גאַנצען װערטה:

„אין דער אמת׳ן" — בליצט מיר דורך אין קאפּ — „וואס מאך איך זיך נאריש". די באבע אבער מוטהיגט מיך און זאגט:

— אט הער דעם אלטען, וואס ער רעדט... ס'איז זעהר שעהן; וואס מען קען איז גוט...

און זי גיט מיר א קאפּיקע, זאגענדיג, אז איך וועל איהר ברענגען א נייע ליעד, בעקום איך ווידער א קאפּיקע.

נאטירליך הייסט זי מיר פון געלד מאכען א תכלית, איך זאל זאמלען, הייסט עס...

איך וואלט אודאי מיין באבען געפאלגט, איך ווייס, אז מען היט די קאפּיקע איז אז וואויל און גוט, נאר זאמלען קאן איך ניט. ס'איז איבער מיינע כחות. אויף מארגען ווערט די קאפּיקע פערשווענדט און איך זוך שוין א נייע טעמא פאר א ליעד, איך מוז ווידער האבען די קאפּיקע.

א קאפּיקע איז א מטבע! מאך איך נאך און נאך א ליעדעל און נאך א ליעדעל — דריי ליעדער מיט א מאל. איך ווער אליין נתפעל פון מיין פרוכטבארקייט. איך מאך א חשבון, אז איך זאל אין פערלויף פון א יאהר מאכען דריי ליעדלעך א טאג קאן איך נתעשר ווערען. אויסערדעם, זענען דאך די ליעדלעך אן און פאר זיך אויך עפּיס ווערטה... אמת דער טאטע האלט ניט פון זיי, וויל אפילו ניט, איך זאל זיי שרייבען דער זיידע ברומט אויך אונצופריעדען, נאר ווער דארף זיי אלע, אז איך האב די באבען, וועלכע צאהלט במזומנים פאר יעדעם ליעד?

איך בין א גליקליכער, פערזארגטער מענש.

געהט אבער אב א צוויי וואכען און עס געהט ניט ארויס קיין איין ליעד. איך ווער שטארק פערצווייפעלט. גאט מיינער, ברום איך פאר וועהטאג, ניט שוין-זשע וועל איך שוין מעהר קיין ליעדער נישט מאכען, וואס טויג דאן מיין לעבען?

און וואס מעהר פערצווייפעלט איך בין, אלץ ערגער געהט ביי מיר דאס מאכען א נייע ליעד. איך האב אפילו פון דעם אליין, וואס עס מאכט זיך ניט קיין ליעדער, א ליעד געוואלט מאכען און דערויף האב איך שוין אפילו געהאט צוויי גראמען:

איהר מעגט אייך, ברידער, לאכען.
איך קאן קיין ליעד ניט מאכען...

נאָר איך האָב אַזאַ שרעקליכען סוד מורא געהאַט צו ענטדעקען.
צו וואָס זאָל מען וויסען פון מיין אונגליק? וואָרום חאָטש אין
שטוב האָט מען פון מײנע לידער ניט געהאַלטען, פלעגט דאָך
די מאַמע מיך רופען „דער בדחן" און דאָס האָט מיך שטאַרק
געפרעהט.

פערגאַנגען דריי וואָכען אָהן אַ ליעד, פרעגט מיך די
באָבע:

— נו, פאַר וואָס ברענגסטו ניט קיין לידער?...

איך ווער רויט פאַר שאַנד, איך פיהל אַז איך פערליער
דעם גאַנצען אָנזעהן ביי דער באָבען. איך נעהם זיך פעסט. איך מוז
מאַכען אַ ליעד.

אויף מאָרגען קלער איך אַ גאַנצען טאָג. איך פיהל, אַז דער
קאָפּ ווערט מיר צושפּרונגען: עס געהט גאָרנישט אַרויס. אַ ליעד
אָבער מוז איך דאָך דער באָבען ברענגען, ווען ניט בין איך פער־
לאָרען, איך האָב שוין לאַנג קיין קאָפּיקע אין די אויגען ניט גע־
זעהן...

און פּלוצלונג פאַלט מיר איין אַ ווילדע אידעע.

איך נעהם אַ ביכעלע מיט לידער, וואָס געפינט זיך ביי
אונז, קלויב אויס פון דאָרט דאָס שענסטע ליעד, שרייב איבער און
טראָג צו מיין באָבען.

דאָס האַרץ קלאַפּט, ווער ווייסט, צי וועט מען מיך ניט
חאַפּען.

איך לעז איהם דורך פאַר מיין באָבען. מיין קול ציטערט און
דער גאַנצער אינהאַלט פון ליעד געהט אַרויס נעפּעלדיג.

מיין באָבע הערט אויס, צוגענעצט זיך און זאָגט:

— דאָס ליעד געפעלט מיר עפּיס ניט, ביזט, זוהנעניו,
קאַליע געוואָרען...

איך ווער שטאַרק פערשעמט: וואָס הייסט? אַ געדרוקט ליעד...
פאַר וואָס זאָל איך ליידען פאַר יענעמס ליעד און איך שיס אַרויס
קיין סך ניט קלערענדיג:

— דאָס ליעד איז גאָר ניט מיינס.

די באָבע קוקט מיך אָן פערוואונדערט און בײזערט זיך:

— וואָס הייסט ניט דיינס? וואָס פלוידערסטו... גיה, גיה ביזט אַ נאַריש יונגעל,..

אַז מען קאָן אַ ליעד אויך גנב'ענען, דאָס קאָן מיין באָבע ניט פערשטעהן. איך וויל עס איהר ניט ערקלערען. איך בעשליס, אַז עס איז בעסער זיין אַ נאַר איידער גנב'ענען ליעדער. איך גיה אַרויס פון דער באָבען אָהן האָנאָראַר, אָהן כבוד און נעהם אויף זיך קיין ליעדער קיינמאָל, קיינמאָל ניט צו גנב'ענען...

און גאָט האָט מיר שטענדיג געהאָלפען!...

XVI.

מײנע דרײ שונאים.

דרײַ יודען האָט איך יונגעל־װײַז פײַנד געהאַט, געװעזען זײ אַ דם שונא. אײנער פון זײ איז געװעזען חיים מרדכי דער שוחט, אַ יוד מיט אַ לאַנגע געדיכטע באָרד, װילד פערפּלאָנטערט און פער־פלאָכטען און מיט צװײ גרויסע מורא'דיגע אויגען, װעלכע האָבען געהאַט דעם זעלביגען גלאַנץ פון זײַן אָנגעשאַרפטען חלף... און אַז ער פלעגט קומען צו אונז אַ מאָל קוילען דאָס קעלבעלע, װאָס אונזער בהמה פלעגט „געבוירען" און קאַלטבלוטיג שאַרפען דעם חלף, דערצעהלענדיג אגב אורחא אַ מעשה, אַז טרוקענע פעלכלעך זענען געפאַלען (ער האָט געהאַנדעלט מיט טרוקענע פעלכלעך), פלעגט זיך מיר װעלען בשעת־מעשה ארויסרײַסען פון זײַן גראָבער האַנד דעם חלף און אַרײַנלאָזען איהם אין האַרצען. אויף אונזער קעלבעלע האָב איך מעהר רחמנות געהאַט, װי אָט אויף דעם גזלן, װאָס מעהר אַז טרוקענע פעלכלעך און קעלבער קוילען װײסט ער ניט...

דער צװײטער, װעמען איך בין אַ שונא געװעזען, איז געװעזען גרונם דער בושעל — אַ גמרא מלמד, אַ יוד מיט זעהר אַ לאַנגען האַלז, פאַר װאָס חדר יונגלעך האָבען איהם בושעל גערופען. איך האָב אַפילו בײַ איהם קײנמאָל ניט געלערנט, נאָר די חברים מײַנע פלעגען זיך פון איהם אָנדערצעהלען אַזעלכע רציחות, װאָס ער בעגעהט זיך מיט זײַנע תלמידים, אַז מײַן יונג־בלוט פלעגט אויפגעקאָכט װערען און אַז איך פלעג איהם אַ מאָל זעהן אין בית מדרש בין מנחה למעריב, װי ער שטעהט נעבען כיור און װאַשט די העגד,

גלאָצט זײַנע קלײנע פּײַכטע אויגעלעך און מורמעלט „נקבים, נקבים”, פּלעגט זיך מיר ווּעלען איהם מיט׳ן פוס געבען אַ זעץ אין בויך און אַ געשריי טהון: בושעל דו! פאַר וואָס שלאָגסטו זיך אַזוי?...

נאָר די שנאה צו די בײדען איז געווען זעהר קלײן קעגען דער שנאה, וואָס איך האָב געטראָגען טיעף אין מײַן יונג הערצעל צו אהרן חיים דעם וואוכערניק. דאָס איז געווען דאַכט זיך אויפ׳ן קוק אַנ׳אָרעמער יוד, אַנ׳אײַנגעהויקערטער און אַנ׳אַלט צעריסענעם בגד, נאָר עס איז מיר געווען גענוג צו הערען איהם אַמאָל טענה׳נ־דיג מיט מײַן טאַטען:

— איך זאָג אײַך ר׳ שלום (אַזוי האָט מײַן טאַטע געהײסען), אַז אַנדערש וועט עס ניט געהן — אַנדערש קאָן עס ניט זײַן...

דאָס איז מיר געווען גענוג צו פיהלען צו איהם אַ ווילדע שנאה. אין זײַן קול האָט געקלונגען אַזוי פיעל בײזקײט, אַזוי פיעל קאַלט־קײט, אַזוי פיעל אַכזריות, אַז עס איז מיר פערבליבען ווי ראָסט אויפ׳ן הארצען און אַז ער איז אַוועקגעגאַנגען פון אונז, האָב איך זיך ניט געקאָנט אײַנהאַלטען און זיך געווענדט צום טאַטען:

— טאַטע, וואָס האָסטו מורא פאַר איהם, וואָס רעדסטו מיט איהם?...

— ער וויל אונזער שטיבעלע אָבנעהמען!.. האָט דער טאַטע האַלב לאַכענדיג, האַלב ערנסט געזאָגט.

— אַ מכה וועט ער אָבנעהמען! האָט איך מיט בלוט פערלאָפענע אויגעלעך אויסגעשריגען, דריקענדיג די פויסטען — איך וועל איהם זעהן אין גאַס, וועל איך איהם מיט אַ שטײן פלעטען דעם מוח...

— און ס י ב י ר האָסטו פערגעסען? האָט דער טאַטע מיך געסטראַשעט... און אין דער מינוט בין איך אויף „סיביר” געווען מעהר אין כעס, ווי אויפ׳ן מיאוס׳ען וואוכערניק...

* *
*

און שטעלט זיך פאַר מײַן וועהטאָג, אַז אָן מײַנע ערשטע צוויי שנאים האָב איך ווי עס איז דערלעבט אַ נקמה. דער שוחט

האָט שטאַרק אָנגעהויבען צו האַנדלען מיט „טרוקענע פּעלכלעך״, איז געוואָרען אַ נגיד. דערווייל האָט דעם חזנ׳ס בחור זיך עקזאַמינירט אויף שוחט און האָט אויסגעהאַלטען דעם עקזאַמען אויף סאַמע „פינפען״... און אַזוי ווי דער פאָטער זיינער, דער חזן, האָט געהאַט אַ גרויסען „צד״, ווייל ער איז שוין דריי יאָהר היינטיגע געווען און מען האָט אויף איהם שטאַרק רחמנות געקריגען, — האָט זיך שטעדטעל געלענט, אַז מען זאָל, אָנשטאָט חיים מרדכי׳ן, וואָס האָט אָנגעקליבען אַ מטמון געלד פון די „טרוקענע פעלכלעך״, מאַכען פאַר אַ שוחט דעם חזנ׳ס בחור. אי וואָס? אַ בחור טאָר נישט קוילען? טאָ זאָל מען איהם חתונה מאַכען... עס איז אַפילו אַ שווערע זאַך געווען, קריגען אַזוי גיך אַ שדוך הגון פאַר׳ן חזנ׳ס בחור, נאָר אַז „שטאָדט״ ווייל איז ניטאָ קיין שווער, מען האָט דעם בחור חתונה געמאַכט, געגעבען איהם אַ ווייב, אַ חלף און געזאָגט איהם: קוילע...

אָט אַזוי האָב איך דערלעבט נקמה אָן אַלטען שוחט. אמת, דער נייער איז אויך ניט געווען בעסער, ער האָט אויך געקוילעט, נאָר מיר האָט ער מיין כעס ניט אַזוי אויפגעבראַכט. ער פלעגט עפּיס ניט אַזוי קאַלטבלוטיג שאַרפען דעם חלף, ווי דער אַלטער. ער פלעגט דאַמאָלס זיין בלייך ווי ליינוואַנד, די הענד פלעגען איהם ציטערן און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער אַליין האָט אויך רחמנות אויפ׳ן קעלבעלע, נאָר וואָס זאָל ער טהון, אַז מען האָט איהם פאַרט פאַר אַ שוחט געמאַכט...

אַ נקמה האָב איך אויך דערלעבט אויף גרונם דעם בושעל. עפּיס איינמאָל נאָך פסח האָט זיך אין שטעדטעל צעטראָגען אַ נייעס, אַז גרונם דער מלמד האָט פערלאָרען זיין חדר. צו וועלכען בעל הבית ער קומט זאָגט מען איהם אָב. מען איז איהם מוחל די גמרא, די האַרבע אויסרעדעניש אין „מרובה״ מיט די קלעפּ און שמיץ; לא מעוקצך ולא מדובשך, ניט מאַך פאַר אַ קאַליקע און ניט מאַך פאַר אַ רב...

און אַז איך פלעג זיך אַמאָל, זומער, אַריינחאַפּען אין בית־מדרש און פלעג איהם זעהן זיצענדיג ביי אַ ספר מיט אַנ׳אַראָב־געלאָזענעם קאָפּ און אונטערברומענדיג אַ ווילד־אומעטיגען ניגונ׳דעל, פלעג איך טראַכטען: גוט אַזוי! ווייטער הרג׳ע נישט קיין יונגלעך. טיעף אין האַרצען אָבער האָב איך שוין אויף איהם רחמנות געקרי־

גען. מיר האָט זיך אַפילו געוואָלט אונטערגעהן צו איהם און טרייס־טען איהם:

— נישקשה ר' גרונם, גאָט לעבט!—נאָר איך האָב זיך גע־שעמט און אָבגעקעהרט מיין פּנים פון איהם.

קיין קויל האָט נאָר ניט גענומען דעם וואוכערניק. פערקעהרט, דער טאַטע פלעגט אַלץ קומען מיט נייעס, אַז ער האָט שוין נאָך אַ יודען „אָבגעשריבען", נאָך אַ שטיבעל צוגענומען, אַז מיט דער צייט וועט דאָס גאַנצע שטעדטעל זיין זיינס... מיין כעס פלעגט ברענען, מיין יונג־הארץ האָט רוהען ניט געקאָנט און איך פלעג אין דער שטיל גאָט בעטען, אַז ער זאָל אויך דעם וואוכערניק ניט פערגעסען, עפּיס אָנשיקען אויף איהם אַ מפּלה...

* * *

דאָס שטעדטעל האָט זיך געווייעגט. עס איז עפּיס געקומען צו פאָהרען אַ מגיד, וואָס קלינגט מיט זיינע דרשות אין דער גאַנצער וועלט. עס זענען געווען צעקלעפּט „מודעות" אין אַלע בתי־מדרשים און יודען האָבען אָבגעשטופּט איינער דעם אַנדערן און געקראָכען צום טיר איבערלעזען וואָרט און וואָרט, וואָס עס שטעהט געשריבען וועגען מגיד... מנחה צייט איז דער בית־המדרש געווען געפּאַקט. ממש דאָס גאַנצע שטעדטעל איז געקומען. דער בית־המדרש איז אַפילו גענוג גרויס געווען און ווען יעדער וואָלט זיך ניט געשטופּט צום אָרון־קדש, וואָלט געווען גענוג אָרט פאַר יעדען. האָט זיך אָבער געגלוסט חאַפּען אַ קוק אויפ'ן מגיד און דער מגיד שטעהט ביי'ם אָרון־קדש, איז דעריבער דאָס שטופּעניש געווען שרעקליך. איך אָבער האָב מיט אַלע מיינע כחות בעקומען איין אָרט נעבען אָרון־קדש און מיט גרויס אונגעדולד געוואַרט, ווען דער מגיד וועט אַרויף־געהן און אָנהויבען „זאָגען".

און אָט זעה איך, ווי דער מגיד רוקט זיך פון ווינקעל מזרח... וואו ער איז געזעסען די גאַנצע צייט פון מנחה נעבען רב. ער געהט אַרויף, גיט אַ קוש דעם פּרכת, גיט אַ גלעט די לאַנגע שוואַר־

צע באָרד, וואַרפט זײַנע צוויי שוואַרצע טיפֿע אויגען אויפ'ן עולם און הויבט אָן...

פֿון אָנפֿאַנג נעמט ער אַ פּסוק פֿון תנ"ך, פֿון ישעיהו. דער פּסוק איז מיר בעקאַנט און מיר איז אַ וואונדער, וואָס ער טײַטשט אָב יעדעם וואָרט, ווער ווייסט עס ניט דעם טײַטש?... שפּעטער אַ ווײַלע נעמט ער אַ שטיקעל גמרא פֿון „בבא קמא", נאָך שפּעטער אַ פּסוק פֿון חומש...

און פּלוצים הער איך עפּיס ווי ער בעריהרט אַ בעקאַנטע פֿראַגע, איין ענין, וואָס אינטערעסירט מיך אַזוי, וואָס לאָזט מיך ניט רוהען, וואָס צעקאָכט מײַן יונג-בלוט, ער דרשנ'ט וועגען פּראָצענט...

— „אם כסף תלוה את עמי את העני!" — דונערט אויס דער מגיד; דער בית-מדרש, דאַכט זיך מיר, ציטערט און פֿאַלט באַלד אײַן...

„אויב דו וועסט לײַהען געלד דעם אָרעמאַן,
„זאָלסטו איהם ניט דריקען,
„ניט דריקען זאָלסטו איהם!"...

וואו איז ער, וואו איז ער, דער וואוכערניק? זאָל ער הערען, זאָל ער הערען! פֿרעהט זיך מײַן האַרץ און איך הויב אָן איהם זוכען מיט די אויגען.

און אָט זעה איך ווי ער שטעהט אין צווייטען זײַט פֿון מזרח, הערט יעדעם וואָרט און שאָקעלט צו מיט'ן קאָפּ...

— אַ האַ! טראַכט איך מיר — מען האָט דיך געפּאַקט! וואַרט, וואַרט, דער מגיד וועט דיר געבען, וועסט ווײַטער וויסען!...

„און אויב ער וועט דיר דעם בגד נאָר אַ משכון געבען" — בײַזערט זיך העכער דער מגיד און זײַן שטימע קויקעלט זיך איבערן גאַנצען בית-המדרש — „זאָלסטו איהם, דעם אָרעמאַן, ווי די זון „פֿאַרגעהט נאָר, דעם בגד צוריק אומקעהרען... און אַז ער וועט „זיך ניט האָבען בײַ נאַכט מיט וואָס צוצודעקען, וועט ער ווײַנען „צו מיר און איך וועל הערען, ווײַל איך בין אַ דערבאַרעמדיגער „גאָט!"...

— און דו וואַרפסט אַרויס יודען פון שטיבער און גיסט זיי ניט אַוועק צוריק! ווילט זיך מיר אויסשרייען צום וואוכערניק. נאָר דער מגיד שמידט מיך צו צום אָרט און איך קאָן זיך ניט בעוועגען. ער רעדט הויך און בעגייסטערט וועגען דער מיאוס'ער מדה פון פּראָצענט נעמען, וועגען שטראָף אויף יענער וועלט; ער מאָלט אויס דעם גיהנם פאַר די פּראָצענטניקעס, שטעלט פאָר אַלערליי ענוים קשים, — און איך קוק, קוק אויפ'ן וואוכערניק, נעהם ניט אַראָב די אויגען פון מיין אַהרן חיים'ן. איך היט זיין יעדע בעוועגונג, און אַ וואונדער איז מיר עפּיס, וואָס ער הערט גלייך מיט אַלע יודען: די זעלבע אָנגעשטרענגטקייט, דאָס זעלבע זיפצעלע, אָבער ניט מעהר...

און דער מגיד רעדט און רעדט און דרשנט דעם פּסוק „אם כסף תלוה" פון אָנהויב אָן, שרייט און ליאַרעמט, וואָס מען רייסט די הויט פון אָרעמע יודען, פון יתומים און אַלמנות, וואָס די פּראָצענטניקעס נעמען צו זייער לעצט קישען, און איך הער און קוועל... מיין יונג הערצל ווערט שיער ניט צעשפּרונגען פאַר שמחה — דערלעבט אַ נקמה אויף מיין שונא: — דער מגיד וועט פון איהם אַ סוף מאַכען!

און אָט האָט דער מגיד געענדיגט. דער עולם רודערט. יעדער וויל אַרויסגעבען זיינע התפּעלות פון איהם, נאָר מיר געהט עס ניט אָן, איך לאָז זיך צו מיין וואוכערניק, אַ קוק טהון, וואָס מאַכט ער, צי לעבט ער נאָך...

און אָט שטעהט ער נעבען אַ רעדעל יודען, וואָס זאָגען מבינות אויף דער דרשה. איך קוק איהם אַריין אין די אויגען און וויל דאָרטען געפינען עפּיס אַ פערענדערונג, אַ חרטה, אַ טרויער — נאָר איך בעמערק עס ניט... מיין האַרץ פערגיסט זיך מיט בלוט..

— סטייטש, סטייטש! ווילט זיך מיר אויסשרייען, וואָס איז דאָס? וואָס בעדייט עס? נאָך אַזאַ דרשה, נאָך אַזאַ מוסר זאָל ער אַזוי רוהיג בלייבען?...

איך קאָן עס ניט פערשטעהן, מיין קליין מוח'ל בענעהמט עס ניט, איך רוק זיך צו נאָהנט צו איהם און איך דערהער ווי ער ווענדט זיך צו בערע כעשעס, אַנ'אַלטער בעל־הבית און זאָגט מיט אַ שמייכעלע:

וואָס זאָגט איהר ר' בער אויפ'ן מגיד? אַ וואוילער זאָגער! שוין לאַנג האָב איך אַזאַ דרשה ניט געהערט! פּערל שיטען זיך איהם פון מויל...

— פערפאַלען! פערפאַלען! האָב איך אין דער שטיל געזיפצט — איהם נעמט קיין קויל ניט — אפילו אַזאַ דרשה ניט! ווי ניט איהם מיינט מען דאָס!

XVII.

די אָרעמע מאַמע.

I.

— וואוהין געהסטו?

— וואוהין געה איך? וועה צו דער אָרעמער מאַמען! איך געה צו מיין לייבעלען אין תלמוד־תורה. אין תלמוד־תורה לערנט ער. קוים מיט צרות אָנגעקומען, ביז מען האָט איהם צוגענומען.

— און וואָס טראָגסטו דאָס?

— דאָס טראָג איך טאַקי עסען פאַר איהם. ער געהט נעביך אין צעריסענע שטיוועלעך... זאָל ער נאָך אין אַזאַ קעלט לויפען אַהיים אויסזופען די פּאָר לעפעל פּאַרווע קרופּניק... זאָל גאָט נישט שטראָפען פאַר די רעד...

— מען זאָגט דאָך, אַז אָרעמע קינדער גיעט מען אין תלמוד־תורה עסען.

— אוי, זאָלען דאָס די גבאים פערמאָגען, וואָס זיי גיבען די אָרעמע קינדער...

II.

— וואוהין געהסטו?

— וואוהין געה איך? וועה צו דער אָרעמער מאַמען! איך געה צו מיין לייבעלען. איך האָב איהם צו אַ סטאָליער אַוועקגעגעבען. קוים זיך אַיינגעבעטען, אויף פיער יאָהר אומזיסט.

— אויף וועמעס עסען?

— אויף דעם בעל־הבית׳ס עסען...

— נו וואס זשע טראגסטו דאס?

— וואס זאל איך טראגען? איך טראג איהם, מיין לייבעלען א שטיקעל ברויט מיט קעז...

— דו זאגסט דאך אויף דעם בעל-הבית׳ס עסען?

— זאל דאס דער בעל-הבית און די בעל-הבית׳טע אויפעסען, וואס זיי גיעבען מיין ארעם קינד...

III.

— וואוהין געהסטו?

— וואוהין געה איך? וועה צו דער ארעמער מאמען... מיין לייבעלע שוין גאט צו דאנקען א בעל מלאכה געווארען, שוין אנגעהויבען געלד צו נעמען, 3 רובעל א וואך... האט ער זיך גענומען מישען אין די הייניטיגע זאכען... שוין דריי חדשים, אז ער זיצט. וועה צו מיינע יאהרען.

— וואס-זשע טראגסטו דאס?

— עסען פאר איהם... ברויט מיט נאך עפים.

— מען זאגט דאך, אז ברויט גיעט מען דארטען...

— אוי, זאלען זיי דאס רבונו-של-עולם אויפעסען וואס זיי גיעבען...

ענדע ערשטע אבטיילונג.

I.

די דריי טאקטען.

I.

ביז צוואנציג יאהר איז חיים געווען א סטאליער. געארבייט האט ער ביי זיין בעל־הבית ראובן יוסלען פינף יאהר, און קיין גרויסער מייסטער איז פון איהם ניט ארויסגעקומען. ער האט גע־ארבייט שטיל, פאמעליך און אלץ אזוינע ארבייט, וואס האבען ניט געהאט אין פלוג קיין גרויסע ווערטה. א גאנצען טיש, א בעט, א טאבורעט האט ער אליין קיינמאל ניט אויסגעארבייט, ער האט גאר געארבייט צו דער האנד: א פיסעל, א ווענדטעל, א ברעטעל אבגעהובעלט, און אז די גאנצע זאך פלעגט פארטיג ווערען, פלעגט חיים דארט זיין ארבייט ניט דערקענען, ניט געפינען. פערענדיגען זיין ארבייט פלעגט א צווייטער פועל, אדער דער בעל־הבית, און חיים האט קיינמאל ניט געהאט דאס פערגעניגען און דעם שטאלץ, וואס א מייסטער האט, ווען ער בעטראכט זיין געענדיגטעם ווערק. זיין ארבייט פלעגט פערשלונגען ווערען אין אנדערע, און חאטש ער האט אין ווארשטאט א נוץ געבראכט, דאך האט זיך איהם שטענדיג געדאכט, אז זיין ראליע איז זעהר א קליינע און ער טהוט מיט זיין ארבייט גאר נישט אויף, זי ווערט פערפאלען ניט בעמערקטערהייד.

און דעריבער האט חיים זיך ניט געפיהלט פאר א סטאליער אין פולען זינען פון ווארט און האט די ארבייט ניט ליעב געהאט,

און אַז מען האָט איהם אָבגעגעבען פאַר אַ סאָלדאַט אויפ'ן איין־און־צוואַנציגסטען יאָהר האָט ער אַפילו אין „פּריסוטסטוויע" ניט געזאָגט אַז ער איז אַ סטאָליער, כּדי ער זאָל ניט דאַרפען אָנקומען אין „פּלאָטניע", ווי ער וואָלט ווידער געדאַרפט שפּילען די ניט־וויכטיגע ראָליע אין דער אַרבּייט און זיין ווי אַ פינפטע ראָד צום וואָגען.

אַז ער איז אָנגעקומען אין דער דריטער ראָטע, און אַז אין אַ פּאָר וואָכען אַרום האָט דער פעלדפעבעל, אַריינגעהענדיג אין קאַזאַרמע געפרעגט: ווער איז אַ סטאָליער? איז חיים רויט און בלאַס געוואָרען און האָט שוואַך אויסגערופען, ניט קענענדיג זיך איינהאַלטען:

— איך!

דאַן האָט דער פעלדפעבעל איהם אַרויסגערופען פאָראויס און איהם געזאָגט:

— וועסט האָבען אויף עטליכע טעג אַרבּייט. דער ראָטנער האָט געהייסען מאַכען נייע ברעטלעך אויף די נאַרעס, וואו יעדען סאָלדאַט'ס נאָמען זאָל זיין אויפגעשריבען. פערשטעהסט?

חיים האָט אַ קוק געטהון אויף די אַלטע ברעטלעך, וואָס זענען געווען צוגעשלאָגען אין דער הויך אויף די נאַרעס און האָט געפונען, אַז די אַרבּייט איז זעהר אַ גרינגע און אַז ער וועט עס מאַכען.

אין דריי טעג זענען אַלע ברעטלעך פאַרטיג געוואָרען, און חיים האָט דאָס ערשטע מאָל אין לעבען געהאַט דעם נחת צו זעהן זיינע אַנ'אַרבּייט וואָס האָט אַליין פאַר זיך אַ ווערטה, צו וועלכער קיין אַנדערער האָט זיך ניט צוגעשטעקט. און ער איז געווען צופריעדען, כאָטש קיין געלד האָט ער דערפאַר ניט גענומען און האָט אַפילו קיין דאַנק ניט בּעקומען. נאָר וואָס דאַרף ער האָבען דאָס געלד און דעם דאַנק? ער האָט דאָס געצאָהלט און דעם דאַנק אַלע ווייל, ווען ער געהט פאַרביי די געלעגערס און זעהט, ווי אויבען אין דער הויך, איבער יעדערנס געלעגער, פינקעלט דאָס ווייסע ברעטעל, וואָס ער האָט אַליין געמאַכט. אַ שאָד נאָר, וואָס אויך אין דער דאָזיגער אַרבּייט זיינער האָט זיך עמיצער אַריינגעמישט, דער ראָטנער־שרייבער האָט מיט שוואַרצע טינט יעדעס ברעטעל פערשריע־

בען מיט אַ נאָמען און פאַמיליע און אַ נומער. נאָר וואָס זאָל ער טהון, אַז קיין שרייבער איז ער ניט, אי אַ סטאָליער, אי אַ שרייבער קען אַ מענש ניט זיין... געשריבען האָט אָבער דער שרייבער אויף זיינע ברעטלעך, וואָס ער האָט אַליין געמאַכט. דאָס איז גענוג פאַר איהם.

מעהר קיין אַרבייט האָט זיך אָבער דעם גאַנצען ערשטען ווינטער פון זיין דיענסט ניט געמאַכט, און חיים, גלייך מיט אַלע „נאָוואָבראַנצעס", האָט זיך געלערענט מאַרשירען, לויפען, ציעלען מיט'ן ביקס און נאָך אַ זעלבע זאַכען. און אַז זיין „צייט" פלעגט קומען, פלעגט ער דאַרפען געהן אין קיך שיילען קאַרטאָפעל, טראַגען וואַסער און זעגען האָלץ, און ער האָט שוין כמעט פערגעסען אַז ער איז אַ סטאָליער געווען, נאָר די ברעטלעך איבער די נעלעגערס פלעגען עס איהם דערמאָהנען. דעם פריהערדיגען נחת אָבער האָט ער שוין ניט געפיהלט.

דער פעלדפעבעל האָט אַלץ ניט פערגעסען, אַז ער האָט אין זיין ראָטע אַ יודעל אַ סטאָליער, און אַ פּאָר וואָכען נאָך פסח האָט ער איהם געשיקט מיט אַ קאָמאַנדע סאָלדאַטען מאַכען פּאַלאַטקעס אין לאַגער.

אַ גליקליכער, אַ שטאָלצער איז חיים אַוועק מיט דער קאָמאַנדע אין לאַגער. דער עלטערער פון דער קאָמאַנדע, אַנ'אַלטער קריסטליכער סאָלדאַט, פון טווערער גובערניע, אַ געלער מיט גרויסע וואָנסען, זעהר אַ שטרענגער, האָט געפיהרט די קאָמאַנדע אין דער בעסטער אָרדנונג און דערזעהענדיג פון ווייטען אַנ'אָפיציער, פלעגט ער זיך מיט מעהר שטרענגקייט נעהמען צו יעדען בעזונדער. חיים'ן אָבער האָט ער גאָר נישט געזאָגט. חיים האָט עס בעמערקט און האָט דאָס ערשטע מאָל אין לעבען זיך געפיהלט, אַז ער שטעהט העכער פון אַ אַנדערן און ער האָט פאַר זיך אַליין בעקומען רעספּעקט...

קומענדיג אָבער אין לאַגער אויפ'ן אָרט, איז חיים'ס גדולה אין גאַנצען אַראָב. דאָרט האָט שוין געאַרבייט די גאַנצע פּלאָטניע פון פּאָלק, און חיים האָט דאָ ווידער געשפּיעלט די אַמאָליגע ראָליע ווי ביי ראובן יוסל'ן זיין בעל־הבית. ער האָט נאָר צוגעהאָלפען קליינינקייטען, און אַז די פּאַלאַטקעס זענען פאַרטיג געוואָרען,

האָט ער ווידער זײַן אַרבײַט ניט דערקענט, זי איז פערשלונגען געוואָרען אין דער אַרבײַט פון די אַנדערע סטאָליאַרעס, פון די בעסערע, פון די עלטערע, און ער איז געוואָרען דער זעלביגער אונבעמערקטער חיים ווי געוועזען, גלאַט אַ חיים, וואָס איז אַמאָל אַ נאַרנישט, אַ פּועל בײַ ראובן יוסל׳ן געוועזען און הײַנט אַ גאָרנישט אין פּאָלק.

און חיים איז אומעטיג געוואָרען

II.

עס איז געוועזען ערב מאַנעווערעס. אין די פּאַלאַטקעס האָט מען זיך געגרייט צו דעם לאַנגען שווערען וועג. חיים איז געשטאַנען בײַ זײַן פּאַלאַטקע און האָט גערייניגט דעם ביקס, וועלכען ער פלעגט אַלע ווײַלע אויפהויבען, אויסציהען אין דער ברייט, אָנשטעל׳ען קעגען איין אויג, דאָס צווייטע אויג פערזשמורענדיג און אַרײַנקוקען אינווענדיג, צי עס איז שוין גענוג צו ריייניגען. פּלוצים האָט ער דערהערט, ווי די דניעוואַלניע, וואָס שטעהען יעדער בײַ זײַן פּאַלאַטקע, גיבען איבער איינע די אַנדערע:

— אַרויסשיקען אַלע יונגע סאָלדאַטען אויפ׳ן מיטען פּאָלק!

חיים אַלס יונגער סאָלדאַט האָט זיך פון די דניעוואַלנעס געשרייען געשראָקען, „ווער ווייסט וואָס פאַר אַ בעפעהל עס איז דאָ"?

— גיכער אויפ׳ן מיטען פון פּאָלק! האָט איהם דער דעזשורני געטריבען.

חיים האָט אין דער גיך צוזאַמענגעלעגט דעם ביקס, וועלכען ער האָט געהאַט פונאַנדערגענומען, אויסגעשמירט אַלע מעטאַלענע ערטער מיט פעטס, אַוועקגעשטעלט אין דער „פּיראַמידע", אָנגעטהון אַ כלומרש׳דיג ריין העמדעל, וואָס ער האָט אַליין נעכטען בײַם טײַך אויסגעוואַשען, און האָט זיך געשטעלט בײַ דער „ליניע", וואו עס האָט זיך צוזאַמענגעקליבען די קאָמאַנדע פון די יונגע סאָלדאַטען און האָבען דערווײַל געשמועסט אין דער שטיל.

פון שמועס האָט חיים געכאַפּט, אַז מען וועט אויסקלויבען תּלמידים אין מוזיקאַנטען־קאָמאַנדע.

זײַן שרעק איז אין גאַנצען אַראָב. פערקעהרט, ער האָט זיך

נאָך דערפרעהט. ער וועט צוריבען אַ פּאָר שעה צייט. קיין מוזיקאַנט וועט ער דאָך ניט זיין. ער ווייס אפילו ניט וואָס מוזיק איז, ער קען אפילו קיין קלאַנג ניט אַרויסלאָזען. ער האָט קיינמאָל אין זיין לעבען אפילו קיין זונג ניט געטהון. ווי קומט ער דערצו? דער קאַפּעלמייסטער וועט אויף איהם אַפילו זיך ניט אומקוקען. אַ קליינער, אַ דאַרער; אַ מוזיקאַנט דאַרף זיין אַ געזונדטער, אַ שעהנער, אַ הויכער!

באַלד זענען צוזאַמענגעקומען אַלע יונגע סאָלדאַטען. אַנ'אונטער־אָפיציער האָט אַ קאָמאַנדעווע געטהון:

— זיך אויסשטעלען! שאַגאָם מאַרש!

און די קאָמאַנדע האָט זיך געלאָזט געהן, אויפהויבענדיג אַ געדיכטען שטויב.

צוקומענדיג צום מיטען פּאָלק, האָט חיים דערזעהן דעם קאַפּעלמייסטער שטעהן מיט'ן עלטסטען מוזיקאַנט. דער לעצטער האָט געהאַלטען אַ פּאַפּיער אין האַנד.

דער קאַפּעלמייסטער, אַ הויכער, דאַרער דייטש מיט ברילען אויף דער שמאָלער נאָז, האָט געהייסען, זיי זאָלען זיך אויסשטעלען אין איין צייל. ער האָט זיך געשטעלט פאָראויס און מיט אַ פּיעדעל אין דער האַנד האָט ער אָנגעהויבען יעדען איינציגען עקזאַמעניערען.

אַז ער איז צוגעקומען צו חיים'ן, וועלכער איז געווען דער צעהנטער פון צייל, האָט חיים'ן זיך געדאַכט, אַז די פיס און די הענד זענען ניט זיינע און די צונג איז אין מויל פערשטאַרט געבליעבען.

— דו זינגסט? — האָט דער קאַפּעלמייסטער איהם געפרעגט.

— ניין, וואַשע בלאַהאָראָדיע! — איז חיים קוים אין שטאַנד געווען צו ענטפערן.

דער קאַפּעלמייסטער האָט איהם אַ טאַפּ געטהון די ליפּען, און האָט זיך ערנסט אויף זיי פערקוקט.

— גוטע ליפּען — האָט ער זיך געווענדעט צום עלטסטען מוזיקאַנט מיט דעם פּאַפּיער אין דער האַנד.

דער עלטסטער האָט מסכים געווען.

חיים האָט ניט פערשטאַנען, וואָס דאָס בעטייט. ער איז שוין

אַלט 21 יאָהר און ער האָט קיינמאָל ניט געוואוסט, אז ער האָט גוטע ליפּען. ער איז רוהיגער געוואָרען און האָט געהאַפּט אויף עפּים גליקליכעם.

דער קאַפּעלמייסטער האָט אַ פּיהר געטהון מיט'ן סמיק איבער'ן פּיעדעל און האָט געהייסען חיים'ן נעהמען דעם זעלבען טאָן. אָנ־פאַנגס האָט חיים עס ניט פערשטאַנען, נאָר אַז דער קאַפּעלמייסטער האָט איהם דייטליך ערקלערט, וואָס ער מיינט, האָט חיים דאָס ערשטע מאָל אין לעבען געזונגען גלייך ווי די פּיעדעל האָט גע־שפּיעלט.

— ווי רופט מען דיך? — האָט חיים דערהערט אַן ערנסטע פראַגע.

— חיים קוגעל! — האָט ער הויך אויסגעשריען און איז רויט געוואָרען.

— פערשרייבט! — האָט זיך דער קאַפּעלמייסטער געווענדעט צום עלטסטען. יענער האָט עס גלייך ערפילט.

— ביזט אַ מוזיקאַנט! — האָט אַ יודישער יונגער סאָלדאַט איינגעשושקעט חיים'ן אין אויער מיט קנאה.

חיים'ן האָט זיך עס ניט געגלויבט. איהם חיים'ן זאָל טרעפען אַזאַ גליק?... און אפשר איז די וועלט משוגע געוואָרען? און אפשר איז ער אַליין משוגע געוואָרען?

קומענדיג צוריק אין פּאַלאַטקע, האָבען איהם די יודישע סאָל־דאַטען אָבגעגעבען „מזל טוב"! און די קריסטליכע האָבען דאָסועלבע אויף זייער אופן אויסגעדריקט:

— וואָט זשיד, אַ רוח אין דיין מאַמען! — דאַרפסט געבען אַהער.

און דערביי האָבען זיי מיט די גראָבע פינגער געפּויקט איבער זייערע העלזער און חיים'ן האָט זעהר וועה געטהון דאָס הארץ, וואָס ער קען זיי ניט געבען קיין ביסעל בראַנפען.

ער האָט זיי אָבער צוגעזאָגט, אַז ווי ער בעקומט די „זשאַ־לאָוואַניע" 45 קאָפּ., קויפט ער אַ האַלבע פלעשעלע.

— נו, גוט! האָבען די סאָלדאַטען געענטפערט: חיים קוגעל מאָלאָדיעץ, האָטש אַ זשיד!...

III.

דער אינסטרומענט: וואָס מען האָט חיים'ן גענעבען, האָט געהייסען וואַלדהאָרן. אין דער קאָמאַנדע האָט עס געהייסען וואַלטאָרנע, און חיים'ן איז עס די ערשטע צייט געווען שווער אויסצורעדען און ער האָט ניט גוט געוואוסט, ווי זיין אינסטרומענט הייסט. אַז ער האָט געשריבען די ערשטע טעג פון דער מוזיקאַנטישער קאָמאַנדע אַ בריעף זיין איינציגען ברודער — אַ שוסטער אין מינסק, און ער האָט געוואָלט איהם אויסשרייבען אויף ריכטיג ווי זיין אינסטרומענט הייסט, האָט ער עטליכע מאָל איבערגעפרעגט ביי די עלטערע מוזיקאַנטען. דאָס אויסזעהן פון דעם אינסטרומענט איז חיים'ן געווען געפעלען; די פיעל אויסגעדרעהטע מאַשינדעלעך, די קלאַפּענס און דער קליינער מונדשטוק האָבען ביי איהם אַרויסגערופען אַ צופריעדענעם שמייכעל. ניט געפעלען איז איהם גאָר געווען דער טאָן פון אינסטרומענט, אָדער ווי ביי איהם האָט עס געהייסען: דער בלאָז. דער בלאָז איז אַ שוואַכער, אַ שטילער און ניט קיין שעהנער. חיים האָט ניט געקענט פערשטעהן, צו וואָס דאַרף מען אין אָרקעסטער אַזאַ אינסטרומענט. אויסשפּיעלען אויף איהם אַליין קען מען גאָר נישט, אַזוי זאָגען די מוזיקאַנטען. דער דאָזיגער אינסטרומענט שפּיעלט נאָר „סעקונדע”, ד. ה. האָט מען איהם ערקלערט, אַז ער האָט תמ'וואַטע אויסגעשטעלט די אויגען — עס-טאַ-טאַ. עס-טאַ-טאַ!...

חיים האָט געשפּירט, אַז אין דער מוזיקאַנטען-קאָמאַנדע וועט ער שוין אויך קיין ראָליע ניט שפּיעלען. און ער האָט זיך דערמאָהנט אָן זיין אַלטען בעל-הבית ראובן יוסל, אָן זיינע אַרבעט ביי איהם, און ער איז אומעטיג געוואָרען.

IV.

די ערשטע צוויי חדשים האָט חיים געבלאָזען די גאַמעס, וועלכע זיין „לעהרער” לייבע צאַרפין, וואָס האָט שוין געדיענט דאָס לעצטע יאָהר, האָט איהם אָנגעשריבען מיט זיין ווילדען נאָטען-כתב, און איהם געוויזען די ערשטע צייט ווי אַזוי צו בלאָזען. די ערשטע פיער נאָטען האָט חיים ווי עס איז גענומען. ביי דער 4-טער

אָבער איז חיים שטעהן געבליבען. נעהמען האָט ער איהם אפילו יאָ גענומען, נאָר פאַלש. „דו פאַלסט ניט אויפ'ן טאָן!" האָט איהם דער לעהרער ערקלערט, און די נאָטע האָט חיים'ן אויסגעוויזען, ווי אַ באַרג, וואָס איז זעהר משופּע'דיג און וואָס אַרויפגעהענדיג אויף איהם פאַלט מען און מען צובּרעכט די צייהנער. און די נאָטע האָט איהם די ערשטע צוויי חדשים געשראָקען און פערפאָלגט און האָט זיך פאַר זיינע אויגען געטראָגען, אין אויער געקלונגען, אויפ'ן וואָהר און אין חלום.

אויסער זיין לעהרער צאַרפינען, וועלכער איז געווען מעהר סוחר ווי מוזיקאַנט, ווייל ער האָט זונטאָג געהאַנדעלט אויפ'ן מער־קעל, — אויסער צאַרפינען פלעגט אַ מאָל צוגעהן צו חיים'ען דער עלטסטער מוזיקאַנט, אויף וועלכען מען האָט געזאָגט, אַז ער קען שפּיעלען אויף אַלע אינסטרומענטען. חיים, דערזעהענדיג נעבען זיך דעם עלטסטען, פלעגט זיך אי דערשרעקען, אי דערפרעהען זיך. דערשרעקען פלעגט ער זיך פאַר'ן עלטסטענס בייזען און שטרענגען בליק, פאַר זיינע בייז־פערדרעהטע וואָנסען, און דערפרעהען פלעגט ער זיך, ווי עס דערפרעהט זיך אַ חולה, ווען ער געפינט זיך נאָהנט פון אַ דאָקטאָר, אין וועלכען ער גלויבט, אַז ער קען פון טויט לעבעדיג מאַכען.

אומזיסט איז אָבער געווען דער שרעק און די פרייד. דער עלטסטער האָט נאָר אויפ'ן קוק אויסגעזעהן בייז און שטרענג; און וואָס אַנבּעלאַנגט דער פרייד, וואָס ער קען איהם לעבעדיג מאַכען, אַז ער, חיים, זאָל קענען די 4־טע נאָטע און די העכערע נאָטען נעהמען, איז זי אויך צורונען... דערהערענדיג, ווי חיים נעהמט די נאָטען, האָט דער עלטסטער אָנגעשטרענגט די ביידע אויערן, זיך פערקרימט פון פאַלשען טאָן און אויסרעדענדיג: פּאַהאַני אינסטרו־מענט! — איז ער אַוועקגעגאַנגען צו אַ צווייטען שילער, איבערלאָ־זענדיג חיים'ן איין אַראָבגעפאַלענעם און אַ פערצווייפעלטען...

V.

עס איז איבערגעגאַנגען אַ יאָהר. חיים האָט שוין אויסער „מאָליבוּוע" און „באָזשע צאַריאַ חראַני", געשפּיעלט עטליכע מאַר־שען. די העכערע נאָטען פון פיער און ווייטער האָט ער „גענומען"

אָבער מיט מאַטערניש, און צאַרפין זיין לעהרער, זיצענדיג נעבען איהם אין אָרקעסטער, פלעגט איהם ניט איין מאָל אַ קלאַפּ טהון פאַר׳ן פּוס, ער זאָל בעסער שווייגען. „אַז איך וועל אוועקגעהן אַהיים — פלעגט איהם צאַרפין אַריינשושקען אין אויער — וועסטו מעגען נעהמען, איצטער שוויַיג!״

און חיים האָט געשוויגען. נאָר ווען ער האָט אפילו געשפּיעלט האָט זיך איהם אויך געדאַכט, אַז ער שווייגט. ער האָט נאָר גע-הערט ווי דער טראָמפּייט קנאַקט, דער באַריטאָן רוישט, די „בעסער״ שיעסען, דער פּויק דונערט, דער קלאַרנעט און פלייט הילכען, — נאָר דער וואַלדהאָרן זיינער און אפילו זיין חבר׳ס שוויַיגען, און מען הערט זיי גאָר ניט. און ער האָט מקנא געווען די איבריגע מוזיקאַנטען, וואָס שפּיעלען אַזאַ גרויסע ראָליע אין אָרקעסטער, און ער גאָר ניט.

ער האָט זיך אַ מאָל געפּרובט אויסרעדען דאָס האַרץ פאַר צאַרפּינען:

—אונזער אינסטרומענט הערט מען גאָר ניט, ווי מיט איהם, אַזוי אָהן איהם.

— ביזטו בדלות! — האָט צאַרפין געזאָגט, וואָס האָט שוין געהאַט נאָך אַ חודש צו ענדיגען דעם דיענסט און האָט מעהר גע-טראַכט פון די היימישע געשעפטען, איידער פון מוזיק, — מען דאַרף זעהן ענדיגען דעם חודש, ניט „אָנרייסען זיך״ און נאָכדעם נעהם איך דעם וואַלדהאָרן און זאָג ברוך שפּטרני. אַנ׳עסק האָב איך מיט דער „מוזיק״.

חיים האָט איהם מיט׳ן מויל נאָכגעגעבען, פאָרט זיין לעהרער און אַנ׳אַלטער סאָלדאַט דערצו; אין האַרצען אָבער האָט ער אַנדערש געטראַכט, און ער האָט מקנא געווען די איבריגע מוזיקאַנטען, וואָס זיצען אויף אינסטרומענטען וואָס ליאַרעמען, שרייען און פערנעהמען אַנ׳אָרט אין אָרקעסטער, און ער מיט זיין אינסטרומענט ווערט פערטומעלט אין זייערע הויכע שטאַרקע טענער...

VI.

די אַלטע סאָלדאַטען, וואָס האָבען געדיענט דאָס לעצטע יאָהר, זענען צופאָהרען. אין מוזיקאַנטסקער קאָמאַנדע איז ווענינער

געוואָרען מיט פינף מוזיקאנטען. געפּיהלט אָבער האָט מען נאָר איינעם פון זיי, דעם באַריטאָניסט, און אויף זיין אָרט האָט מען געדונגען אַ ציווילנעם מוזיקאנט, ביז דער צווייטער באַריטאָניסט וואָס איז נאָך געבליבען דיענען, וועט זיין אימשטאַנד אַליין צו שפּיעלען. וואָס אָנבעטרעפט דעם פלייטיסט און קלאַרנעטיסט, וואָס זענען אויך אַהיים אוועקגעגאַנגען, האָט מען געלעגט גרויסע האָפ־נונגען אויף די צוויי איבערגעבליבענע, וועלכע זענען געווען זעהר פעהיג. נאָר איין חיים, וועלכער איז געבליבען דער איינציגער אויף וואַלדהאָרן, איז אַלץ געבליבען דערזעלבער אונבעמערקטער ווי פריהער, וועט זיין לעהרער צאַרפּין איז נאָך געוועז! דער עלטסטער נאָר האָט איראָניש אַ קוק געטהון אויף איהם און חוזק געמאַכט.

— נו, קוגעל, איצטער וועסטו זיין ביי אונז אַ סאָליסט...

געזאָגט האָט עס דער עלטסטער, ווען דער אָרקעסטער איז געזעסען גרייט צו שפּיעלען אַ נייעם מאַרש, וועלכען מען האָט פונאַנדערגעלעגט ביי יעדען טישעל. — דער עולם האָט זיך אומגעקוקט אויף חיים'ן און יעדער האָט געשמייכעלט אויף זיין שטייגער. חיים'ן האָט דאָס לאַכען פערדראָסען און הנאה געטהון. מען מאַכט פון זיין שפּיעלען טאַקי חוזק, אָבער דאָך ווייס מען, אַז ער עקזיסטירט. ער האָט נאָר געוואַרט, וואָס וועט דער קאַפּעלמייסטער זאָגען. דער קאַפּעלמייסטער איז אָבער געווען פערטהון מיט'ן נייעם באַריטאָניסט, וועלכען ער האָט עפּיס ערקלערט אין מאַרש און האָט אין שמועס וועגען קוגעל'ן קיין אַנטהייל ניט גענומען.

באַלד האָט דער קאַפּעלמייסטער גענומען „סטרויען" די אינסטרומענטען. ביי איינינע אינסטרומענטען האָט ער דעם „בע" גע־בעטען, ביי אַנדערע דעם „צע". חיים האָט מיט אַ קלאַפּענדען האַרצען געוואַרט אויף זיין אָטשערעד. נאָר אומזיסט האָט ער געוואַרט. ביי'ן „טראָמבאָן" האָט זיך דאָס „סטרויען" געענדיגט און דער מאַרש האָט זיך אָנגעהויבען. חיים האָט דאַן דערשפּירט זיין קליינהייט.

דער אָנהויב מאַרש איז געווען רוישענד און שטאַרק; גע־שפּיעלט האָבען אַלע אינסטרומענטען. חיים האָט געפּיהלט ווי זיינע טענער וועלען פערלאָרען אין דעם ווילדען, געזונדען און אָנגענעהמען

ליאַרעם. ער האָט געפּרובט האַלטען דעם מונדשטוק נאָר אין מויל און ניט בלאָזען, און ער האָט קיין שום ענדערונג ניט בעמערקט. די זעלבע שטאַרקייט, דאָס זעלבע רוישען, ווי מיט איהם, אַזוי אָהן איהם, און ער האָט ווידער גענומען בלאָזען, סטאַרענדיג זיך וואָס שטאַרקער, אפשר וועט זיין שפּיעלען דערגרייכען צום קאַפּעלמייסטער'ס אויער און ער וועט איהם שעצען ווי די איבריגע מוזיקאַנטען, וואָס שפּיעלען די ערשטע שטימע. אומזיסט אָבער!

נאָר נאָך דעם אָבשפּיעלען דעם ערשטען האַלבען מאַרש איז עפּיס געשעהן אַ מאָרנע זאַך. צוקומענדיג צום צווייטען האַלבען מאַרש וואָס הייסט „טריאָ”, איז דער גאַנצער אָרקעסטער שטיל געבליבען און חיים האָט גאַנצע דריי טאַקטען אַליין געשפּיעלט.

דער עולם מוזיקאַנטען האָט צום אָנהויב פערוואונדערט אָנגעקוקט חיים'ן, און באַלד זיך פונאַנדערגעלאַכט. חיים אַליין איז צוטומעלט געוואָרען און האָט ניט פערשטאַנען, וואָס דאָ איז געשעהן.

ענדליך האָט דער קאַפּעלמייסטער, וואָס האָט פריהער דעם מאַרש ניט איבערגעקוקט, זיך געווענדעט צו חיים'ן:

— דו האָסט דאָ דריי טאַקטען סאָלאָ — זעה־זשע! נו!...

ער האָט אויפגעהויבען דאָס טאַקט־שטעקעל און גלייך, דאָס ערשטע מאָל זינט חיים שפּיעלט, זיך געווענדעט צו איהם.

צו חיים'ס גליק זענען די דריי טאַקטען בעשטאַנען פון די נידריגע נאָטען און זעהר איינפאַך און ער האָט זיי כשורה אָבגעשפּיעלט, נאָר דער טאָן האָט פאַר שרעק געציטערט, און דער קאַפּעלמייסטער האָט געקאָמאַנדעוועט:

— ריינער, ריינער, סאָליסט מיינער.

די מוזיקאַנטען האָבען געלאַכט, נאָר חיים וועלכער האָט שוין צייט געהאַט פאָרצושטעלען אין קאָפּ דאָס גליק, וואָס איהם האָט אונערוואַרטעט געטראָפען, האָט דאָס לאַכען ניט געהערט. ער האָט נאָר טיעף אַריינגערוקט די אויגען אין די נאָטען, פעסטער צוגעקוועטשט דעם מונדשטוק צו די ליפּען און גערופען פון דאָרט די טענער מיט זיין לעצטער ענערגיע, מיט'ן לעצטען קוראַזש.

VII.

דער מאַרש, וואו חיים האָט די דרײַ טאַקטען געהאַט אַלס סאָלאָ, איז געווען אַ געראָטענער. די אָפּיציערען און אפילו דעם פאָלקאָווניק אין קלוב, וואו די מוזיקאַנטען האָבען איין מאָל אין וואָך געשפּיעלט, איז ער זעהר געפעלען געווען און מען האָט איהם אָפט געשפּיעלט, און חיים האָט גאַנצענע טעג געלערנט די סאָלאָ, זי זאָל, וואָס רײַנער, וואָס גלאַטער אַרויסקומען.

— אָבער גענוג דיר שוין! — פלעגט איהם יעדער דעזשורנע שטראָפען פאַר זײַן איבריגע התמדה: דו קענסט דאָך שוין!

נאָר חיים, וועלכער איז זינט ער האָט די דרײַ טאַקטען בעקומען, שטאָלצער געוואָרען, פלעגט ענטפערן:

— צו גוט איז קײַן שיעור ניטאָ. אַ סאָלאָ דאַרף מען שפּיעלען וואָס רײַנער. איך בלײַב דאָך איינער אַלײַן, אַלע האָבען פּויזען, נאָר איך איינער שפּיעל, איך איינער אַלײַן.

איינמאָל, אַז חיים האָט זיך אומגעטראָגען מיט'ן אינסטרומענט און געשפּיעלט פאַר זיך די דרײַ טאַקטען, האָט דער צווייטער טרומייטער, אַ יונגער שגצ'ל, וואָס דער פאָלק האָט איהם ערצויגען און פאַר אַ מוזיקאַנט געמאַכט, ניט געקענט פערטראָגען חיים'ס רוישען, און ער האָט זיך אָנגערופען:

— וואָס טהוסטו מיר, אַז איך שפּיעל אויך די דרײַ טאַקטען אין אָרקעסטער.

חיים איז בלאַס געוואָרען, האָט פאַר שרעק אין אָנהויב ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן, נאָר באַלד האָט ער זיך געשטאַרקט און קוים אַרויסגעזאָגט:

— ווי הייסט, דו וועסט שפּיעלען? דו האָסט דאָך דרײַ פּויזען.

— איך לאַך פון די פּויזען! — האָט דאָס יונגע מוזיקאַנטעל העזה'דיג אויסגערופען: אַז איך וויל שפּיעל איך זיי, איך ווייס וועלכע נאָטען: בע, עס, גע...

און רעדענדיג דאָס, האָט ער אַראָבגעכאַפּט זײַן טרומייט, וואָס איז געהאָנגען צווישען די איבריגע אינסטרומענטען און

האָט אַ קנאַק געטהון די דריי טאַקטען, חיים'ס דריי איינציגע טאַקטען.

— מאָלאָדיעץ איוואַנאָוו! — האָט דער דעזשורנער גע־לויבט: אויף אַ טרומייט איז דאָס טאַקי שענער ווי אויף „וואַלטאַרנע".

— היינט שפּיעל איך עס! — האָט זיך איוואַנאָוו אויף אַ אמת צוקאָכט.

חיים איז געבליעבען שטעהן מיט'ן אינסטרומענט אין דער האַנד און האָט ניט געוואוסט וואָס מען מאַכט.

איוואַנאָוו האָט דערשפּירט חיים'ס שרעק און דאָס האָט איהם נאָך מעהר אויפגעמונטערט.

— חאַ־חאַ־חאַ! האָט ער זיך פונאַנדערגעלאַכט: קוגעל וועט היינט זיין אוים סאָליסט...

— נו, הער אויף! — האָט חיים זיך גענומען בעטען: וועניג סאָליעם האָסטו?

— איש, ווי ער האָט מורא! איז איוואַנאָוו ערנסטער געוואָ־רען: וואָס וועסט מיר געבען, וועל איך ניט שפּיעלען.

חיים האָט ניט געוואוסט, מיט וואָס קויפט מען אונטער דעם קליינעם עשו. ער האָט לאַנג געטראַכט און ניט געפונען. ער האָט גאָר נישט פערמעגט. ענדליך האָט ער מיט אַ געפאַלענעם קול אַרויסגערעדט:

— איך וועל דיר רייניגען אַלע שבת דיין טרומייט.

איוואַנאָוו האָט זיך פערטראַכט. ער איז געווען זעהר פויל און דאָס איז איהם געפעלען געוואָרען; שבת נאָך „זאַניאַטיע" וועט ער קענען גלייך אַוועקגעהן אין שטאָדט הוליען.

— אָבער, געדענק — ריין ווי גאָלד! — האָט איוואַנאָוו אויסגעשטעלט אויף חיים'ן זיינע צוויי גרויסע גראָהע אויגען.

— בעסער פאַר מיין וואַלטאַרנע, האָט חיים פערזיכערט.

— וואָס איז דיין וואַלטאַרנע, — האָט איוואַנאָוו חוזק געמאַכט: איהר איז גענוג אַ ריב, מיין טרומייט דאַרף פינקלען! טרומייט רעכענט זיך ערשטע שטים, פערשטעהסט?

און חיים איז געבליבען דער איינציגער סאָליסט פון די

דריי טאַקטען, נאָר דעם פריהערדיגען חן האָבען זיי ביי איהם פערלאָרען. דעם שטאָלץ און די גדולה, וואָס ער האָט געהאַט אין דער רגע, ווען ער האָט זיי געשפּיעלט, איז בטל געוואָרען אין דער קנעכטשאַפט. אין וועלכער ער האָט זיך יערען שבת געפונען א שעה נאָכאַנאַנד, פוצענדיג איוואַנאָו'ס טרומייט.

II.

דער סאַמאָוואַר.

די אַריסטאָקראַטען פון פאָלק רעכענען זיך די מוזיקאַנטען, און אפשר דעריבער האָט מען זיי ניט ליעב. ניט נאָר די אָפּיציערען קוקען אויף זיי קרום אַפילו די סאָלדאַטען אַליין, וואָס געפינען זיך אונטער'ן ביקס, האַלטען זיי ניט פאַר „ברידער" מאַכען פון זיי חוזק, ווי דער שטייגער איז פון מעהר געפאַלענע צו אַ העכערן קלאַס. די אָפּיציערען רופען די מוזיקאַנטען מיט דעם נאָמען „לאָדרען", ד. ה. פוילע יונגען, הולטאַיעס, און די פראָנט-סאָלדאַטען האַלטען זיי ניט פאַר קיין וואָלנע (פרייע) און ניט פאַר קיין סאָלדאַטען; אַנשטאַט מוזיקאַנטסקע קאָמאַנדע רופט מען זיי „צולאָזענע קאָמאַנדע", ווייסען ניט פון דיסציפלין און פון „סלוזשבע", חוץ זייער דודקע. דודקע הייסט ביי די אַנדערע סאָלדאַטען יעדער מעשענער אינסטרומענט, אַפילו דער גרויסער באַס, וואָס ער וועגט פיעל מעהר פון אַ ביקס.

און געוויס זענען די מוזיקאַנטען, אין פערגלייך מיט די „פראָנט-סאָלדאַטען", אַריסטאָקראַטען. אויסער דעם, וואָס זיי טראָגען שענערע מונדירען, שלאָפען ניט אויף נאַרעס, נאָר יעדער האָט זיין אייגען בעטעל, — אויסער דאָס, האָבען זיי נאָך אַ סאַמאָוואַר.

דער סאַמאָוואַר איז אַפילו ניט קיין אַריסטאָקראַטישער. זיין גרויס און גרעב איז מעהר ענהליך צו אַ קעסעל, אַלס צו אַ סאַמאָוואַר, אָבער דאָך איז ער פאָרט אַ סאַמאָוואַר, האָט אַ קראַן און אַ

קומען און אַז מען שטעלט אים אויף, געהט אַ רויך, ווי פון אַן אמת'ן סאַמאָוואַר.

און פון דעם דאָזיגען גרויסען סאַמאָוואַר, וואָס ענטהאַלט פיער עמער וואַסער, טרינקען אַלע מוזיקאַנטען סיי אָרעם, סיי רייך, יעדען נאָך מיטאָג טיי.

טיי טרינקט אַפילו דער אָרעמסטער מוזיקאַנט. פוהרמאַן, וואָס בעקומט פון דער היים קיינמאָל אַ קאָפּיקע ניט און האָט זיין אויסקומעניש נאָר פון די דריי גילדען זשאַלאָוואַניע, וואָס ער בעקומט, פערשטעהט זיך, פונקטליך אַלע צוויי חדשים, געוועהנליך טראָגט אים ניט די זשאַלאָוואַניע אויף מותרות — טיי און צוקער. אָבער טיי טרינקט ער גלייך מיט אַלעמען, און ניט נאָר גלייך מיט אַלעמען אַפילו מעהר פאַר אַלעמען.

עס איז שווער צו גלויבען, אַז דער קליינער פוהרמאַן גיסט אין זיך אַריין 7 גלאָז טיי, דאָס איז זיין פּאָרציע, און אַ מאָל, אַז ער וויל זיך בריה'ן, — נאָך אַ פּאָר גלעזער, ולא נודע כי באו אל קרבו. דער זעלבער קליינער, דאַרער פוהרמאַן ווי געוועזען.

ווי געזאָגט, האָט ניט פוהרמאַן אויף קיין טיי און צוקער, און דאָך האָט זיך נאָך זיין קליינער שטערן קיינמאָל ניט פערקנייטשט וואו מען נעמט עס וואָלט ער אַזוי געוועזען בעזאָרגט מיט קאַשע (קאַשע איז אים שטענדיג ווייניג ניט ווייל ער איז הונגעריג, נאָר צו קאַשע פיהלט ער אַ בעזונדער שוואַכקייט...) ווי ער האָט געניג טיי און צוקער, און נאָך ווי האָבען — מיט כבוד מיט רעספּעקט!

מיטאָג עסען אָב די מוזיקאַנטען האַלב איינס. דער קאַשאָוואַר, כמעט דער איינציגער פון פאָלק, וואָס בעציהט זיך גוט צו די מוזיקאַנטען ווייל ער איז אַ גרויסער ליעבהאָבער פון מוזיק, שפּיעלט אַליין פידעל און לויט ווי מבינים זאָגען — נאָר ניט שלעכט. אָט דער קאַשאָוואַר, אַ קאַזאַנסקער געשטופּעלטער טאַטער, גיעט די מוזיקאַנטען אַ גרעסערן און בעסערן מיטאָג. די מוזיקאַנטען זענען מיט דעם מיטאָג שטאַרק צופריעדען, שיער רייסט זיך ביי מאַנכען מוזיקאַנט נאָך יעדען מיטאָג ניט אַרויס: בעסער ווי אין דער היים! אַ חסרון אָבער האָט דער מיטאָג: עס דאַרשט

נאָך איהם! וואָס איז שייך צו זאָגען — עס דאַרשט — עס ברענט! דער דנעוואַלניע, וואָס איז מחויב צוצושטעלען וואַסער, ווערט געביך אויסגעריסען, אַ גרויסע כלי וואַסער ווערט כהרף עין ווי אויסגע־טריקענט, אָבער קאַלטע וואַסער, לויט אַ סאָלדאַט פון טווערסקי גוב. האָט ערקלערט, שטילט ניט דעם דאָרשט, דער עיקר איז טיי. אַ חדוש, וואונדערט ער זיך — טיי איז דאָך הייס און עס לעשט.

אָבער אָנשטעלען דעם סאַמאָוואַר פוילט זיך יעדער. עס קען זיין פאַר זיך אַליין וואָלט זיך קיינער ניט געפוילט, נאָר ביי דעם געדאַנק, אַז פון דעם טיי וועט נהנה זיין די גאַנצע קאָמאַנדע, פאַלט אָן אַזאַ פוילקייט, אַז עס פערווילט זיך גלייך שלאָפען.

פוהרמאַן איז אָבער ניט קיין פוילער. אַ געשעפט אָנצושטעלען דעם סאַמאָוואַר! עס איז, פערקעהרט, אַ פערגניגען, אַנ'אונטער־האַלטונג. ער זאָגט עס אָבער ניט אַרויס, אַרויסזאָגען פּאַסט ניט. ער וואַרט מען זאָל איהם בעטען און קיין סך דאַרף ער ניט וואַרטען. אַז איין כלי וואַסער ווערט אויסגעלעדיגט, הערט ער, מען רופט:

— פוהרמאַן!

פוהרמאַן ווייס שוין אויף וואָס מען דאַרף איהם; ער מאַכט זיך אָבער כלא ידע, ווי געפגר'ט:

— שטאָ טאַקאָיע? פרעגט ער ניט אָהן שטאָלץ, עס מעג איהם דאַן אפילו רופען אַנ'אונטער אָפיציער.

— נאַסטאַוו סאַמאָוואַרטשיק, גאָלובטשיק! פוהרמאַן גיט אַ קוק אויפ'ן גרויסען סאַמאָוואַר, וואָס מען רופט איהם בלשון סגי נהור „סאַמאָוואַרטשיק“ און קווייקעלט זיך

— אַלע טאָג — איך!

— נו בראַטעץ, דערפאַר קריגסטו טיי און צוקער!

— אַלע טאָג, אַלע טאָג איך! קלאָגט ער זיך כלומרשט.

און דער קליינער פוהרמאַן, גיעט אַ חאַפּ דעם גרויסען סאַמאָוואַר צום ברונען, וואָס געפינט זיך אויפ'ן הויף און הויבט איהם אָן אָנגיעסען.

אַז ער גיעסט אַריין פיער עמער, איז נאָך דער „סאַמאָוואַר־טשיק“ ניט גאָר פול. פוהרמאַן קוקט אין איהם אַריין, און איהם

דוכט זיך, אַז דער סאַמאָוואַר וואַרט מען זאָל איהם אָנגיסען ביז די ברעגען. פוהרמאַן ציהט אויס נאָך אַנ'עמער וואַסער, דערגיסט נאָך בערך אַ פּאָר קוואָרט, און וויל מאַכען אויך אַ תכלית מיט דעם ביסעל וואַסער, וואָס איז געבליבען אין עמער:

— דנעווואַלנע! שרייט ער הויך, גע־ה, נעם צו אַנ'אויסגעשעפּטען עמער וואַסער!...

דער דנעווואַלנע, וואָס איז פויל צו שעפּען אליין, דערהערענדיג פון אַזאַ מציאה, לויפט אַרוים מיט אַ צוויי באַטשאָקלעך, ערשט אויסגעוואַשען פון דעם באָרש־, גיסט זיי אָן, און טראָגט זיי אַריין אין קאָמאַנדע, צו דערקוויקען די דאָרשטיגע מוזיקאַנטען. אַז דער דנעווואַלנע געהט אַוועק, נעמט פוהרמאַן, גאַרטעלט זיך אונטער די לענדען און וויל אָבשלעפּען דעם סאַמאָוואַר פון ברונען און אַוועקשטעלען אין מיטען הויף, וואו ער שטעלט איהם אָן סיי זומער סיי ווינטער. עס קומט איהם אָן שווער, זעהר שווער, אָבער דאָס מאַכט ניט אויס, דאָס איז איהם נאָך אַנגענעהמער — וועט ער דעם טיי און צוקער מיט מעהר שטאָלץ פאָדערן!

אַז דער סאַמאָוואַר שטעהט שוין אין מיטען גרויסען הויף, בעט ער אַ מוזיקאַנט, וועלכער עס זאָל פערביי ניט דורכגעהן, ער זאָל אַ ווײַלע אַכטונג געבען אויפ'ן סאַמאָוואַר ביז ער וועט געהן נעמען האָלץ, ווײַל אין דער מוזיקאַנטסקע קאָמאַנדע איז אַ טראַדיציע צו שטעלען עס סאַמאָוואַר ניִשט מיט קוילען, נאָר מיט האָלץ. פוהרמאַנס בעפעהל איז הייליג, דער סאָלדאַט שטעהט שוין אויף קאַראַאול און פוהרמאַן זוכט טרוקענע העלצעלעך, וועלכע ער צושפּאַלט מיט זײַן „טשעסאַק“, וואָס יעדער מוזיקאַנט פערמעגט שפּאַלטענדיג קלאַפּט איהם אַפילו גוט דאָס האַרץ פאַר שרעק בײַ'ם געדאַנק, אַז דער טשעסאַק קען אַ פּגימה בעקומען און אַז עס וועט זײַן אַ „סמאָטר“ קען ער האָבען דערפאַר זײַן עהרליך־אויסקומעניש. אָבער זײַן שטעל, אַלס „זאַווייעדוויושצי סאַמאָוואַראָם“ ערוועקט אין איהם אַ מוטה פון אַ העלד און ער איז גובר יעדען שרעק.

אַז די האָלץ איז שוין אין סאַמאָוואַר אַרײַנגעלעגט, דערמאָהנט זיך פוהרמאַן, אַז דעם עיקר האָט ער ניט. איהם פעהלען שוועבעלעך. אַ שוועבעלע איז אַפילו בײַ די סאָלדאַטען, חאָטש מוזיקאַנטען, אַ טײַערע זאַך, אָבער אַז פוהרמאַן לויפט אַרײַן אין

קאזארמע, לאזענדיג אויף א ווײַלע אליין דעם סאמאוואר און בעט נישט נאר פאדערט מיט שטאלץ: סקארײַ ספּיטשקא! טראגט מען איהם ענטקעגען, נאך מעהר, מען געטרויט איהם אפילו אויף די אייגענע הענד דאס גאנצע פעקעל. מען האט נאר מורא פאר זײַן צוטראגענקײַט און מען בעמערקט איהם, אז ער זאל ניט פערלירען און צוריק ברענגען, אויף וואס פוהרמאן שיקט לויפענדיג צוריק צום סאמאוואר אין איילעניש א תשובה: גאס בעהיט!

און חאטש די שוועבעלעך זענען ניט זײַנע, פון דעסטוועגען סטארעט ער זיך, אז ער זאל יוצא זײַן מיט איינער און ניט פטר'ן קײַן איבריגע, און דאס רוב געלינגט עס איהם, סײַדען, אז עס טרעפט א שטארקער ווינד.

אז ער צינדט אן די עטליבע זעהר דין צעשפאלטענע העלצעלעך און ווארפט זיי ארײַן אין סאמאוואר צו די איבריגע גרעבערע שטיקער האלץ, הײַסט שוין ביי איהם געפּטר'ט א האלבע ארבײַט. איהם בלײַבט נאר צו בלאזען. דאס בלאזען אליין איז אפילו ניט שווער, נאר דער רויך איז דאס ערגסטע. איהם וואלט דאס שוין אפילו ניט אזוי געארט, מילא איז א ביסעל ביטער אין די אויגען. שפעטער וואשט ער זיי אוים איז ווידער גוט. דאס אונגליק איז נאר דערין, וואס ער מוז אויסשטעהן זידלערײַען פון דער „שוואלניע“ וואס געפינט זיך אויך אויפ'ן דאזיגען הויף אין שכנות מיט די מוזי־קאנטען. פוהרמאן ווייס ניט צי ארט זיי טאקי דער רויך אדער זיי פערגיגינען ניט די מוזיקאנטען דעם סאמאוואר. נאר שרײַען שרײַען זיי און סטראשען צו געהן „דאלאזשען“ דעם אדיוטאנט.

פוהרמאן ווייס אפילו, אז דער אדיוטאנט וועט דערפאר גאר נישט טהון, ווייל דער סאמאוואר איז א קאזיאנער און טיי דארפען די מוזיקאנטען טרינקען „פא אוסטאבו“. פון דעסטוועגען וויל ער ניט האבען אויף זיך קײַן „בעמערקונג“; פאר אנ'אלטען סאלדאט פאסט עס ניט. און ער זוכט מיטלען צו פערניכטען דעם רויך, וואס וואליעט ווי פון א לאקאמאטיוו און צעלעגט זיך אין שווארצע שטיקער איבער'ן גאנצען הויף, צו דערשטיקט ווערען...

נאר ביז וואנען ער געפינט דעם מיטעל, איז שוין דער מיטעל איבריג. דאס פײַער, גוט פענאנדער ברענענדיג זיך, ניט שוין

פון זיך ארויס א קלענערן שיטערערן און העלערן רויך; שפעטער א ווײַלע שפארט נאר ארויס פון קוימען א ריין־העל־פײַער און שטעלט אוים רויטע צינגער די סאלדאטען פון שוואלניע.

דערזעהענדיג דאס ריינע פײַער אהן רויך, ווערט פוהרמאן דערפרעהט און זיכער: ערשטענס דארף ער שוין נישט בלאזען! צווייטענס לאכט ער שוין אוים פון דער שוואלניע און דריטענס וועט שוין טאקי באלד זיין טיי.

איהם בלייבט נאר יעצט שטעהן און אונטערלעגען פון צייט צו צייט אנ׳איינציג שטיקעל האלץ, וועלכעס דאס פײַער איגוועניג חאפט מיט גרויס ליעבע ארום, האלזט עס, גלעט עס, קושט עס און פערברענט עס...

אז עס געהט אריבער די ערשטע האלבע שעה, קומט ארויס פון קאזארמע אנ׳אלטער סאלדאט און פרעגט מיט א בעל הבתי׳שען טאן:

— נו, פוהרמאן! וואס הערט זיך?

פוהרמאן טאפט מיט א געניטקייט דעם סאמאוואר, שמייכעלט און ענטפערט:

— עס וועט שוין קיין סך ניט געדויערן!

שפעטער א ביסעל, שמייכעלט ער צופריעדענער און ענטפערט:

— ער „רעדט" שוין.

רעדען הייסט אפילו ניט זידען, אבער קרוב דערצו. אין קאזארמע פערשפרייט זיך באלד די ידיעה און דער עולם גרייט זיך שוין אן ווער מיט א גלאז, ווער מיט א טשאשקע און ווער מיט א לעפעל...

ענדליך קומט אן א שליח פון פוהרמאנען, אז דער סאמאוואר איז שוין פערטיג און פאדערט פיער „מענשען" צו געהן נעמען איהם. די פאדערונג ווערט גלייך ערפילט. פיער יונגע מוזיקאנטען, וועלכע וואלטען אין ראטע שוין זיך דערדיענט צום טיטעל „אלטער סאלדאט" און דא הייסען זיי נאך „נאווא־בראנצעס", געהען ארויס אויפ׳ן הויף און זאלבע־פיערט נעמען זיי דעם סאמאוואר. פוהרמאן, מיט א מינע פון א „קאמאנדיושצי־וואיסקאמי" געהט זיי נאך און קאמאנדעוועט:

אָסטאָראָזשנאָ! (1

דעם סאַמאָוואַר שטעלט מען אַוועק אויף אַ ברעג בעטעל, וואָס געהערט צום עלטסטען אונטער־אָפיציר. דאָס איז אַ מין כבוד פאַר דעם אונטער־אָפיציר; דאָס בעדייט, אַז נאָר איהם קען מען אָנטרויען אַזאַ מין איינעם. און ווירקליך, ווען אַרום סאַמאָוואַר קלויבען זיך צונויף די מוזיקאַנטען אָנגעוואָפענט מיט גלעזער, טשאַסקעס און לעפעל, גיט דער עלטסטער אונטער־אָפיציר שטרענג אַ קאָמאַנדע:

— אָטסטופי! (2

נאָכהער רופט ער אַרויס די רייכערע מוזיקאַנטען און איז גוזר זיי זאָלען געבען טיי. יענע לעגען זיך באַלד צונויף צו „שמעק־טאַבאַק" טיי, ביז עס ווערט אַ היבש־הייפעלע און מען גיט עס איבער דעם עלטסטען אונטער־אָפיציר. ער נעמט עס אין האַנד, בעטראַכט און זאָגט: „זאַמאַלאָ"! — עפענט אויף דאָס דעקעל פונ'ם סאַמאָוואַר, דערטרינקט עס אין די קאָכינגע וואַסער און הייסט האָבען געדולד 5 מינוט, ביז עס וועט אָנציהען.

די 5 מינוט ציהען זיך אַפילו לאַנג, אָבער דאָך קומען זיי זיך איבער, די מוזיקאַנטען דערהערען ענדליך דעם אויסרוף:

— גאָטאָוואָ.

און עס ווערט אַ געלאַף, אַ שטופעריי, אַז די קאָמאַנדע פון אונטער־אָפיציר, העלפט שוין ניט, און אַנב איז די קאָמאַנדע טאַקי זעהר אַ שוואַכע ווייל ער אַליין האָט שוין אָנגעשעפט אַ קליינעם „באָטשאָקעל", וואָס האַלט 10 גלעזער און טרינקט שוין, צובייסענדיג מיט שוואַרצען ברויט.

די קאָמאַנדע נעהמט איבער פוהרמאַן, ער ווייסט אַפילו, אַז מע וועט פיר איהם נענוג זיין, פון דעסטוועגען קען מען זיך אויף נסים ניט פערלאָזען. און דאָ זעהט ער ווי דער עולם צאַפּט דעם טיי, און ער האָט זיך נאָך ניט פערזאָרגט מיט אַ גלאָז און מיט אַ פאָר שטיקלעך צוקער, וואָס ער דאַרף דאָס נאָך בעקומען פיר זיין אַרבייט...

ענדליך בערוהיגט זיך דער עולם, יעדער זיצט שוין אַרום זיין

1) פאָרזיכטיג. 2) טרעט אָב צוריק.

בעטעל און טרינקט די טיי, ווער מיט א נאָהנטען פריינד, רעדענדיג וועגען סאָלדאַטישע פּאָליטיק.

דאַן בעקומט שוין פוהרמאַן די פּאָר שטיקלעך צוקער פון א מוזיקאַנט, וועמעס אַטשערעד עס איז צו „צאָהלען”, און ער נעהמט זיך צו זוכען אַ גלאָז, ער האָט אַפילו א לעפעל, נאָר פיר איהם, סאַמאָוואַר-אָנשטעלער פּאַסט ניט פון א לעפעל צו טרינקען, יעדער דאַרף וויסען זיין שטאַנד...

און אָט ווערט שוין ביי א מוזיקאַנט, וואָס טרינקט נאָר צוויי גלעזער טיי, פערטיג זיין גלאָז, וועלבע ער טראָגט אונטער מיט גרויס דרך-ארץ פוהרמאַנען, פוהרמאַן נעמט דאַן דעם גאַנצען סאַמאָוואַר צו זיין בעטעל, גיט איהם אַ טאַפּ און בעמערקט צופריעדען: אַקוראַט צום טרינקען! און נעמט זיך טאַקי דערצו.

ביי'ן ערשטען זופּ דערמאַהנט ער זיך, אַז דער דאָרשט איז ביי איהם שוין לאַנג אַריבער. ער וואָלט יעצט עפּיס ליעבער געגעסען... פון דעסטוועגען טרינקט ער אַ גלאָז נאָך א גלאָז, א שאָד — אַזוי פיעל געאַרבייט...

אַז ער טרינקט זיך שוין גוט אָן און בעמערקט, אַז אין סאַמאָוואַר איז נאָך גענוג געבליבען, רופט ער אוים:

— ווער וויל נאָך טיי? ס'איז דאָ!

נאָר קיינער רופט זיך ניט אָן, און פוהרמאַן זוכט ערגיץ נאָך אַ שטיקעל צוקער, ער זאָל האָבען צו טרינקען נאָך א גלאָז, — א שאָד צו לאָזען, אַזוי פיעל געאַרבייט...

III.

אַ גאַנצע נאַכט.

די קאַפע-הויז איז בעשטאַנען פון אַ לאַנגען צימער, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי אַ קאָרידאָר. ביי די זייטען קליינע מראַמאָרנע טישלעך צעשטעלט, נעבען יעדער טישעל דריי שטוהלען און ווען די געסט זענען געדיכטער געווען, פלעגט מען מיט מאַטערניש אַ פערטען שטוהל צושטעלען. דעמאָלט פלעגט זיך ביי דער הויכער קעלנערין, מאַשען, טרעפען אַ סבה און אַ גלאָז קאַווע צי אַ גלאָז טיי פלעגט זיך אויסגיעסען און פערשפריצען די וואָס זענען געזעסען ביי'ן טישעל. נאָר דאָס האָט ניט שטאַרק געאַרט די געסט; זיי זענען שוין דערצו געוואָהנט געוואָרען. אַנ'אַנדערער, וואָס די גרויסע רוישענדע שטאָדט האָט זיינע נערוועון שוין צעקלאַפּט, פלעגט זיך נאָר אַ קרים טהון און אַרויסמורמלען:

— ס'אַ מין טראָגען אַ ביסעל!

— פּשעפּראַשאַם! פלעגט די קעלנערין מאַשינעל אַרויסרעדען און ניט ערוואַרטענדיג פון דעם גאַסט קיין „פּראָשע", וועלכען ער האָט געוויס אַרויסגעברומט, פלעגט זי פערשווינדען צו אַ צווייטען טישעל. וואו מען האָט זי גערופען קלינגענדיג מיט'ן לעפעלע אין גלאָז.

אין דעם קאַפע-הויז האָט שטענדיג גערוישט. דאָ פלעגען זיך צונויפקומען פּריקאַשציקעס, „גאַסען-געהער", וועלכע פלעגען קומען לייזען פאַר זייערע סחורות, ווי מעסערלעך, קעמעלעך, א. ד. ג., וואָס זיי האָבען אין קערב געטראָגען אויף די פּלייצעס. חוץ די אַלע געסט פלעגען דאָס קאַפע-הויז בעזוכען סתם דורכגעהער,

לעדיג-געהער, וואס זענען געקומען אין דער גרויסער שטאדט זוכען שטעלעס, און נאך פערשיעדענע מענשען פון פערשיעדענע קלאסען.

און דער ווירטה פון דעם קאפע-הויז, אהרן יאקאבסאהן, א יוד פון א יאהר פערציג, א דיק-בייכיגער, מיט גרויסע סערע אויגען, פלעגט זיצען ביי דער קאסע, וועלכע האט זיך געפונען גלייך ביי'ן אריינגאנג און פלעגט אבגעהמען פדיון. איהם האט דאס געריויש און געטומעל, ניט געטשעפעט. זיינע פאר מחשבות, וואס זענען געלעגען אין קאפ זינט ער האלט דאס קאפע-הויז, האבען זיך רוהיג געארבייט אין דעם גרעסטען טומעל. בעשטאנען זענען די פאר מחשבות נאר דארין: מען דארף אבנעמען ריכטיג דאס וואס קומט פון גאסט און 12 א זייגער ביי נאכט מוז מען פערמאכען דאס קאפע-הויז...

און די צווייטע מחשבה איז ערנסטער געווען פאר דער ערשטער. פערמאכען דאס קאפע-הויז הייסט אויפהערען לייזען. און אויפהערען לייזען, געהן א היים איז פאר איהם געווען אנ'אומעטיגע זאך. אין דער היים האט זיך אהרן געפיהלט ווי א פיש אויף דער יבשה. אהרן האט ניט אזוי ליעב געהאט דאס געלד, ווי דעם עצם פראצעס פון פדיון; ער האט ליעב געהאט, ווען דער גאסט דער-לאנגט איהם א זילבערנעם רובעל, רעכענט איהם אוים צוויי גלאז טיי צוויי טשאסטעס און בעט רעשט. אהרן גיט דעם רובעל א וואָרף אויפ'ן פראבע-שטיין וואס ליעגט אויף דער קאסע, געפינט איהם פאר גוט, עפענט אויף דאס קעסטעלע וואו דאס געלד ליעגט און גראבלענדיג זיך אין די פיעלע מטבעות דארט, וואס קלינגען אזוי ווי מוזיקע, נעמט ער ארוים די געהעריגע צאהל מטבעות און גיט עס ארוים דעם גאסט. און אט קומט א צווייטער, א דריטער, א פערטער גאסט.

— ווי געהט עס פאניע יאקאבסאהן? פרעגט אנ'אנדערער, פון די אפטע געסט.

— גאט צו דאנקען! ענטפערט ער, זינדיגען קען איך ניט און מען טאר ניט...

— פדיון איז פערהאן?

— פערהאן איז פערהאן — ענטפערט אהרן מיט א צופריעדענעם

קרעכץ — עס האט אבער בעסער געקענט זיין. עך-עך-עך — מען איז אבער אין גלות!

— קענגען וואס זאגט איהר דאס?

— איך מיין קעגען דעם, וואס מען „נייט" 12 א זייגער פער-מאכען דעם געשעפט... דאס איז פאר מיר א הריגה... 12 א זייגער איז דער בעסטער פדיון, די פריקאשציקעס געהען דאמאלס פון די ציירקען, טעאטערס און עס לייזט זיך דאמאלס גאנץ געשמאק — גאר געשמאק! — ווערט ער בעגייסטערט און לאזט ארויס א זיפץ

— וואס איז אבער די פעולה? — מען לאזט ניט: 12 א זייגער שרייט מען שוין: „זאמיקאט!". און ווירקליך האט דער גזעץ, וואס פער-באט צו זיטצען שפעטער, ווי 12 א זייגער אין געשעפט, געקאסט אהרנ'ען פיעל געזונד. עס איז איהם שווער געוועזען שיידען זיך אין דער צייט מיט אזוי פיעל געסט, וואס יעדערער האט געשריען טיי, קאווע, אייער, מילך, און די מינוטען זענען געצעהלט: ס'איז שוין פינף מינוט צו 12. באלד גיט זיך דער פינקטליכער ווייזער א רוק און עס בלייבט נאר 3 מינוט צו 12 און באלד — באלד, אט נאר א האר שטעהט ער שוין שטאלץ, מיט א גזלנישע קאלטבלוטיגקייט אויפ'ן 12 און טהוט עפּיס.... דער ווייזער פיהלט דען עפיס, ער פערשטעהט דען וואס פדיון איז?... א, דער ווייזער, דער ווייזער, ווער בעט איהם ער זאל ווייזען...

און אהרן מוז מיט הארץ-קלעמעניש זיך ווענדען צו די געסט:

— נו, ברידער, שוין צייט!...

— זאמיקאט! קלאפט דער סטאיקאווע אריין אין טהיר.

— צום שווארץ-יאהר! שיקט ער איהם אב אין געדאנק און ער ווענדט זיך צו די געסט שוין מיט מעהר טרויעריגקייט:

— נו, ברידער! לאזט פערמאכען! איך וועל נאך דארפען שטראף בעצאהלען.

און אהרן האט ניט אומזיסט זיך געשראקען: ער האט שוין עטליכע מאל בעצאהלט צו 25 רובל שטראף. עס איז געוועזען אין יענע צייטען ווען דער חשק צו פדיון האט איבערגעשטייגט די מורא. יעצט איז אפילו דער חשק נאך ניט קלענער געווארען, נאר דאס לארעניש, דאס געהן אין געריכט נעהמט צו זעהר א סך צייט, און

דאָס געשעפט ווערט רואינירט, און אַגב האָט מען איהם מתרה געווען, אויב ער וועט נאָך אַ מאָל איבערציהען נאָך 12 וועט מען איהם פערמאַכען דאָס געשעפט...

— היינט געה הויב זיך אָן מיט זיי! קלאָגט ער זיך פאר אַנ־אַנדערן גאַסט, וועלכען ער דערקלערט זיין לאַגע.

איינמאָל ווינטער צייט ביי נאַכט, דער פראָסט האָט דרויסען געקנאַקט, די גרויסע פענסטער פון יאַקאָבסאָהנ'ס קאַפּיינע זענען פערפרוירען געווען, אין קאַפּיינע ביי די טישלעך זענען געזעסען געסט ביי הייסע גלעזער טיי, צי קאַווע, און האָבען זיך געוואַרעמט, דער זייגער האָט שוין געהאַלטען ביי האַלב צוועלף, און יאַקאָב־סאָהן האָט שוין זיך איבערגעגעבען אין גאַנצען דעם געדאַנק, אַז באַלד, באַלד דאַרף מען פערמאַכען... אָט אין דער צייט איז אַריין אַ פערפרוירענער פוהרמאַן, זיך געזעצט נעבען אַ טישעל קעגען איבער דער קאַסע און האָט געפאָדערט אַ גלאָז טיי.

— קאַלט! קאַלט! האָט ער געברומט, רייבענדיג די הענד. און ווישענדיג נאָכדעם די גרויסע וואָנצען, וואָס זענען פייכט געווען פון די אייז, וואָס איז צוגאַנגען פון דער פאַרע אין קאַפּע־הויז...

— אַ גרויסער פראָסט! הא! האָט זיך יאַקאָבסאָהן צו איהם געווענדט, און געהאַט בדעה אַריינלאָזען זיך מיט איהם אין אַ שמועס.

— אַ ברען! האָט דער פוהרמאַן געענטפערט און אָנגע־הויבען זופען די גלאָז טיי, וואָס די קעלנערין האָט איהם צו־געטראָגען.

— נו, וואַרעמט זיך אָן, האָט יאַקאָבסאָהן איהם פריינדליך געזאָגט.

— אודאי! האָט דער פוהרמאַן ווי מיט פרייד אויסגע־שריען — די גלאָז טיי ראַטעוועט מיך איצטער. — איהר ווייסט פאַניע יאַקאָבסאָהן האָט זיך דער פוהרמאַן אַ דערוואַרעמטער, צוגערעדט, — מיר פוהרמאַנעס, האָבען געדאַרפט האָבען אייער קאַפּיינע אַ גאַנצע נאַכט, מיר ווערען דאָ שטעהענדיג אין גאַס דערפרוירען.

— הערט איהר, ברודער! האט זיך ערוועקט אהרנ'ען זיין אלטע וואונד — ווען מען וואלט לאזען וואלט איך אודאי און אודאי וועלען האלטען אפען א גאנצע נאכט, איך וואלט דאס וועלען צוליעב מיין טובה און ניט צוליעב אייערער ... חע ... חע ... חע... א מענש זארגט פאר זיך אליין און דערפון קומט ארוים א טובה דעם צווייטען. מיר וואלט געוועהן גוט און אייך וואלט געוועהן גוט... וואס איז אבער די פעולה?! האט אהרן זיך צעזיפצט — מען איז אין גלות!... מען לאזט ניט.

— און עס איז גאר ניטא קיין עצה? האט דער פוהרמאן געפרעגט.

— ניטא קיין שום עצה, האט אהרן מיט יאוש געענטפערט און זיין פול פנים האט ווי א וואלקען פערדעקט — קיין שום עצה ניטא. איך האב שוין געפרעגט ביי זאקאניקעס, ביי אדוואקאטען. איך האב זיך געוואלט לאזען קאסטען א שעהנע קאפיקע... עס וואלט מיר ווערטה געוועהן. א קלייניגקייט — א גאנצע נאכט!...

די ווערטער א „גאנצע נאכט" האט אהרן געדריקט ווי מיט א ליעבשאפט און ווי מיט א ציטערניש, פונקט ווי אין די ווערטער שטעקט זיין גאנץ לעבען, זיין גאנץ גליק...

— און מיר דאכט, האט דער פוהרמאן ווייטער גערעדט — אז מען זאל זיך גוט סטארען קען מען קריגען א פאזוואליעניע.

— שווער! האט אהרן אלץ מיט דעם זעלבען יאוש'דיגען טאן ארויסגעברומט.

— און איך זאג אייך, אז מען קען, האט זיך דער פוהרמאן געהאלטען ביינם. דא דארף מען נאר א פראשעניע צום פאליציי-מייסטער... איך האב א פלאן!! האט דער פוהרמאן פלוצים אויסגעשריען מיט אזא פריידען-טאן ווי ער וואלט געפונען א מיטעל ווי צו ראטעווען א מענשען פון טויט... איך האב א טהייערן פלאן...

אהרן'ס אויגען האבען זיך צעשטעלט און האבען געקוקט מיט א מאדנעם גלאנץ. אזוי קוקט א קאץ ווען זי זעהט פון ווייטען עפעס א שטיק ווייסעס און זי גלויבט ניט אין איהר גליק, צי דאס איז קעז, צי ניט...

— א הער דעם פּלאַן, האָט אהרן, צו זיך קומענדיג אַרויס־געשאָסען ...

— א גאָלדענער פּלאַן, האָט זיך דער פוהרמאַן צעפּלאַמט, ערשט איז ער מיר איינגעפאַלען ... יע ... יע ... בקיצור ר׳ אהרן, אייער קאָמפּאַניע איז שוין גלייך ווי אָפען א גאַנצע נאַכט ...

— זאַמיקאַט! האָט פּלוצים זיך דערהערט דער שטרענגער קול פון גאָראָדאָוואָי!

— נאַט איך „א גאַנצע נאַכט“! האָט אהרן זיך בעזיפצט— אַי, אַי, מען איז אין גלות!

און אהרן האָט אָנגעהויבען גיכער טרייבען די געסט און מיט גרויס אונגעדולד ערוואַרט דעם פוהרמאַנס פּלאַן.

— וואַרט, וואַרט! האָט ער דעם פוהרמאַן פערהאַלטען. מיר וועלען באַלד שמועסען...

די געסט האָבען זיך איינע נאָך די אנדערע פונאַנדער גע־צאָהלט. — אהרן האָט אייליגענדיג און אויפגערעגטערהייט רעשט געגעבען און האָט ניט אַלע מטבעות, וואָס מען האָט איהם דער־לאַנגט, געפּרובט אויפ׳ן פּראָבע־שטיין.

— איצטער קענט איהר זאָגען אייער פּלאַן! האָט ער זיך געווענדט צום פוהרמאַן וועלכער איז דער איינציגער געבליבען אין קאַפע־הויז, אויסער די קעלנערינ׳ס און דאָס קוך־מיידעל, וואָס האָבען זיך געאיילט צוקלויבען אין דער גיך די שטוהלען, אָבווישען די טישלעך און גיהן אַנידערפאַלען שלאָפען...

—דער פּלאַן איז אַזוי: מיר איזוואָזטשיקעס, וועלען דערלאַנ־גען א „פּאַפּיער“ צום פּאָליציימייסטער אַזוי: טאַק־קאַק מיר איזוואָז־טשיקעס — היות ווי מיר פוהרמאַנעס מוזען זיך געפינען אין דער און דער גאַס א גאַנצע נאַכט און טאַק־קאַק מיר מוזען האָבען ווינטער וואו אָנוואַרעמען זיך און זומער פון רעגען זיך בעהאַלטען, מוזען מיר האָבען אַזאַ מין זאַוועדעניע, וואָס זאָל זיין אָפען א גאַנצע נאַכט... די זאַוועדעניע געפינען מיר זעהר פאַר גוט דעם ה׳ אהרן יאַקאָב־סאָהנ׳ס, זי געפינט זיך אין סאַמען פונקט, וואו מיר איזוואָזטשיקעס געפינען זיך, אַי טאַק פּאָקאָרנייישע פּראָסים — בעטען מיר דיך זעהר זאָלסט אונז טהון די טובה און „ראַזרעשען“ דעם ה׳ אהרן

יאַקאָבסאָהן צו האַלטען אָפען די קאָפּיניע אַ גאַנצע נאַכט פון אונזער טובה וועגען.

— דער פּלאַן איז גאָר פּערוויי סאָרט! האָט אהרן מיט אַיי בערראַשונג אויסגעשריען. איהר זענט דאָך גאָר אַ גאַנצער מיניסטער, ווי איך בין אַ יוד!

— איך האָב 5 יאָהר „געדיענט"! האָט דער פוהרמאַן שטאָלץ ערקלערט, פון וואַנען ער איז אַזאַ זאַקאָניק...

— ברודער! האָט אהרן אויסגעשריען, בעטראַכטענדיג דאָס גליק וואָס דאָ שטעהט איהם פאָר. אויב די זאַך וועט זיך אויספּיה־רען, קריגט איהר אַ פיינע מתנה... אָבער גאָר אַ פיינע, האָט ער צוגענעבען מיט זיכערהייט...

— מען דאַרף זעהן „שמירען"! האָט דער פוהרמאַן גע־שמייכעלט.

— וועגען שמירען רעדט מען ניט! שמירען מוז מען ביי קלענערע „דיעלעס", בפרט ביי אַזאַ!...

— אויב איהר וועט שמירען ר' אהרן, שווער איך אייך, אַז איהר קריעגט אַ ראַזרעשעניע אין צייט פון אַ חודש, און איהר וועט אם ירצה השם זיצען אַ גאַנצע נאַכט.

— הלואי! האָט אהרן צוגעוואונשען — און איהם האָט זיך עפּיס ניט געגלויבט אַזאַ גליק...

און אהרן יאַקאָבסאָהן האָט אָנגעהויבען צו אַרבייטען אויף אַלע כלים. ער האָט געשמירט און געשמירט, געקרעכצט און געזיפצט און געהאָפט און געהאָפט. די צוויי ווערטער „אַ גאַנצע נאַכט" האָבען איהם רוהען ניט געלאָזט און ווהדער דאָס קאָפּע הויז איז נאָך געווען אָפען אַ גאַנצע נאַכט, האָט ער שוין גאַנצע נעכט ניט געשלאָפען...

און אין צוויי חדשים אַרום איז אהרן יאַקאָבסאָהנען אָנגע־קומען אַ פּאַפּיער, וואו עס שטעהט כתוב וחתום, אַז ער, דער איינציגער אין דעם בעצירקעל, מעג האַלטען אָפען דאָס קאָפע־הויז אַ גאַנצע נאַכט.

— נו, ברידער, גיט מיר אַב מזל טוב! האָט ער מיט אַ

שײַנענדען פּנים פון גליק זיך געווענדט צו די געסט.

— וואָס, מאַקי ערלויבט! האָבען די געסט זיך פערוואונדערט.

— נאָט לייענט! האָט ער דערלאַנגט דאָס פּאַפּיער, מיט אַ סך קאַזיאָנע סטעמפּלען איינעם אַ יונגען מאַן, וועלכער האָט געדאַרפט קענען לויט זײַן הויכען צילינדער, לעזען רוסיש ווי וואַסער. גאַר יענער האָט עס גענומען אין האַנד, אַ קוק געטהון דאַרין און איבערגעגעבען אַ צווייטער האַנד, וועלכע איז געווען אויסגעשטרעקט צו נעמען עס.

די צווייטע האַנד האָט אָנגעהויבען לעזען:

„זייענדיג אויפמערקזאַם אויף דער ביטע פון די איזוואָזטשיקעס פון 7-טען בעצירקעל, וועלכע פאָדערן צו האָבען אַ הויז וואו אַרייַנצוגעהן זיך אָנוואַרעמען, איז ערלויבט געוואָרען די קאַפע-הויז פון אהרן יאַקאָבסאָהן צו האַלטען אָפען אַ גאַנצע נאַכט...“

— דאָס איז אַ ביסעל אַ גליק! האָבען איינינע געסט אין איין קול אויסגעשריען.

— אַ קלייניגקייט! האָבען נאָך איינינע זיך געוואונדערט — אַ גאַנצע נאַכט!...

— איהר פרעגט נאָך, צי דאָס איז אַ גליק! האָט דער בעל שמחה אַליין גליקליך געשמייכעלט — אַ יודען קען גאַר ניט טרעפען אַזאַ גליק!

— ניין! האָט אַ גאַסט אָבגעשלאָגען — אויף די נאַלעווקעס איז פערהאַן אַ שענק וואו מען „שענקט“ אויך אַ גאַנצע נאַכט.

— נו, איז פערהאַן נאָך אַ שענק! האָט דער בעל שמחה, ווי מיט פערדרום וואָס ער איז ניט איינער, געענטפערט — אַ שענק איז דאָך ניט קיין קאַפע-הויז. אַ קאַפע הויז איז מײַנע איצט די איינציגע אין שטאָדט אָפען אַ גאַנצע נאַכט!

— נו, מזל טוב אייך! האָבען איינינע געסט אָנגעהויבען ווינשען, און אויסגעצויגען אהרן'ען זייערע הענד.

— אַ שעהנעם דאַנק! האָט אהרן יעדערן געענטפערט, אויסציהענדיג, מיט אַ פרום-גערירהרטען פּנים, די האַנד.

* *
*

און פון דעמאָלט אָן איז די קאַפע־הויז אָפען אַ גאַנצע נאַכט. דריי קעלנערינ'ס דרעהען זיך אַרום מיט מידע בלאַסע פּנים'ער און דערלאַנגען טיי און קאַווע די פערשידענע געסט וועלכע זיצען דאָ אָב גאַנצענע נעכט, ניט האָבענדיג קיין היים אין דער גרויסער שטאָדט, וואָס פערמעגט אַזוי פיעל הייזער... די איזוואָזטשיקעס זיצען אַרום דעם גרויסען טיש, וואָס געפינט זיך אין מיטען קאַפע־הויז און שמועסען וועגען פערד און קאַרגע פּאַסאַזשירען... ביי דער קאַסע זיצט יאַקאָבסאָהן און בעטראַכט די געסט, רייבט די אויגען און איז שטאַרק צופרידען. אָפטמאָל נאָר איז איהם וועניג די פּאָר שעה, וואָס ער שלאָפט ביי טאָג אין דער היים, ווען זיין ווייב בייט איהם איבער, און ער שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויף דער קאַסע און זיצענדיג כאַפּט ער אַ דרימעל. גאָר לאַנג קען ער ניט דרעמלען: די קעלנערין וועקט איהם אויף און טהיילט איהם מיט, אַז אַ גאַסט דאַרף צאָהלען. ער כאַפּט זיך אויף געשווינד און נעהמט אָב געלד און איז ווייטער פריש און וואַכענדיג...

— וואָס, עס ווילט זיך שלאָפען? פרעגט דער גאַסט.

— עט... ניט ער אַ מאַך מיט דער האַנד — פּדיון איז טהייערער פאַר'ן שלאָף.

דער גאַסט געהט אַרויס און יאַקאָבסאָהן נעמט אויף זיך שוין מעהר ניט צו שלאָפען און וואַכען די גאַנצע נאַכט...

און ער שטרייט מיט'ן שלאָף!...

IV.

אין די רייכע גאסען.

וועלוועל דער שוסטער, א הויכער דארער יוד מיט פרעהליכע אויגען, וואהנט שוין, זייט ער איז „פאר זיך" א בעל־הבית געווארען און האט אנ'איינגענעם ווארשטאט, אויף דער סמאטשע גאס. וואהנען וואהנט ער אין א קעלער, די קליינע פענסטערלעך געהען ארוים צום הויף. דער הויף איז א שמאלער, די הייזער פיער־שטאקיגע, און דעריבער איז ביי וועלוועלען אין „וואהנונג" שטענדיג „פאר נאכט", ליכטיג ווערט נאר אין וואהנונג דאן, „ווען עס ווערט שוין גוט נאכט" און דאס ווייב חייקע צינדט אן דעם לאמפ.

— עס וואלט געווען א יושר — זאגט אמאל וועלוועל, ווען דער לאמפ ברענט און דאס פייער מאכט איהם מונטער — עס וואלט געווען א יושר, אז דער לאמפ זאל ביי אונז אין „זאל" ברענען א גאנצען טאג, אזוי זעהט מען גאר ניט די טהייערע מעבעל און די גארדינען...

דער איינציגער פועל, וועלכען ער צאהלט א רובל א וואך מיט קעסט און קווארטיר, שמייכעלט צו און ענטפערט:

— בעסער, ר' וואלף, ציהט זיך ארוים אין א נייע דירה!

— אין א נייע דירה וועלען מיר זיך אויך אם־ירצה־השם אריבערציהען, — ענטפערט וועלוועל פרעהליך קלאפענדיג אין פאדעשווע די טשוועקלעך. איבער הונדערט און צוואנציג יאהר און אפשר פריהער וועל איך האבען א דירה איינס אין דער וועלט... דו וועסט צו מיר קומען געוואהר ווערען? ענדיגט ער, לוסטיג אויסשטעלענדיג אויפן פועל די פרעהליכע אויגען —

— איידער יענע דירה, שוין בעסער דא אין קעלער! ענטפערט דער פועל אקראץ־טהוענדיג זיך.

— וואס איז, גארעלע, וואס פעהלט דארטען? שמייכעלט וועלוועל ווייטער — דארטען ווערסטו גלייך אוים שוסטער און הויבסט אן גלייך באקען בייגעל.. האסט עפיס ליעב פרישע, טרוקענע בייגעל?

— בייגעל מיט סמעטענע דארף זיין ניט שלעכט, הויבט שוין אן זיך וויצלען אויך דער פועל.

— ע, ביזטו שוין גאר א פרעסער — ווערט וועלוועל כלומרשט ערנסט — בייגעל אליין איז דיר וועניג, ווילסט נאך סמעטענע?..

און אזוי וויצעלט מען זיך פאר'ן לאמפ אלע נאכט כמעט. עס איז קענטיג, אז די ליכטיגקייט מאכט אויף די צייזי ארבייטער א גרויסע ווירקונג, און ווער ווייסט ווי פרעהליך זיי וואלטען זיין, ווען א גאנצען טאג וואלט טאקי א לאמפ אין קעלער געברענט?...

דאס איז אבער א זאך, וואס איז ניט מעגליך. נאפט איז זעהר טהייער און פערדיענען פערדיענט וועלוועל זעהר וועניג. ער ארבייט פאר א פאבריק און נעמט 6 רובל א וואך. צאהלט ער פאר'ן קעלער 2 רובל א וואך, א רובל נעמט צו דער פועל און דריי רובל געהט אוועק אויף עסען פאר איהם מיט'ן פועל, מיט דעם ווייב און די צוויי קינדער, וואס ער האט. עס איז גוט, וואס עס קלעקט אויף נויטיגע זאכען. אבער ניט אויף לוקסוס — ברענען ביי טאג א לאמפ..

אמת, א מאל טרעפט, אז ער דארף נויטיג אבשווארצען א קנאפעל ביי טאג. דעמאלט מוז ער אנצינדען פייער. נאר דערצו האט ער א קליין לעמפעלע, אהן א גלעזעלע און עס רויכערט טעהר איידער עס ברענט, און וועלוועל האט ניט קיין גרויסען תענוג פון אזא מין ליכטיגקייט. פערקעהרט, חייקע, א שוואכע קראנקע פרוי, קלאגט זיך ניט זעלטען, אז זי פערטשאדעט דעם קאפ פון רויך.

— ביזט דאך גאר א גאנצע „מאדאם", מיין ווייב — וויצעלט זיך דעמאלט וועלוועל — וואו ביזטו דאס געהאדעוועט געווארען?

אז ער דערהערט אבער חייקעס א קרעכץ, פערשווינדט זיין וויציגע שטימונג און ער ענטפערט ערנסט און געריהרט:

— שא. חייקעלע, שא. באלד פערלעש איך. אט איך שווארץ גאר אב דעם קנאפעל...

און ער פערלעשט טאקי באלד...

יא, א גאנצע וואך, וואהנט וועלוועל אויף דער סמאטשע גאס אין פינסטער'ן קעלער און לעבצט נאך א ביסעל ליכט, דערפאר אבער שבת ציהט ער זיך אריבער אין די שענסטע, ליכטיגסטע רייכסטע ווארשאווער גאסען און פערגעסט דאן די סמאטשע גאס, דעם קעלער און אפשר זיך אליין. עס טהוט זיך אויף איהם אן גאר אנ'אנדער הויט, ער ווערט עפיס גאר אנ'אנדער מענש. עפיס פיהלט ער, אז ער איז א ביסעל גלייך צו די איבריגע מענשען, וואס ער בעגעגענט אין די רייכע, שענע און ליכטיגע גאסען...

שבת דאווענט ער ותיקין. חאטש חייקע קען ניט פערשטעהן, וואס איז אויף איהם אזא איילעניש. — ער האט איין טאג אין וואך, וואס ער קען זיך אויסשלאפען, שטעהט ער אויף נאך פריהער ווי אין מיטען דער וואך. א משוגענער און גאר! ביז צעהן א זייגער איז ער שוין זיך פארטיג מיט'ן טשאלענט, ער טרייבט און יאגט: גיכער! און גלייך נאכ'ן עסען לאזט ער זיך געהן צו די רייכע שענע גאסען.

אט איז שוין די סמאטשע גאס הינטער איהם. עס בעווייזט זיך שוין עפיס א שענערע גאס. וועלוועל הויבט שוין אן געהן לאנג־זאמער — דא איז אויך ניט שלעכט... נאר ער האט נאך אין זינען די איבריגע בריימע. לוסטיגע גאסען, און אווארעמע פרייד גיסט זיך און פליסט דורך אלע זיינע גליעדער, און ער לעבט און האפט: באלד, באלד!...

אט איז שוין די „האניג־גאס" — ברייט און לאנג איז זי — דער ברוק פון טייערן האלץ, די הייזער זענען אלע פון איין הויך, אויפגעשטעלט ווי א פאלק סאלדאטען — סמירנא! א מחיה דא... נאר ניין! די גאס איז נאך גאר נישט אנטקעגען דער קראקויער פאר־שטאדט, וואס נעמט זיך רעכטס פון דער האניג־גאס. דאס איז א

ביסעל אַ גאַס!... אַך! ווי ברייט זי איז! ווי רייך!... עס פינקעלט אין די אויגען!

וועלוועל איז אפילו אַ יוד ניט קיין פחדן, לאַכט זיך אויס פון אַלץ אין דער וועלט נאָר אויף דער קראַקויער פאָרשטאָדט טרעט ער אַריין אַ ביסעל דערשראָקען און צוטומעלט, און עס לויפט איהם דורך אין קאָפּ עפּיס אַ פראַגע, צי מעג מען דאָ געהן. נאָר ער דערמאָהנט זיך גלייך, אַז דאָס האָט ער אַ טעות: דאָ מעג מען יאָ, — אין זאַקסישען גאָרטען טאָר מען ניט...

און וועלוועל ווערט פרעהליך און לאַכט אין האַרצען פון די נאַרישע אָרדנונגען אין וואַרשא:

זיי ווייסען זעהר וואָס צו פערוועהרען! — טראַכט ער — אויך מיר אַנ'אונגליק ניט צו געהן אין זאַקסישען גאָרטען!... וואָס איז דאָרטען אַזוינס? — בוימער! אַ טייערע מעשה! אָט דאָ וואָלטען די נאַרען פערוועהרען, וואָלט טאַקי געווען אַנ'אונגליק... דאָ איז טאַקי גוט, ליכטיג, געראַמט, ברייט...

און וועלוועל געהט ווייטער, טיעפער אַריין אין דער רייכער גאַס און קען ניט פערשטעהן, פאַר וואָס איז דאָ ניט פערוועהרט איהם צו געהן... אמת, ער האָט אָנגעטהון די שבת'דיגע קאַפּאָטע, אָבער וואָס האָט זיין שבת'דיגע קאַפּאָטע, וואָס האָט שוין אין די אַרבעל צו לאַטקעס, פאַר אַ ווערטה אין אַזאַ רייכער גאַס?...

און וועלוועל בענוצט זיך מיט דער נאַרישקייט פון די וואַרשאווער אָרדנונגען, וואָס מען לאָזט איהם דאָ געהן, און הויבט זיך אָן אָבשטעלען ביי אַלע גרויסע פינקלענדיגע מאַגאַזינען. זיין אויג קען זיך זאַט נישט אָנקוקען, און ער קוקט און איילט זיך. איין אויג דערזעהט איין אויסשטעלונג, דאָס צווייטע אויג חאַפּט אַ קוק אויף אַ צווייטע אויסשטעלונג, און וועלוועל וויל אַלץ בעקוקען, און דאָ איז קיין צייט ניטאָ. דער טאָג שטעהט ניט... און ער געהט ווייטער און ווייטער.

און געהענדיג פאַלען איהם אַריין אין קאָפּ טויזענדער מחשבות, איינע ווילדער פאַר דער אַנדערער. אַזעלכע מחשבות וואָס ווען זיי וואָלטען איהם אין מיטען וואָך אַריינגעפאַלען, וואָלט ער זיך זיכער דערשרעקען און מיינען, אַז ער ווערט משוגע. דאָ ווערט ער אָבער

אַ גרויסער בעל דמיון, און אַפילו אויף די מחשבה, וואָס פליִהט איהם כמעט אַלע שבת דורך אין קאָפּ, צו איבערציִהען זיך אַ מאָל האָטש ווען עס איז, האָטש פאַר'ן טויט, אַהער אין דער גאַס, דינגען דאָ אַ וואָהנונג, אַפילו אויף אָט די מחשבה קוקט ער אויך גלייכגילטיג, ווי אויף עפּיס מעגליכעס... שבת, וואָהנענדיג אויף די רייכע גאַסען, ווערט ער גאָר אַנ'אַנדער מענש און דענקט גאָר אַנדערש...

אויף דורכגעהן אַלע רייכע, לוסטיגע, ליכטיגע גאַסען גע־דויערט ביי איהם דער גאַנצער טאָג. מנחה־צייט לאָזט ער זיך געהן צוריק, צוריק.. די רייכע גאַסען פערשווינדען אַלץ מעהר און מעהר, בלייבען הינטער איהם, און ער פאַלט אַלץ ביסלעכווייז צוריק אַריין אין די אָרעמע גאַסען ביז ער דערגרייכט צו די סמאָטשע גאַס...

בעת ער קומט צו די סמאָטשע גאַס, איז שוין דונקעל. ער לאָזט זיך אַריינגעהן אין קעלער, פרעגט, פאַר וואָס צינדט מען ניט אָן פייער, און בעקומענדיג אַנ'ענטפער, אַז עס איז ניטאָ קיין נאַפט, פאַלט ער אַ מידער אויפ'ן צובראָכענעם בעטעל, און ווערט אַזוי איינגעשלאָפען אין דער פינסטער...

אין חלום אָבער זעהט ער נאָך די רייכע, ליכטיגע גאַסען...

V.

עֶס פְּלַאצְט.

אַ קאַלטער ווינטער־טאָג. אַ גאַנצען טאָג זענען די גרויסע שוויבען פון בענדעטסאָהנ׳ס פאַבריקמאַכעריי פערפרוירען. אינוועניג אין דער פאַבריקמאַכעריי איז אַלץ אויפגערוימט אין דער בעסטער אָרדנונג: די גרויסע ראָד־באַרשט ליעגט אויף דעם קליין־טישעל, וואָס שטעהט אין ווינקעל; ביי די ברעגען נעבען די גרויסע שפּיעגלען זענען צוגעלעגט די קעמעלעך, בערשטעלעך, שערעלעך און די גאַנצע געצייג וואָס זענען נויטיג אין אַ רייכער מאַריקמאַכעריי. בענדעטסאָהנען אָבער, דאַכט זיך, אַז עס איז אַלץ נאָך ניט גוט, והא ראיה: אַ גאַנצען טאָג איז נאָך קיינער ניט אַריינגעקומען. און ער געהט צו פון איין שפּיעגעל צום צווייטען, פון איין טישעל צום צווייטען און ווישט, גלעט, פוצט און קוקט אַלץ אַרוים צום טהיר, אפשר וועט זי זיך אַמאָל עפענען. נאָר די טהיר איז ווי פערפרוירען געוואָרען און בענדעטסאָהנען דאַכט זיך, אַז עס איז גאָר אומזיסט די האָפנונג — די טהיר וועט שוין בלייבען אויף עביג פערהאַקט. ער דערשרעקט זיך און עפענט אויף אַליין די טהיר, שטעקט אַרויס אַ האַלבען גוף אין גאַס אַריין און זוכט אַ מענשען מיט אַ באָרד, וואָס דאַרף זיך ראַזירען...

— נו, אַ טאָג! זאָל ער ניט געדאַכט ווערען! פרובט ער זיך אויסרעדען פאַר׳ן איינציגען אַרבייטער וואָס געפינט זיך אַ גאַנצען טאָג אין דער פאַבריקמאַכעריי.

דער אַרבייטער, וועלכער איז אַליין נאָך מעהר אונרוהיג

פאַר'ן בעל־הבית פון אַזאַ שלעכטען טאָג, מאַכט אַנ'אונטעטיגע מינע און וויל עפּיס זאָגען, נאָר ער ווייסט ניט וואָס און ער לאָזט אַרויס אַ זיפץ.

— עס איז אַ געהרג'ט אָרט! רעדט וויטער דער בעל־הבית.

— אַ העק! גיט נאָך דער אַרבייטער.

דער אַרבייטער און בענדעטסאָהן ווערען ענטשוויגען.

די צייט געהט, זי געהט אַזוי לאַנגזאַם און אַזוי שווער, אַז בענדעטסאָהנען דאַכט זיך, דאָס ער זעהט זי און הערט איהרע טריט... איהם פּלאַצט די געדולד.

עס ווערט פינסטערלעך, דער אַרבייטער וויל אָנצינדען דעם גאַז, נאָר ער וואַגט זיך ניט, מען האָט היינט אפילו אויף גאַז ניט געלעזט. ער קוקט אויף בענדעטסאָהן, אפשר וועט ער הייסען. בענדעטסאָהן קלערט אויך וועגען דעם, נאָר עס דינט איהם ניט די צונג צו אויסרעדען עס.

— מילא, צינד אָן דעם מיטעלסטען לאָמפּ, רעדט ער ענדליך אַרויס, ווענדענדיג זיך צום אַרבייטער.

דער אַרבייטער דערפרעהט זיך, ער שטעלט זיך אויף געשווינד אויף אַ שטוהל, רייבט אָן אַ שוועבעלע, לעגט צו דאָס שוועבעלע צום שפּיץ גלאָז און די פאַבריקמאַכערייַ ווערט בעלויכטען.

„טריק־טראַק־טריק! שיעסט עפּיס באַלד אויס.

דער אַרבייטער ווערט בלייך, די הענד ציטערן איהם.

— געפּלאַצט?! שטעלט אויס די אויגען בענדעטסאָהן.

— געפּלאַצט! מורמעלט קוים אַרויס דער אַרבייטער און וויל שיער ניט אַנטלויפען.

— אַ גוטער אָנהויב! ברומט בענדעטסאָהן און קוקט מיט פערלאָפענע אויגען אויף דער גלאָז — געלעזט שוין צוויי גילדען!

— עס איז פון קעלט! וואַרפט אַריין דער אַרבייטער, ווי ער וואָלט וועלען טרייסטען דערמיט.

— עס איז ניט פון קעלט, דאָס איז פון שלים־מזל! עס געהט ניט! עס פּלאַצט!

עס עפענט זיך די טהיר און עס געהט אריין א יונגער מענש.

— ביטע! מאכט בענדעטסאהן א זיסע מינע און שמייכעלט, זוי ער וואלט געווען דער גליקליכסטער מענש אויף דער גאנצער וועלט.

— ראזירען! לעגט פאר דער גאסט.

— צינד אן די לאמפען! קאמאנדעוועט בענדעטסאהן צום געהילף און אליין זעצט ער אוועק דעם גאסט קעגען גרויסען שפיגעל, רוקט ארויס פון שטוהל דאס קישעלע, אויף וועלכען ער בעט דעם גאסט טויזענד מאל איבער אנצושפארען דעם קאפ.

דער גאסט פאלגט, און בענדעטסאהן נעמט זיך צו דער ארבייט.

עס ברענען אלע פיער לאמפען, אין צימער איז ליכטיג ווי אויף א גרויסארטיגען באל. בענדעטסאהן געהט אריין אין זיין ראלע און ארבייט וואס צום בעסטען. ער ראזירט אב איינמאל, פיהרט איבער מיט דעם גאלמעסער א צווייטען מאל, נאכהער פעררייבט ער אונטער דער האלז, נאכהער נעהמט ער ארויס אלערליי מיני בשמים און שמירט דעם גאסט די וואנסען, די ברעמען, די האר. דער גאסט זיצט מיט אנ'ערנסט שטאלצער מינע און קוקט אהן אויפהער אין שפיגעל און איז קענטיג שטארק צופריעדען מיט זיין שענעם פנים...

— ביטע, פערטיג! זאגט אן בענדעטסאהן גאנץ העפליך און גיעט א וואונק צום געהילף. יענער לויפט צו ווי אונטערגעשא־סען מיט א שטרוי־בערשטעלע און רייניגט איהם דעם קאלנער פון סורדוט, דערלאנגט איהם דעם פאלטא. דער גאסט איז דאס אליין מקבל מיט א מינע פון א מענשען, וואס פערשטעהט זיין ווערטה, און גיט זיך אפילו נישט א קרים; ער נעהמט ארויס א זילבערנע גריוונע און דערלאנגט בענדעטסאהנען און א זילבערנעם צעהנערל און דערלאנגט דעם געהילף — און געהט ארויס מיט א שטאלצען „אדיע"...

— א שעהן פדיון, רעדט בענדעטסאהן מיט כעס שטאט א ענטפער...

„טריק־טראַק־טריק!“ שיעסט ווידער אַ גלאָז אוים, נאָך דעם גאַסט'ס אַרויסגאַנג.

ביי בענדרעטסאָהנען לאָזען זיך אַראָב די הענד און ער שטע־מעלט קוים אוים:

— עס פּלאַצט, עס פּלאַצט!

— דאָס איז פון קעלט! מורמעלט דער אַרבייטער.

— ניין, דאָס איז פון שלים־מזל! ענטפערט בענדרעטסאָהן און קוקט פערצווייפעלט אויף די צוויי צופּלאַצטע גלעזער און איהם דאַכט. אַז דאָס גאַנצע לעבען זיינס פּלאַצט, אַז דאָס געשעפט זיינס פּלאַצט צוגלייך מיט די גלעזער...

— עס פּלאַצט, עס פּלאַצט! מורמעלט ער פערצווייפעלט.

VI.

דער אויפגעקומענער.

מען רופט איהם חיים און זיין פאמיליע=נאמען איז ראבינאוויטש.

מיט זיין פאמיליע=נאמען איז ער שטארק צופריעדען. עס געפעלט איהם: „ראבינאוויטש"! חזרט ער אפט, געהענדיג מיט'ן שטעקעלע איבערן גאס, און עס קלינגט איהם זעהר אנגענעהם.

— א שענע פאמיליע מיינע! שמייכעלט ער אין געדאנק.

און ער דערמאהנט זיך, אז בער דער סרסור, זיינער א נאהנטער בעקאנטער, הייסט אויפ'ן פאמיליע=נאמען „קוגעל", און ער דאנקט גאט, וואס זיין פאמיליע איז ניט אזא — וואס וואלט ער, בעהיטע גאט, געטהון, ווען זיין טאטענס טאטע וואלט אויך אויסגעקליבען א מאל אזא מיאוסע פאמיליע ווי קוגעל צי „לאקשען"? (ער דערמאהנט זיך, אז עס איז פארהאן א פאמיליע „לאקשען" אויך...) דאס איז אזא מכה, וואס מען מוז זיך האלטען — פערפאלען, אפילו א משומד קען די פאמיליע ניט איבערטוישען...

אויך צופריעדען איז ער מיט זיין וואוקס — ער איז א הויכער. אין פאספארט שרייבט ער זיך „העכער פון מיטטעלן". און אז ער געהט אין גאס, פיהלט ער זיך שטאלץ מיט זיין וואוקס קעגען אנדערע בעקאנטע וואס זענען נידריגער געוואקסען.

וואס וואלט ער געטהון, אז ער וואלט זיין געוואקסען נידריג? דערצו איז דאך אויך קיין שום רפואה ניטא.

ווידער איז ער צופרידען מיט זיין בילדונג. ער האט זיך יונגעל-ווייז אויסגעלערנט לייענען א רוסיש ביכעל, האלב מיט גרייזען, און שרייבען אנ'אדרעס און יעצט קומט עס איהם שטארק צו ניץ. ער שרייבט אויס דעם „בירשועוויץ" און קוועלט, לעזענדיג אלע טאג אויפ'ן באנדעראל מיט געדרוקטע רוסישע ווערטער: г. Х. Рабиновичу דער г—ווייסט ער—הייסט: „גאספאדינו" און דארטען אין דער רעדאקציע, ווייסען אלע, אז אין דער און אין דער שטאדט געפינט זיך א יוד, וואס הייסט ח. ראבינאוויטש, און אלע אין דער פריה דרוקט מען לכבוד איהם, אזוי מיינט ער, א פרישעס בלאט מיט אנ'אדרעס...

דאס בלאט לעזט ער אין דער פריה צו טיי און מאכט בשעת מעשה א מינע פון אנ'עכטען מיניסטער, דהיינו — ער פערלעגט א פוס אויף א פוס, דאס בלאט האלט ער פון דער וויט מיט אויס-געשטרעקטע הענד און קוקט מיט ערנסטע, שטרענגע בליקען אויף די אותיות, וואס זענען נאך שטרענגער פאר זיינע בליקען און לאזען זיך בשום אופן ניט איינבייסען... חאפענדיג א מאל א בעקאנטעס ווארט, ווי „דרייפוס", בעווייזט זיך שוין א שמייכעל אויף די ליפען און ער ווענדט זיך מיט גדלות צו דעם ווייב, וואס זיצט און קוקט מיט דרך ארץ אויפ'ן מאן מיט'ן בלאט אין דער האנד — און ער זאגט איהר:

— היינט איז ווידער דא מיט דרייפוסען. די „דיעלא" הויבט זיך ווידער אן.

און ער פערטיפט זיך ווידער אין בלאט און קוקט, קוקט מיט שטרענגע בליקען אויף די נאך שטרענגערע אותיות און ווער-טער, וואס לאזען זיך ניט איינבייסען.

אז ער ענדיגט „לעזען", זיפצט ער לייכט אפ, זינגט אונטער צופרידען א ניגונדעל און ווענדט זיך ווידער צום ווייב:

— נו, וואס עס צוטהוט זיך היינט אין פראנציע!...

און דאס ווייב, פון געבוירען א דערשלאגענע, האט מורא איבערצופרעגען אויף קלאר: וואס טהוט זיך עס אזוינס, און כדי זי זאל זיך ניט דארפען אריינמישען אין דער פאליטיק, נעהמט זי

זיך אנגיסען איהם נאך א צווייטע גלאז טיי, ווייל די ערשטע גלאז איז שוין אבגעקיהלט געווארען, לייענענדיג דאס בלאט...

צופריעדען איז ער אויך מיט די קינדער. דריי קינדער האט ער — א קוראט „מעשה־נגיד". א סך קינדער איז ניט שעהן צו האבען. דאס עלטערע מיידעל איז אלט 15 יאהר און געהט שוין אין דריטען קלאס גימנאזיום. אויף דעם גימנאזיום איז ער כמעט ווי צומישט און ער פערדולט סיי די שטוביגע, סיי פרעמדע דעם קאפ דערמיט.

— עפיס שווערע לעקציעס האסטו היינט? פרעגט ער אלע טאג ביי דער גימנאזיסטקע.

און די גימנאזיסטקע, א מיידעל מיט לאנגע בלייכע באקען, מיט א לאנגער נאז און מיט א לאנגען צאפ, ענטפערט דער־שראקען:

— אודאי ניט גרינג!

— ? почему פרעגט ער זי שוין אויף רוסיש, און דריקט שארף דעם ц כדי צו ווייזען זיין טאכטער, אז איהר „פאפא" איז אויך ניט פון די פראסטע יודען...

— שווערע „זאדאטשעס" איז היינט, ענטפערט דאס מיידעל אויף יודיש.

— אנו, זאג מיר אקארשט דיינע א זאדאטשע.

און די טאכטער געהט צו צו איהר „קאטאמקע", גראבעלט זיך דארטען א ווײַלע און נעהמט ארויס עפיס א ביכעלע און הויבט אן צו זאגען א זאדאטשע.

און דער „פאפא" הערט, הערט און זיין פנים שטראהלט. איהם דאכט זיך, אז ער זאל זיין מיט הונדערט קעפ, וואלט ער עס קיינמאל ניט אויפגערעכענט, און איהם טהוט הנאה, וואס זיין טאכטער האט עס ביכולת צו בעחשבונען.

— נו, און דו ווערסט עס טאקי מאכען? פרעגט ער מיט שטראהלענדע אויגען.

— אודאי וועל איך דאס „רישען", ענטפערט די טאכטער פערזארגט.

און ער קוועלט פון דעם ווארט „ריעשען" מעהר ווי פון דער גאנצער זאדאטשע.

„וואו האב איך דאס א מאל געוואוסט פון אזא ווארט אין דער היים?" קלערט זיך איהם, און ער דאנקט גאט, וואס ער האט איהם דערהויבען און ער איז געווארען לייטען גלייך...

ער האלט צוויי דינסטען, א יודישע און א קריסטליכע. פאר דער קריסטליכער האט ער א ביסעל אבשיי און רעדט מיט איהר וואס ווייניגער, נאר פון דער יודישער מאכט ער ניט קיין גרויסען פירוש און רופט זי סיי אין די אויגען, סיי אונטער די אויגען: מויד!

פון זיין ווייב האלט ער ניט שטארק: ער ווייסט דאך, ווער זי איז פון דער היים; דאך אז די דינסט געהט אונטער צו איהם, און זאגט איהם „די מאדאם האט געזאגט", איז ער צופריעדען און טראכט בשעת מעשה:

— א ודאי איז זי א מאדאם, ווי דען אנדערש?...

טאמער נעהמט זיך די „מאדאם" צו טהון א לייכטערע ארבייט, לאזט ער ניט:

— קיין חרפה און קיין בושה האסטו גאר ניט — ווענדט ער זיך צו איהר — די מויד קען דאס ניט טהון, וואס?

און ער גיט א רוף די מויד און הויבט איהר אן מוסרן:

— וואס טראכסטו זיך? ווילסט, אז די „מאדאם" זאל דיין דינסט ווערען — איך פערשטעה דאס ניט!...

און דער הערר סטארעט זיך צו מאכען וואס שטרענגערע בליקען, אז די מויד זאל פיהלען, זאל גלויבען, אז ער איז גאספאדין ה. ראבינאוויטש.

און די מויד נעהמט צו די ארבייט און געהט אוועק דערמיט אין קיך און שטיקט זיך דארט פאר געלעכטער פון דעם נארישען הערר. נאר דער „הערר" מיינט, אז זי האט דארט חרטה און בערעבענט דארט יעצט די עולה, וואס זי האט געטהון...

און ער איז ווידער צופריעדען.

זומער פאָהרט ער אַרויס אויף אַ זומער־וואָהנונג און דאָרט פיהלט ער זיך ערשט פאָלקאָמען גליקליך.

ער וואָהנט דאָרט במעט נעבען די גרעסטע גבירים, און אַזוי ווי דאָרט איז זיי אומעטיג און זיי האָבען ניט וואָס צו טהון, נעהמט מען איהם אַריין אין זייער קאָמפּאַניע און מען שפּיעלט אַ מאָל מיט איהם אין קאָרטען...

אמת, יעדעס מאָל שפּיעלען קאָסט איהם עטליכע רובעל, שטילערהייד זיפצט ער אונטער דערויף, אָבער אין שטוב קומענדיג פיהלט ער זיך ווי נייגעבוירען און קען זיך ניט איינהאַלטען ניט צו דערצעהלען דעם ווייב זיין גדולה:

— איך האָב נעכטען פערבראַכט אַ גאַנצען אָבענד — ווייסט ביי וועמען?

— ביי וועמען? פרעגט דאָס ווייב.

— ביי עלקינדען... ענטפערט ער, אויסשטעלענדיג די אויגען אויפ'ן ווייב, ווי גערעדט: פערשטעהסט וואו דאָס האַלט?...

איינס פערדריסט איהם נאָר: ביי די אַלע גבירים, מיט וועלכע ער פערברענגט אויף דער „דאַטשע", איז אין מיטען קאָפּ אַ פליך און ביי איהם איז דאָס ניטאָ — עס איז עפּיס ניט מעשה גביר, נאָר ער האָפט, אַז זיינע געשעפטען וועלען נאָך אָנהויבען בעסער געהן און ער וועט אָנהויבען מעהר ווײַן טרינקען וועט אַ פליך ביי איהם אויך ווערען, און דאַמאָלס וועט ער ערשט זיין אַנ'עכטער גביר...

VII.

דער קראנקער פינגער.

ביי זעליגען, א בלאסער אכצעהניעהריגער פועל, וועלכער ארבייט שוין ביי לייזער דעם שניידער צוויי יאהר און בעקומט שכירות פופציג רובל א יאהר מיט קעסט, האט „אנגעריסען“ א פינגער און אקוראט יענער פינגער, אהן וועלכען די נאדעל קען ניט אויסקומען, מוז איהם נויטיג האבען. ערב ריי̇סען האט זעליג קיין יום=טוב דערפון ניט געמאכט. ער האט אפילו געוואוסט, אז דעם יום=טוב פון פינגער=רייסעניש, וועט ער מוזען פייער'ן, עס העלפט ניט קיין חכמות: ער האט אבער געמאכט עטליכע טעג „נדחה“, אבגעלעגט אויף מארגען, איבער=מארגען און וויי̇טער אויף מארגען. דעם לעצטען פריה=מארגען איז ער אבער אויפגעשטאנען מיט א פינגער, וואס האט געהאט דעם אויסזעהן פון א גלאז און מיט א שטעכעניש, וואס איז אזש אין די שפיץ פינגער פון די פים פערגאנגען. אז ער האט געדארפט אנטהון דאס רעקעל און דער קראנקער פינגער האט זיך פערטשעפעט אין די צוריסענע אונטערשלאג פון ארבעל, האט ער זיך שמערצליך פערקרימט און געגעבען א קרעכץ ווי אין דער היים פאר דער מאמען:

— אי!

דא אבער, ביי'ן שניידער, האט עס קיינער נישט געהערט און זעליג האט זיך ניט געקענט קיין עצה געבען, וואס צו טהון, ווי אזוי מעלדעט מען עס פאר'ן בעל=הבית און פאר דער בעל=הבית'טע. מען דארף האבען דערצו א כח פון א... ער ווייס אליין נישט

וואָס פאַר אַ כח — ער ווייס נאַר, אַז ער וועט עס ניט קענען מעלדען.

און זעליג בעשליסט זיך שווייגען, זיצען אַנ׳אָנגעטהונענער און שווייגען אין געהאַקטע וואונדען; זאָל זיין וואָס עס וועט זיין, וועט אויסקומען צו דערצעהלען וועט ער דערצעהלען.

די צוויי איבריגע פועלים האָבען זיך שוין אויך אָנגעטהון און האָבען זיך געזעצט צו דער אַרבייט. זעליג האָט אויף זיי געקוקט מיט קנאה. אַט זענען זיי גליקליכע מענשען, זיי האָבען געזונדע מיטעלסטע פינגער און וועלען זיך זעצען ביז אָנבייסען און נעהען, און נאָכדעם וועלען זיי זיך „אַריינרייבען" די גוטע קאַרטאָפּעל מיט די אוגערקעס, מיט דעם טייערן מילכיגען קרופּניק פּערזופּען און זיך ווייטער זעצען נעהען, ביז מיטאָג; שען און פיין. וואָס וועט זיין מיט איהם?...

— וואו איז דאָס זעליג ערגיץ? קייקעלט זיך אַ קול פון לייזער׳ן, וועלכער שטעהט ביי׳ן גרויסען טיש און צייכענט אָן אַ סורדוט מיט קרייד, וואו די קנעפּ איינצונעהען.

— איך בין דאָ... שטאַמעלט זעליג, שטעהענדיג אין ווינקעל. ווייסט ניט וואָס צו ענדיגען און בלייבט אַנשוויגען.

לייזער ווערט נשתומם פון ענטפער, גיט אַ קוק אין זעליג׳ס ווינקעל און וויצעלט זיך:

— ביזט דאָ? יישר כוחך! ווילסט זיך דורכגעהן אפשר אַ ביסעל שפּאַצירען? אין דער פריה שאַדט עס נישט. עס וועט זיך עסען געשמאַקער...

— אַ פינגער רייסט... מאַכט זעליג אַ טריט נעהנטער צום טיש, און שטרעקט אויס דעם קראַנקען פינגער, מיט אַ מינע פון אַ גנב ווען ער איז זיך מודה, אַז ער האָט גע׳גנב׳עט.

— וואָס? דערהערט ניט, אָדער מאַכט זיך לייזער ניט הערענדיג — וואָסער ציעג?

— אַ פינגער אָנגעריסען, ווי אַ גלאָז! ווערט שוין זעליג דרייסטער און האָט אַ העזה אונטערצורוקען דעם גלעזערנעם פינגער גלייך דעם בעל הבית אין די אויגען אריין און שמייכעלט, ווי גע־רעדט: נאַ, האָב פון מיר נחת!...

— ביזט אַ חכם! שרייט אויס לייזער קוקענדיג מיט אַ דאָקטאָ־

רישען בליק אויפ׳ן פינגער — האסט געפונען א צייט ווען א יום־טוב צו מאכען.

— וואס קען איך העלפען? פערענטפערט זיך זעליג און שמייכעלט דאכט זיך מיט א טרעהר — דאס איז דאך ניט מיט א כיון...

— ניט מיט א כיון, יא מיט א כיון, חקר׳נט זיך לייזער ביזליך — די ארבעל וואס דו האסט צו מאכען, וועלען אבער דערפון ניט ווערען פארטיג.

„גוט אבגעשפיעלט״! — „דאנקען גאט״! — טראכט זעליג נאך דעם בעל הבית׳ס ווערטער און וואלט שוין זיין גאר צופריעדען, ווען ער וואלט געהאט אזא ווינקעל וואו צו בעהאלטען זיך, אז קיינער זאל איהם ניט זעהן, ער זאל זיך קענען זיצען שטילערהייד און צוהערען זיך צום וועהטאג און פאמעלעך קרעכצען: אי — אי...

אזא ארט איז אבער ניטא, סיידען אין קיך; אין קיך קאכט אבער ציפע אנבייסען און זי איז ביי׳ן קאכען זעהר בייז און וועט איהם געוויס ניט לאזען זיצען רוהיג...

ער שטעהט אין מיט׳ן שטוב און ווייסט זיך ניט צו וואס צו כאפען.

— אוי, עס נעמט! עס נעמט! פרובט ער ארויסרופען ביי לייזער׳ן מיטלייד צו איהם, אויס־שטרעקענדיג אין דער הויך דעם פינגער.

די צוויי פועלים גיבען אויף איהם א קוק, ווי געריעדט: ברודער! וואס קענען מיר דיר העלפען?... ווייסט דאך...

נאר זעליגען איז זייער בליק ניט וויכטיג; איהם איז נויטיג פון דעם בעל־הבית אווארט... לייזער אבער שווייגט.

— ער מוז זיין אין כעס! שרעקט זיך זעליג און פרובט פערברינגערן לייזער׳ס כעס מיט א קרעכץ. עס טהוט טאקי וועה, עס שניידט ווי מיט מעסער.

— א, ווי עס רייסט!

— נו, ברודער! ווענדעט זיך לייזער צו איהם, קיין קינפעטארין ביזט דו נאך ניט, קיין סכנות שטעקט ניט, סיידען פאר סיין קעשענע. קרעכצען געה אין בעט...

זעהר ניט גוט, דער בעל הבית איז אין כעס טאקי. קרעכצען דארף מען ניט. וואו דען טהוט מען זיך אהין?

זעליגען פאלט גאר איין צו זאגען דעם בעל־הבית, אז מארגען וועט דער פינגער זיכער בעסער ווערען.

— מארגען וועל איך מסתמא קענען נעהען... שטאמעלט ער ארויס.

— איך בין גליקליך! ענטפערט לייזער איראניש.

— ע, דאס איז שוין אַנ׳עולה — טראכט זעליג — איך קוק ניט וואס דער פינגער שטעכט מיר ווי מיט נאדלען און וויל זיך סטארען מארגען נעהען און דו — גאר נישט. ביזט א שלעכטער...

און זעליג בעשליסט, אז ער וועט גאר ניט בעשטעהן אן איהם. וואס שרעקט ער זיך אזוי? א נייס, אז עס רייסט אן ביי א שניידער־יונג א פינגער, מען נעהט אזוי פיעל! אקלייניגקייט! א פינגער איז דאך ניט פון אייזען, רייסט ער אן א מאל, איז וואס איז דאס פאר אַנ׳אונגליק! עס איז אהעזה צו זיין אין כעס! זעליג ווערט שטארק ברוגז: לא די וואס דער בעל הבית טרייסט איהם ניט, קרימט ער זיך נאך. וואס קרימסטו זיך?

און זעליג פראטעסטירט שטארק אין הארצען קעגען בעל־הבית און רוקט זיך אב מיט האלב זיכערע טריט צום בעט, וואו ער זעצט זיך אוועק, קוקט אויפ׳ן פינגער, בלאזט אויף איהם און פערגינט זיך ארויסלאזען א קרעכצעלע און איז זיך גאר מחיה... מורא האבען וועל איך, וואס? טראכט ער ביי זיך דרייסט און נעמט זיך קרעכצען אפטער און העכער, און ער פיהלט, אז ער איז גאר ניט אזא ציטעריגער, ווי מען מיינט...

— נישקשה, אז ער דארף און ער וויל קאן ער קרעכצען... ער לאכט פון איהם.

אין א פאר שעה ארום איז ציפע ארייַן פון קיך אין שטוב און א פערשוויצטע מיט אונטערגעקאשערטע עקען פון טיכעל אויף די אויערן, מיט אראבגעלאזענע הענד און מיט א שטרענגען פנים, האט זי אבגעגעבען א ראפארט:

— דער אנבייסען איז שוין פארטיג! מען דארף גרייטען צום טיש.

זעליג, וועלכער פלעגט אלע טאג דעם ראפארט אבווארטען מיט גרויס אונגעדולד און אויסהערען ניט אהן פרייד, האט יעצט דערפיהלט א שוידער איבער זיין קערפער, האט אראבגעלאזט

די בליקען צום פינגער, ווי ער וואלט איהם אַנ'עצה געפרעגט:

— קען איך געהן צום טיש עסען? געגעהט האָב איך היינט ניט... ווי זאָגסטו — עס פּאַסט?

דער פינגער האָט אָבער נאָך שטרענגער געקוקט, גלייך אַ שטאַרקען שטאָך געטהון און גאָר נישט געענטפערט.

זעליג האָט געזעהן, ווי ציפּע שפּרייט אויס איבערן האַלבען טיש אַ טישטוך, לעגט אוועק אַ לאַבען ברויט מיט אַ מעסער און זי לאָזט זיך געהן צוריק אין קיך. ווידער זעהט ער, ווי די צוויי פּועלים איידער זיי געהען זיך וואַשען, ברעכען אָב צו ביסען ברויט ער לחשבון און קייען מיט אַפּעטיט. דער פינגער שטעכט איהם וואָס אַ רגע מעהר, ער איז אַנ'אמת'ר חולה. דער קאָפּ אַפילו טהוט איהם אויך וועה, און דאָך, ווי צו להכעיס ווילט זיך איהם היינט מעהר עסען ווי אַלע טאָג, און גאָט ווייסט, צי וועט ער האָבען כח איינצוהאַלטען אַזוי אויפ'ן בעט און ניט געהן עסען...

צוצוגעהן אָבער צום טיש דאַרף מען האָבען אויך אַ כח. וואו־זשע נעהמט מען איהם? מה דאָך אַז ער נעהט אויף אין דער פריה אַ פּאָר הויזען און פּערדינט זיבערע 2—3 גילדען, זעצט ער זיך עסען ווי אַנ'אָרעם בחור און עסט אַלע מאָל וועניגער וויפיעל ער וויל, ווייל איהם דאַכט זיך אַלץ, אַז לייזער קוקט איהם אין מויל אַריין און רעכענט זיך צי לוינט איהם צו האַלטען אַזאַ עסער, אַ פּשיטא שוין היינט וואָס ער האָט גאָר נישט פּערדיענט...

און די פראַגע „עסען צי ניט" פּילט אָן זעליג'ס מח און ער פּערגעסט אויף אַ ווייל דעם וועהטאָג.

אָט זיצט שוין לייזער ביים טיש, ביי די זייטען — די צוויי פּועלים. זיי קוקען צום קיך־טהיר, פון וואַנען ציפּע דאַרף עפּיס אַריינטראָגען. עס געדויערט עפּיס צו פיעל. לייזער ווערט בייז און גיעט אַ ברום:

— וואָס פּאַרקעסטו זיך דאָרטען? דיינע שעהנע מאכלים! זעליג דערשרעקט זיך פאַר'ן בעל־הבית'ס שלעכטען הומאָר. צו־געהן צום טיש איז איצטער אַ סכנה. ער זעהט ווי די פּועלים, וואָס האָבען געזונדע פינגער און האָבען עהרליך דעם גאַנצען פריהמאָרגען

געאַרבייט, ציטערן אויך ווי אַ פיש אין וואַסער, קיינער די שטיקלעך ברויט און קענען דוכט זיך ניט אַראָפּשלינגען... און זעליג בעט גאָט, אַז מען זאָל גאָר ביים טיש פֿאַרגעסן, אַז עס עקזיסטירט דאָ ערגיץ אין שטוב, אויפֿ'ן בעט ערגיץ, נאָך אַ פּועל, וואָס מען רופֿט איהם זעליג... זאָל מען איהם לאָזן זיצן רוהיג, זאָל ער ניט דאַרפֿן בעגעגנען זיך מיט לייזער'ס בליקן...

נאָר עס געראָט ניט. אַז ציפּע טראָגט אַריין די גרויסע שיסעל מיט קאַרטאָפֿעל און די טעלער מיט די זויערע אוגערקעס, ווערט לייזער ווי ווייכער, ער זאָגט מבינות אויף די קאַרטאָפֿעל און עסט מיט גרויס אַפּעטיט. זעליג וואַרט אויף עפּיס און דאָס האַרץ וואַרפֿט זיך ווי ער וואָלט ערוואַרטען דעם בעשלוס פֿון זיין לעבען.

— וואו איז דאָס ערגיץ זעליג? פֿרעגט פּלוצים ציפּע, וועלכע זיצט שוין אויך ביים טיש.

זעליג רעכענט ניט פֿאַר איבריג צו געבען אַ ענטפֿער דורך אַ קרעכץ, און זאָל מען שוין דאָרט ביים טיש ערקלערען וואָס מיט איהם איז... ער שטרענגט אָן די אויערן.

— זעליג איז אַ חולה! הערט ער לייזער'ס איראָנישען טאָן.

— זעליג! רופֿט ווידער לייזער.

— האַ! רעדט זעליג שוואַך הערויס, און וואַרט אויף אַ איינלאַדונג צום טיש.

— פֿון דעסטוועגען געה עסען — רופֿט לייזער.

„פֿון דעסטוועגען" — וואָס עפּיס פֿון דעסטוועגען" — קריטיקירט ער אין געדאַנק דעם בעל הבית'ס טאָן, און ער איז זיך נוקם און שווייגט, כאָטש ער ווייס, אַז די נקמה איז אַ געפֿעהרליכע. יעדע מינוט, יעדער רגע ווערט אין שיסעל וועניגער.

— וואָס? אַ פֿינגער רייסט איהם כּסתמא? פֿרעגט ציפּע קאַלט, ווי איהר געהט די גאַנצע מעשה ניט אָן.

— וואָס דען? ענטפֿערט נאָך קעלטער לייזער — וועמען זאָל רייסען אַ פֿינגער אַז ניט איהם? — זעליג, געה צום טיש... זעליג גיט אַ קלער אַהין און אַהער, אַהער און אַהין, און ווי ער וואָלט אויף זיך אַליין קיין דעה ניט האָבען, געהט ער צו צום טיש,

זעצט זיך אויף דעם שפיץ בענקעל און ער הויבט ניט אויף די אויגען.

— לעג איהם אריין אין א טעלער'ל עטליכע קארטאפעל, ווענדעט זיך לייזער צו ציפען. ציפע רוקט איהם אונטער א טעלער'ל מיט עטליכע קארטאפלעס און זעליג מאכט זיך הארץ און עסט אויף איינע. ער וויל נעהמען א שטיקעל ברויט, נאר קיין אנגעשניטענע אויפ'ן טיש איז ניטא. יעדער האלט נעבען זיך א שטיקעל, און ער אליין זאל נעמען צו זיך דעם לאבען און אבשניידען האט ער היינט ניט קיין העזה, און ער עסט אהן ברויט.

— וויז, וויז דעם פינגער! רייסט איבער אין מיטען ציפע. זעליג לאזט דאס עסען, און חאפט זיך מיט אימפעט ווייזען דעם קראנקען פינגער, זאל זי טאקי זעהן, זאל זי ניט מיינען...

— א פינגער ווי א בארג! זאגט ציפע און קעהרט גלייך אב דעם קאפ. ער וועט צורייבען א וואך, אויב ניט מעהר.

לייזער גיעט א קרומען בליק אין זעליג'ס ווינקעל. זעליג ווערט צוטומעלט, און פאר צוטומלונג נעמט ער נאך א קארטאפעל, נאר אראבשלינגען קען ער בשום אופן ניט, ער ווערגט זיך מיט איהר. די אויגען ווערען אנגעלאפען מיט בלוט, אין די שלייפען האקט און דער פינגער קעהרט ממש וועלטען, ער שטעכט און רייסט און בריהט...

זעליג דערשלינגט ווי עס איז די קארטאפעל און א קרעכץ געבענדיג הויבט ער זיך אויף און געהט אוועק צום בעט, און בעשליסט, אז ביז וואנען דער פינגער וועט זיך ניט אויסהיילען וועט ער צום טיש, עסען אפילו, ניט צוגעהן.

צוקומענדיג צום ווינקעל בעט, ווארט ער דאך, אז מען וועט איהם איינלאדען צום קרופניק, און עס קען זיין, אז ער וואלט אפשר געבראכען דאס ווארט און געגאנגען... ציפע איז זעהר א שלעכטע בעל-הבית'טע, קרופניקעס, אבער, א מכה איהר, קאכט זי זעהר גוטע, צום קרופניק אבער לאדעט מען שוין איהם ניט און זעליג האט חרטה, וואס מיט די פאר קארטאפעל האט ער זיך נאר מיאוס געמאכט, און ער זאגט זיך אליין מוסר:

— פרעסער! אז מען נעהט גיט, עסט מען ניט, ליעגט מען אין געהאקטע וואונדען...

און דער פינגער שווייגט אויך ניט. ער הויבט אן וואס א מינוט שארפער צו שניידען. זעליגען ווערט דאס הארץ עפיס אזוי שוואך, אזוי גרינג, אזש עס דאכט זיך אידם, אט, אט שפרינגט דאס הערויס, און ער בלייבט נאר מיט'ן קראנקען פינגער אליין...

VIII.

די חֶבְרָה כְּלֵי־זֶמֶר.

די חברה כלי־זמר אינ'ם שטעדטעלע ביעלינאָוואָקע האָט געהאַט זעהר ניט קיין שעהנעם „נאָמען", און אַ שטעדטעלשער בעל־הבית פלעגט צו זיי נאָר אָנקומען אין אַנ'עת צרה, ד. ה. ווען ער פלעגט חתונה מאַכען אַ טאָכטער. איז אויך ניט צו אַבי וועמען פון דער חברה. נאָר צו לייזער דעם צימבלער — שוין אַ מענש אין די יאָהרען מיט אַ ווייסליכער באָרד, וואָס האָט איהם צוגעגעבען אַנ'אויסזעהן פון אַ געזעצטען יודען... די איבריגע פון דער חברה זענען אַלע געוועזען יונגע־לייט און האָבען זיך געפיהרט אַזוי, אַז די שטעדטעלשע בעלי־בתים האָבען מיט די שטרענגסטע אזהרות פערבאָטען זייערע קינדער צו האָבען מיט זיי חלילה אַ מגע ומשא. און די בעלי־בתים, קאָן זיין, זענען געוועזען גערעכט: זיי, די כלי־זמר, האָבען אַלע געשטאַמט פון זעהר געמיינע עלטערן. בערעל דער ערשטער פידלער, למשל אַ בחור פון אַ יאָהר 20 אין אַ שוואַרצען האַרטען קראַגען, וואָס האָט שטאָלץ אונטערגעשפאַרט זיין לאַנגען גאָרגעל, — איז געוועזען יענקעל דעם טשעסלער'ס אַ זוהן און יענקעל דער טשעסלער, ווייסט אַ מינדסט־קינד אין שטעדטעל, בויט הייזער און שלעפט די שווערע ברווסעס, ווי אַנ'אמת'ער גוי... אודאי איז דאָס ניט קיין גרויסער יחוס... לוי, דער צווייטער פידלער, אַ הויכער און אַ דאַרער בחור אין אַ בלאָה העמדעל, פערגאַרטעלט מיט אַ רויטען שנור, איז געוועזען חיים־לייב דעם שניידערס אַ זהן, און חיים־לייב דער שניידער, ווייסט אַ מינדסט קינד, אַז ער נעהט קליידער אפילו פאַר פראָסטע גוים און שעמט זיך ניט אראָבנעמען

אַ מאָס פון אַ שיקסע... גרונם באַס איז געווען חנן דעם בעדער'ס אַ זוהן און חנן דער בעדער האַלט שוין 20 יאָהר די באָד און ער האָט שוין פערגעסען דעם טעם פון אַ שבת'דיגער שלישי און פון אַ רעכטען פסוק אין אתה הראית...

אהרציק קלאַרנעטיסט האָט געהאַט אַ טאַטען, וואָס איז נאָר מיאוס אויפ'ן מויל אַרויפצוברענגען — אַנ'ערדגרעבער און אַ מאַמען — אַ וועשערין, וואָס פלעגט זיך ניט שעמען שלעפען דעם גרויסען פאַק גרעט סיי זומער, סיי ווינטער צום טייך און נאָכדעם פאַנאַנדער טראָגען עס די שעהנע בעלי הבית'טעס, וועלכע פלעגען אַליין, פערשטעהט זיך, ניט וואַשען קיין גרעט...

אויסער וואָס די חברה כלי־זמר האָבען געשטאַמט פון אַזוינע נידריגע עלטערן, זענען זיי אַליין געווען אָהן אַ ברעקעל שטאַט און דרך־ארץ, האָבען ניט געמאַכט קיין חילוק פון עלטער ביז יונגער, פון אָרעם ביז רייך... זיי זענען געווען גרויסע עזות־פנים'ער, נבול־פה'ניקעס, וואָס אויפ'ן לונג, דאָס אויפ'ן צונג; דערצו פלעגען זיי אין די לעדיגע צייט, ווי ספירה, דריי וואָכען, ווען מען טאָר ניט שפילען קיין חתונות, זיך אַרומשלעפען מיט מיידלעך הינטערן שטעדטעל... פערשטעהט זיך, די מיידלעך זענען אויך ניט געווען בעסער פון זיי און פון קיין שענערן יחוס האָבען זיי אויך ניט געשטאַמט. יענקעל דעם וואוכערניקס טאָכטער, ציפּ לייבע דעם נאָטן'ס פון בקור חולים טאָכטער, וועט מיט זיי אַוודאי ניט אַרומשפּאַצירען. איבערהויפּט האָט זיך די חברה כלי־זמר אַרויסגעוויזען, ווי ניט לייטיש זי איז, אויף אַ חתונה: זיי פלעגען שפּאָטען און חוזק מאַכען פון די שענסטע בעלי בתים, פון בעלי־בתישע זיהן און טעכטער, און גרונם באַס האָט גלאַט ליעב געהאַט אויף יעדער חתונה זאָגען דעם מחותן אַ שטאָך וואָרט, וואָס דאָס האָט אויף כלי־זמר לשון געהייסען: אַריינלאָזען אַ שפּילקע. פערשטעהט זיך, אַז אַזאַ יחוס, אַזאַ אויפפיהרונג האָט שטאַרק אויפגערייצט די רוהיגע סטאַטעטשנע קליינשטעדטעלדיגע בעלי־בתים און ניט אומזיסט האָט קיינער מיט זיי ניט געוואָלט האָבען קיין מגע ומשא...

בעקאַנט און אפילו שטאַרק אויפגעטראָגען מיט זיי, איז געווען נאָר איינער פון שטעדטעל. דאָס איז געווען יאָסעל דער „שרייבער". מען

דארף איהם נישט פערבייטען מיט דעם שרייבער פון „דומע״, וואס איז אין שטעדטעל אויך געווען א יוד, און איז געווען שטארק אנגענומען ביי די בעלי־בתים. אנגענומען אזוי, אז מען פלעגט פאר איהם אזש מורא האבען. יאסעל דער שרייבער האט זיך נאר בעשעפטיגט מיט לעהרנען די שטעדטעלדיגע מיידלעך שרייבען א יודישען בריוועל, א חשבון ביז כפל און אין די הייזער, וואו די ציוויליזאציע האט שוין אריינגעשיינט, האט ער אויך געלערנט אנ׳אדרעס שרייבען.

ער אליין איז געווען כמעט פון איין יחוס מיט די כלי־זמר: זיין מוטער איז געווען א ארעמע ענונה. זיין טאטע, א שניידער, האט נאך אין די ערשטע יאהרען, ווען דער פראסטער עולם האט אנגעהויבען פאהרען אין אמעריקע, זיך א היין אוועקגעלאזט. לויט ווי מען דערצעהלט איז ער אין דער „דריטער אמעריקע״ און האט דארט א דייטשקע גענומען און פון דער ווייב און זיין קינד האט ער ניט געוואלט הערען.

עס פערשטעהט זיך, אז יאסעל האט קיין גרויסע געלד ניט פערדינט פון זיינע שטונדען וואס ער האט געגעבען. דאס רוב האט ער געלעהרנט די ארעמע מיידלעך און ער האט זיך קוים דורכגעלעבט מיט זיין ארעמער מוטער.

ער איז געווען א הויכער און א דארער מיט א לאנגליכע שמאלע נאז. זיינע שווארצע אויגען זענען איהם געווען טיעף אין שטערן אריינגעגראבען און פון דארט האבען זיי געקוקט טרויעריג, פער׳חלום׳ט און פערטראכט, ווי ביי אנ׳אמת׳ן פאעט.

און ער האט טאקי ליעדער געשריבען, אדער ווי אין שטעדטעל האט עס געהייסען: ער מאכט ליעדער און דאס האט איהם די בעלי־בתים אין די אויגען נאך מיאוס׳ער געמאכט.

— עס איז א ווילדע בריאה! האבען זיי וועגען איהם גערעדט. דערפאר אבער האבען די נעהטארינס, שניידערינס און דינסט־מיידלעך שטארק געהאלטען פון זיינע ליעדער און פלעגען זיי ביי דער ארבייט שטענדיג זינגען, צומאכענדיג איינגע טרויעריגע מעלאדיען... שטארק בעוואוסט און בעריהמט איז געווען ביי זיי דאס ליעד פון דער ליעבע, וועלכעס זיי פלעגען זינגען מיט גרויס געפיהל. דאס ליעד האט זיך אנגעהויבען אזוי...

איך וועל געהן אַ קוק טהון
וואָס מײַן ליעבסטע מאַכט,
אין דער לאַנגער, שוואַרצער
וויסטער ווינטער־נאַכט.

פערשפּרייטען זײַנע ליעדער צווישען די מיידלעך פלעגען די „כלי־זמר", וועלכע ער פלעגט יעדעס ליעד גלייך טראָגען און פּאָר־לעזען, ווערענדיג דערבײַ דאָ רויט דאָ בלאַס פון אויפרעגונג, וואָס וועלען „זיי" זאָגען דאַרויף. די כלי־זמר זענען געווען גוטע קריטי־קער, פּאָעזיע האָבען זיי זעהר ליעב געהאַט, זיי זענען געווען שטאַרק בעלעזען אין דער יודישער ליעדער־ליטעראַטור: מיכל גאָרדאָן, גאָלפאַדען, בערענשטיין און אַנדערע האָבען זיי געוואוסט אויף אויסענוועניג און די מעלאָדיען פלעגען זיי שפּיעלען אויף זייע־רע אינסטרומענטען. די חברה האָט שטאַרק געהאַלטען פון יאָסעל'ס טאַלאַנט און זיי פלעגען איהם זאָגען, אַז מיט דער צײַט וועט פון איהם אַרויסוואַקסען אַ גרויסער לײַט.

און יאָסעלם האַרץ פלעגט פאַר שמחה אָנהויבען קלאַפּען. זײַנע באַקען פלעגען בלייך ווערען, די אויגען פײַכט און מיט אַ ציטריגען קול פלעגט ער זיך ווענדען צום ערשטען פידלער:

— בערעל, שפּיעלט עפּיס!

בערעל פלעגט אַ שמייכעל טהון; יאָסעל'ס קוק איז אָבער געווען אַזוי דורכנעדרונגען מיט בקשה, אַז בערעל פלעגט ערנסט ווערען, אַראָבנעמען די פידעל פון וואַנט, אָנשטעלען זי און פרעגען:

— וואָס זאָל איך דיר שפּיעלען, יאָסעל? וואָס ווילסטו?

— איך וויל — פלעגט יאָסעל ענטפערן געריהרט פון בע־רעל'ס גוטסקייט, איך וויל עפּיס אַנ'אומעטיגע זאַך, אויף דער גראָבער סטרונע, טהי־טהי... טהי... איהר ווייסט דאָך וואָס איך מײַן.

— אויף דער גראָבער סטרונע?... טהי־טהי־טהי?... וואָס מיינט ער דאָס אַזוינס? פלעגט זיך בערעל פערטראַכטען זוכענדיג דעם ניגון אויפ'ן באַלקען.

— ער מיינט דעם וואָלאַך! פלעגט אַהרציק דער קלאַרנעטיסט ערקלערען.

— ער איז ניט קיין נאר, ער ווייסט וואס גוט איז! פלעגט דער ערשטער פידלער גוטהערציג שמייכלען.

— ער איז א מבין אויף מוזיקע, פלעגט אהרציק לאכען און א קלאפ געבען יאסלען איבערן פלייצע.

און די גאנצע חברה כלי־זמר וועלכע פלעגט זיך ביין ערשטען פידלער פערזאמלען, אויסער דער עלטערער צימבלער, פלעגען אנהויבען שפילען, געבען קאנצערט פאר דעם איינציגען מבין אין שטעדטעל — פאר יאסעל דעם שרייבער...

יאסעל פלעגט ארייןלאזען די אויגען זיינע אין בערעל'ס פידעל, פון וואנען עס האבען זיך געגאסען ריהרענדע ווייכע טענער, תחנונים ובקשות... ער פלעגט קוקען אין די שפאלטען פון פידעל אזוי ווי ער וואלט וועלען זעהן, צי זיצט דארטען ניט עפיס א מענש און וויינט אזוי זיס...

אז די חברה פלעגט אבשפילען, פלעגט יאסעל ווערען בע־גייסטערט, פלעגט אויסשטעלען ווי פערוואונדערט די אויגען, פער־טראכטען זיך און קנייטשענדיג זיין שטערן ווי ער פלעגט זיך עפיס דערמאהנען, פלעגט ער מיט פייער אויסשיסען:

— הערט ברידער, לאכט זיך אויס פון זיי! פאלגט מיך, לאכט זיך אויס!...

— פון וועמען? פרעגען די כלי־זמר.

— אט פון אלע בעלי־בתים, אט פון אלע יחסנים, אט פון אלע רייכע! פון דאס גאנצע שטעדטעל!... איך וועל נישט בייטען אייער נאגעל אויף זיי אין גאנצען. דאס זענען גאר קיין מענשען ניט! גאר קיין מענשען ניט!! פלעגט ער שוין העכער שרייען — דאס זענען חיות, מיאוסע חיות!... אוי, האב איך זיי פיינט! טפו!

די חברה כלי־זמר פלעגען נאך אזא „דרשה" שמייכלען צופריע־דען און אהרציק קלארנעטיסט, ווערט צוקאכט אויך גלייך מיט יאסלען, גיט א קלאפ איבערן טיש און שרייט אויס:

— ווי איך בין א כלי־זמר — ער איז גערעכט! יאסעל! דו ביזט איינער אין שטעדטעל... זיי זענען אלע ווילדע פראים, בהמות! יאלדעס!...

— ווער שטעהט אָן זיי? רופען זיך אָן די איבריגע פון דער חברה...

— ניין! עס ברענט מיר ווי אַ פייער שרייט אויס יאָסעל — מענשען זאָלען ניט האָבען קיין ברעקעל געפיהל אין קיין זאַך. אַ כלי־זמר זאָל ביי זיי זיין טריף! — פאַר וואָס, פאַר ווען?... וואָס ווילען זיי פון אייך, פרעג איך, וואָס ווילען זיי? ווען ניט איהר וואָלט דאָך אין שטעדטעל אַנ׳אומעט געווען.

— לאָמיר איהם נאָך עפּיס שפּיעלען! פלעגט אַהרציק קלאָר־נעטיסט שמייכלען, קלאַפּענדיג יאָסלען איבערן פּלייצע — ער איז ווערטה, ער פערשטעהט מוזיק.

— וויל ער שרייבט ליעדער, פערשטעהט ער מוזיקע — ערקלערט ערנסט בערל פידלער. מוזיקע און פּאָעזיע איז אַלץ איינס — דאָס איז מענער און יענס איז ווערטער. דער וואָס איז אָבער אַ מבין יענער הערט אין פידעל אויך ווערטער. דאָס פידעלע רעדט...

— אוי, אמת! כאַפּט זיך יאָסעל אָן. ביי אייך בעט זיך עפּיס די פידעל: האָט רחמנות, וויינט זי...

די כלי־זמר לאַכען און הויבען אָן שפּיעלען נאָך אַ זאַך אַנ׳־אומעטיגע, אַ ריהרענדע. יאָסעל לאָזט אַראָב דעם קאָפּ און הערט מיט גרויס געפיהל, און אַז די חברה ענדיגט קאָן ער זיך ווידער ניט איינהאַלטען און שרייט אויס:

— פאָלגט מיר, ברידער, לאַכט זיך אויס פון זיי — איהר האָט נשמות און זיי ניט...

און יאָסעל בלייבט שוין ביי די כלי־זמר ביז שפּעט אין דער נאַכט. די חברה לעגט זיך צונויף און מען שיקט נאָך אַ ביסעל בראָנ־פען און מען פערבייסט מיט שוואַרץ ברויט מיט זאַלץ... נעמענדיג אַביסעל בראָנפען, נאָר צו די ליפּען, ווערט יאָסעל מוטהיגער און דרייסטער צו טהון דאָס וואָס עס ווילט זיך איהם די גאַנצע צייט, זיצענדיג ביי די כלי־זמר. ער נעמט יעדען אַרום מיט גרויס ליעב־שאַפט און קושט יעדען שטאַרק, שטאַרק... די חברה פיהלט איהם מיט, פערשטעהט איהם, און עס ווערט ביי זיי אַנ׳אמת׳ע ברידער־שאַפט, אָהן קנאה, אָהן שנאה, אָהן רכילות און לשון הרע און

ווען די שטעדטעלשע בעלי בתים וואלטען עם צוגעזעהן, וואלטען זיי זיך ווער ווייסט, אפשר פערטראכט און ארויסגערעדט:

— וואס וויל מען פון זיי טאקי האבען? גאנץ וואוילע מענשען, די חברה כלי־זמר, מיט יאסעל שרייבער!... גאנץ גוטע, גאנץ עהרליכע מענשען...

נאר די בעלי־בתים שלאפען שוין לאנג...

די קינדהייט

פערמאַכט	1
אַ יודיש האַרץ	5
קרובים	9
דער הונד	16
אויגען	25
לייזער	28
דעם טאַטענס שטיוועל	34
די יודענע מיט דעם באָב	38
דאָס בענשערייל	41
יענטעלע	45
די פאַבריק	54
די מרידה ביי אַקדמות	73
אויפ'ן בוידעם	70
דאָס קליינע רעדלעריל	73
מיינע ערשטע האָנאָראַרן	89
מיינע דריי שונאים	64
די אָרימע מאַמע	92

II.

נאָוועלען און סקיצען.

דריי טאַקטען	97
דער סאַמאַוואַר	11
אַ גאַנצע נאַכט	119
און די רייכע גאַסען	128
עם פלאַצט	133
דער אויפגעקומענער	137
דער קראַנקער פינגער	142
די חברה בלי-זמר	150

:::: אברהם רייזען ::::

שריפטען.

זעקסטער באנד.

ערצעהלונגען און בילדער.

פערלאג „פראָגרעס“.

פערקויף ביי גשועלש. „צענטראל“.

ווארשא, תרע״ד.

Печ. въ Тип. Г. Пимента и Я. Швабе, Варшава
Шераковская 4. — 1914 г.

IX.

די געשיכטע פון אַ קראָם.

די קראָם, וואָס האָט זיך געפונען אין דער מיט פון דעם פיערטען קליינעם צייל קראָמען אין מאַרק, איז געווען געבויט אויף דעם זעלבען שטייגער, ווי די אַלע אַנדערע. דער זעלבער גאַניק פון דריי שטיינער, אויסגעלעגט ווי אַ סגל, אַ שטיקעל סגולה צו דער שטענדיגער בלאָטע, וואָס האָט זיך ניט געוואָלט פאַר קיין פאַל אין דער וועלט טריקענען. דיזעלבע אויסגעהאַקטע לאָך, וואָס האָט געהייסען „טהיר" און זיך פערמאַכט ביי נאַכט מיט גרויסע קונצען און געפענט זיך מיט נאָך גרעסערע; דיזעלבע שוואַרצע פּאָליצעס, וואָס קיינער געדענקט ניט ווען האָט מען זיי געמאַכט, און אַפילו דיזעלבע גרויס. און דאָך האָט זי געהאַט זעהר אַ טרויעריגען אויסזעהן און האָט געשראָקען. אַז מען פלעגט אַריינקוקען אין דער דאָזיגער קראָם און דערזעהענדיג דעם קרעמער, צי די קרעמערין אינוועניג, פלעגט זיך דאַכטען, אַז ניט מיט זייער גוטען ווילען זיצען זיי דאָ, דאָס האָט עפּיס אַ ניט-גוטער זיי פערמשפּט צו זיצען אַ צייט, פאַר עפּיס זעהר אַ האַרבע עבירה...

אָבגעשיידט האָט זי זיך פון אַלע אַנדערע קראָמען מיט איהר נאָמען. אין שטעדטעל האָט אַלץ און יעדערער געהאַט אַ נאָמען, קראָמען אָבער ניט. דער נאָמען פון אַ קראָם איז געגאַנגען אויפ'ן בעל הבית פון קראָם. למשל: אברהם יוסף'ס קראָם, זלאַטע באַשע'ס קראָם, מאַטלע גיטעל'ס קראָם. די דאָזיגע קראָם אָבער האָט געהאַט אַ נאָמען — „די מזל'דיגע" האָט זי געהייסען.

דאָס איז געווען אַ ביי־סענדיגער „סגי נהור"-לשון, אַ איראָניע, וואָס האָט אַ סך איהרע אַלטע לעבעדיגע בעלי-בתים דערמאָהנט זעהר

אומעטיגע, לאַנגע טעג און נאָך אומעטיגערע, לענגערע אָבענדען...

און די „מזל'דיגע `קראָם" האָט געהאַט אַ סך בעלי־בתים. ווען מען וואָלט וויסען ווי אַלט די קראָם איז, וואָלט מען בערך געקענט אויסרעכענען וויפיעל קעפּ זענען אין איהר געווען, וויפיעל אויגען האָבען דורך איהר טהיר אַרויסגעקוקט אויף אַ קונה און שיער ניט בלינד געוואָרען קוקענדיג און שיער ניט צופּלאַצט געוואָרען וואַרטענדיג. אויסרעכענען וואָלט מען עס געקענט דערפאַר, ווייל דורכשניטליך איז דאָרט קיין קרעמער ניט געזעסען מעהר ווי אַ האַלב יאָהר, און אויב די קראָם שטעהט שוין, למשל, צוויי הונדערט יאָהר, האָבען זיך אין איהר אַכט הונדערט אויגען געמוטשעט... עס איז אָבער אַ סברא אַז די קראָם איז נאָך עלטער פאַר צוויי הונדערט יאָהר, עס דאַכט זיך, אַז זי איז בעשאַפען געוואָרען מששת ימי בראשית, און דער גרעסטער סטאַטיסטיקער וועט ניט ביכולת זיין אויסרעכענען וויפיעל בעלי־בתים זי האָט געהאַט.

די, וואָס מען געדענקט, איז אָבער אויך גענוג.

פון די ערשטע, וואָס מען געדענקט זיי און מען זעהט זיי נאָך יעצט אין שטעדטעל, איז — חיים דער אַלטער. ער האָט זי געדונגען ביי דער אופּראַווע, צו וועמען זי געהערט, פאַר 20 רובל אַ יאָהר און בעטראַכטענדיג מיט שכל דעם פּלאַן, וואָס אַרום דער קראָם געפינט זיך, האָט ער בעשלאָסען, אַז די קראָם דאַרף זיין גוט פאַר דזיעגאַכטס מיט מאַזש.

און אַ גאַנצען האַלב יאָהר איז געשטאַנען אויפ'ן צופּוילטען פּאָל פון קראָם, אַרויסגערוקט צום טהיר, אַלס שילד, אַ שוואַרצער עמער מיט דזיעגאַכטס, מיט שוואַרצע קוואָרטען, האַלבע קוואָרטען און קוואַרטירלעך. און אַ קעסטעל מיט שוואַרצע שטיקער מאַזש, מיט אַ שוואַרצען מעסער, צו שניידען עס. חיים אַליין, אויסגעשמירט אין גאַנצען אין זיין סחורה מיט אַנ'אויסזעהן פון אַ זומערדיגען פאַרנאַכטיגען שאָטען, איז געשטאַנען פאַרביי די טהיר, די הענד צוזאַמענגענומען אין די אַרבעל און האָט געקוקט...

אַ וואָך האָט ער אַזוי געקוקט, און איינמאָל אין אַ רעגענדיגען זונטאָג איז געקומען אַ אָבגעריסענער מוזשיק מיט אַ פּאָר צוריסענע שטיוועל, האָט געקויפט אַ קוואַרטירעל דזיעגאַכטס פאַר פיער גראָשען און האָט טאַקי אין קראָם גופא מיט זיינע אייגענע פינגער

אויסגעשמירט די שטיוועל פון אויבען ביז אראב. חיים'ען איז א ביסעל פרעהליכער געווארען. די האפנונג מיט די חנ'עוודיגע אויגלעך האט איהם א ווינק געטהון: ניט געזארגט, חיים, וועסט לעזען געלד! און חיים, ניט קיין נארישער יוד, דאכט זיך, פערשטעהט גוט א שטיקעל רש"י מיט תוספות, האט זיך איינגעהערט און געשמייכעלט, ווי גע־רעדט: איך גלויב דיר!

אין א האלב יאהר איז דער עמער געווארען א ביסעל ווייניגער. חיים האט פאר הארצוועהטאג פערגעסען פיעל קווארט ער האט פערקויפט. פון די מאזש האט געפעהלט נאר א קליין שטיקעל, דאכט זיך א האלב פונט. ער האט אויף דעם עמער דזיעגאכטס מיט דעם מאזש געמאכט א „ראספראדאזשא", געלאזען פאר א דריטעל פון קרן, צוגענומען די שליסלען און מיט א קללה אנטלאפען געווארען אהיים און געמאכט אויף זומער א קנעלונג...

די קראם איז געבליעבען אנ'אפענע. עלענדע הינד און ציגען האבען דארט געפונען א בעשיצונג פון שלעכטען וועטער. נאר ניש לאנג. די שטאדטיגע בעלי־בתים האבען געווארפען אויגען אויף דער קראם, אויפ'ן געשעפט וואס מען קען דא מאכען, און איינער, לייבע טעוויעס, א יוד מיט א קאפיטאל פון הונדערט רובל, וואס האט ניט געוואלט עס קיינעם פערלייהען, האט זי גערונגען פאר אכצעהן רובל.

— איהר וועט זעהן, יודען, האט לייבע טעוויעס געזאגט: אז איך וועל פון דער קראם מאכען א „לייט", זי וועט מיר טראגען צוויי־דריי רובל א וואך.

— דהיינו, וואס פאר א מין סחורה רעכענט איהר צו האל־טען? האט מען ביי איהם געפרעגט.

נאר לייבע טעוויעס האט ניט אזוי גיך ענטדעקט דעם מין סחורה. צי דערפאר וויל ער האט מורא געהאט מען זאל ביי איהם דאס ניט אויסחאפען, אדער ער האט מורא געהאט, אז מען זאל פון איהם ניט לאכען, — דאס האט ער אליין ניט געוואוסט.

אין א וואך ארום אבער איז דער סוד ענטפלעקט געווארען. לייבע טעוויעס האט געמאכט א קראם פון מילכיגס, איבערהויפט איז דארט געווען א סך „שאטען־קעז".

„שאטען־קעז" איז יעצט אוים מאדע, עס איז אפילו א ספק,

צי ווייסט ווער אין היינטיגע דורות, בפרט אין די גרויסע שטעדט פון דעם מין קעז, וואס ער מאכט זיך ניט פון זויער־מילך, נאר פון „מאשלינקע“, דער שטאף, וואס בלייבט פון די אויסגעשלאגענע פוטער. א מאל אבער, און אודאי יעצט אויך אין די קליינע שטעדטלעך איז „שאטען־קעז“ געווען איינע פון די וויכטיגסטע מאכלים ביי יודען. דאס איז געווען די נויטיגסטע שפייז נאך קארטאפעל. מיט א פונט „שאטען־קעז“ האט א בעל־הבית'טע אויסגעהאלטען א וואך מיט אנבייסענס די קינדער. ווער רעדט, אז מען פלעגט נאך זיך ניט פוילען און מאכען פון די שאטען־קעז גאמעלקעס און טריקענען זיי זומער אויף דער זון און ווינטער אין אויווען, פלעגט זיך דאס דעמאלט רעכענען פאר א נאשעריי אדער א כיבוד פאר געסט.

וויסענדיג גוט דעם אנגאנג פון שאטען־קעז אין שטעדטעל, האט לייבע טעוויעס ניט אומזיסט געהאט האפנונגען. ביז אהער, ד. ה. ביז איהם איז אריינגעפאלען די אידעע דערפון, איז אין שטעדטעל ספעציעל אזא קראם ניט געווען און דאס האט נאר געהאט יעדע בעל־הבית'טע, וואס האט פערמאגט אנ'אייגענע בהמה. די ארעמע לייט אבער האבען געמוזט אנקומען צו די בעל־הבית'טעס פון די בהמות. דעריבער האט לייבע טעוויעס גערעכענט, אז ווען ער וועט אויפקויפען ביי אלע בעל־הבית'טעס פון די בהמות די מילכיגס, און דער עיקר טאקי די שאטען־קעז, — וועט ער לעזען פיין געלד.

און באלד האט מען די קראם אויסגערייניגט מיט א גרויסען בערעזעווען בעזים, מיט וועלכען מען האט אויך די ציגען ארויסגעטריבען, און מען האט צוגעקליבען די קראם ווי געהעריג איז, מען האט אוועקגעשטעלט צוויי גרויסע קריג זויער־מילך, א קריגעל סמעטענע, צוויי גרויסע קעז אלס שילד, אויף א ברעט, האלב ארויסגערוקט אין דרויסען און א גרויסען צעבער מיט שאטען־קעז.

געזעסען אין קראם זענען די ערשטע טעג ביידע: אי לייבע טעוויעס אי זיין ווייב שיינע. דעם ערשטען טאג האבען זיי געלעזט פאר א האלב פונט שאטען־קעז—צוויי גראשען, דעם אנדערן טאג. פאר א קוואטירל זויער מילך—א גראשען, און אויפ'ן דריטען טאג

האָבען זיי ערשט פאר נאכט געלעזט פון א תלמוד־תורה יונגעל פאר א גראָשען ווייסען קעז.

— נעהם בעסער שאָטען־קעז, האָט לייבע טעוויעס פאָרגע־לעגט: שאָטען־קעז וועסטו האָבען מעהר, נארעלע. ביזט דאָך אַנ־אָרעם יונגעל. ווייסער קעז איז פאר דיר צו טייער.

נאָר דער תלמוד־תורה יונגעל איז געווען נישט זעהר קיין אָרעמער; זיין טאטע איז געווען א שוסטער, וואָס האָט פערדינט דריי רובל די וואָך, און ער האָט זיך פערגונען צו עסען ווייסען קעז.

— פע, שאָטען־קעז! האָט ער זיך געקרימט.

— געה, שנוק! האָט לייבע טעוויעס געכעס'ט — ווי זאָגט מען עס אויף שאָטען־קעז „פע"?

נאָר דער תלמוד־תורה יונגעל איז ניט נתפעל געוואָרען, וואָס לייבע טעוויעס האָט נעביך א גאנצען צעבער מיט שאָטען־קעז, און ער האָט ווידער געזאָגט.

— פע, שאָטען־קעז...

און לייבע טעוויעס האָט נאָכ'ן יונגעלס אוועקגאנג געזאָגט צום ווייב:

— אין דער אמת'ן, וואָס דארף מען האלטען אזוי פיעל שאָטען־קעז?

— איך ווייס? האָט דאָס ווייב געענטפערט: וואָס דען וועסטו האלטען?

* *

*

און אז לייבע טעוויעס האָט אין א האלב יאָהר ארום אויך פערמאכט די קראָם, ארויסגעהענדיג מיט 40 רובל היזק, האָט די קראָם זיך פערצווייפעלט, זי איז דאכט זיך נידריגער, איינגעבויגענער געוואָרען און האָט אויסגעזעהן, ווי א חורבה.

די שטעדטעלדיגע בעלי־בתים אָבער האָבען געזוכט געשעפט און האָבען געוואָרפען אויגען אויף דער קראָם, טראכטענדיג אַלץ פון נייע מינים סחורות.

— דאָ וואָלט גוט געווען צו האלטען מעהל, און נאָר מעהל!

אַזוי האָט זיך משער געווען חייקעל דער תבואה הענדלער, וואָס
פון תבואה־האַנדעל אַליין האָט ער ניט געקענט האָבען חיונה און
האָט געזוכט נאָך געשעפטען.

ער האָט זיך געוואָלט מכח דעם מיט וועמען עס איז אַנ'עצה
האַלטען, נאָר ער האָט מורא געהאַט: טאָמער איז עס טאַקי גוט
און מען חאַפּט זי איהם אויס!

און חייקעל האָט געריזיקירט און האָט געדונגען די קראָם און
אַריינגעשטעלט אין איהר פינף זעקלעך ווייסע מעהל, דריי—קאָרענע
מעהל און אַ זעקעל גרויפּען. שפּעטער, האָט ער גערעכענט, וועט
ער דאָ האַלטען באָב און אַרבעס.

נאָר צו באָב און אַרבעס האָט די קראָם ניט זוכה געווען, און
חייקעל האָט מיט חרטה, וואָס ער האָט זיך ניט געהאַלטען פריהער
קיין עצה מיט קיינעם, פערלאָזען די קראָם, און האָט פערקויפט די
זעקלעך מעהל אַ גרעסערן מעהל־קרעמער מיט פינף רובל היזק און
האָט גענומען זוכען צום תבואה־האַנדעל אַנ'אַנדער געשעפט.

און די קראָם איז ווידער געבליבען פוסט, און ווידער
ניט אויף לאַנג. זרח דער סופר האָט חתונה געמאַכט אַ טאָכטער
און האָט זיך מתחייב געווען צו געבען דעם יונגען פּאָר־פאָלק אַ
יאָהר קעסט מיט אַ געשעפט, און דאָס יונגע פּאָר פאָלק האָט
מען טאַקי אַריינגעזעצט אין דער קראָם. — געהאַלטען האָבען זיי
דאָרטען שניט.

און אין אַ האַלב יאָהר אַרום האָט דאָס יונגע פּאָר־פאָלק אָב־
געשניטען מיט די שניט און דער יונגער־מאַן האָט זיך אויסגעלערנט
סופרות, שרייבען תפילין און מזוזות, און די קראָם איז ווייטער גע־
בליבען אַנ'עגונה...

און אַזוי האָט זיך עס לאַנגע, לאַנגע יאָהרען געצויגען און די
קראָם האָט צוגעצויגען בעלי־בתים און אָוועקגעטריבען, צוגעצויגען
און אָוועקגעטריבען, ביז מען האָט איהר אַ נאָמען געגעבען די „מזל־
דיגע" קראָם, און גרונם שניידער אַ שטאָדטישער חכם, פלעגט קו־
קענדיג אויף איהר זאָגען:

— געדענקט, יודען, מיינע ווערטער: די קראָם איז טאַקי
אַ מזל'דיגע, נאָר ניט פאַר יודען; אַ גוי דאַרף זיך אין איהר אַריינ־
זעצען, נאָר אַ גוי, אַזוי זאָגט מיר עפּיס דאָס האַרץ.

און ער האט טאקי געטראפען. שוין עטליכע יאהר, אז די דאזיגע קראם איז העכער געווארען, גרעסער און ליכטיגער, אין קראם זיצט א גוי מיט גרויסע בלאנדע בייזע וואנסען, רעדט טיעף רוסיש, און לעזט אפשר הונדערט רובל א טאג. יודען געהען פארביי, קוקען נעביך אריין איגוועניג און ווערען צעפלאצט: „אט איז א מין מזל! מיר האבען דא געפינסטערט און געפינסטערט... בדלות געווארען”...

דאס איז די שטעדטעלשע „מאנאפאל” און זי איז טאקי יעצט זעהר מזל'דיג...

X.

די שליפּעס.

איך האָב מיט עטליכע יאָהר צוריק געדונגען אַ קליין צימער'ל ביי אַ יודישען אַרבייטער — אַ מוליער.

איך האָב זיך אייגענטליך ניט ריכטיג אויסגעדריקט. דאָס צימער'ל האָב איך געדונגען ניט ביי איהם, נאָר ביי איהר, ביי זיין ווייב, ער אַליין איז דעמאָלט אין דער היים ניט געוועזען.

— מיין מאַן שטעהט אויף 7 אין דער פריה און קומט אַ זייגער 10 ביי נאַכט — האָט זי מיר דערצעהלט מיט אַ טאָן, אין וועלכען עס האָט זיך געהערט אי בעדויערונג, אי שטאָלץ.

צעהן אַ זייגער אין אָבענד האָט מיך איבערגעשלאָגען אַ פרעהליכער „גוטנ'אָבענד" פון אַ מאַנספּערזאָן. איך האָב זיך געשטעלט אויפ'ן שוועל פון מיין צימער'ל און האָב דערזעהן אַ יודען פון אַ יאָהר 35 פון מיטעלען וואוקס מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אַ פערשמירטען פּנים, פון וועלכען עס האָבען אַרויסגעקוקט צוויי פרעהליכע שוואַרצע אויגען.

— אָט דאָס, הייסט עס, איז אונזער קוואַרטיראַנט? — האָט ער כלומרשט געפרעגט דאָס ווייב, קוקענדיג אויף מיר.

— דאָס בין איך אַליין! — האָב איך אַנשטאָט דאָס ווייב, געענטפערט.

זיין פרעהליכער קוק, זיין נאַטירליכע בענעהמונג האָט מיר עפּיס אויפגעלעגט צו איהם.

— איהר זענט אפילו אַ דייטש — האָט ער זיך געווענדט אין

אַ ווײַלע אַרום מיט אַ גוטען שמײַכעלע — פון דעסטוועגען וועל איך איך געבען אַ יודישען שלום־עליכם — און דערבײַ האָט ער מיר אויסגעצויגען אַ פערשמירטע גראָבע, אָבער וואַרעמע האַנד.

— אדרבא, האָב איך אויסגעשטאַמעלט — איך האַלט זעהר שטאַרק פון שלום־עליכם.

— מיט אַ יודישען שלום־עליכם וועט איהר אין ערגיץ ניט פערפאַלען ווערען! — האָט ער צופריעדען געזאָגט.

— איהר אַרבײַט אַ גאַנצען טאָג? — האָב איך איהם אַ פרעג געטהון, ניט וויסענדיג וואָס צו זאָגען.

— ווי דען? ניט אַרבײַטען איז דען אַ תכלית? דער מענש איז געבוירען אויף אַרבײַטען. אָדם לעמל יולד, האָט ער צוגעגעבען, און זײַן פנים האָט אַנ׳ערנסטע מינע אָנגענומען. עס איז געוועזען קענטיג, אַז ער איז שטאָלץ מיט די דרײַ לשון־קדש׳דיגע ווערטער, וואָס האָבען זיך אַזוי שווער אַראָבגעקויקעלט פון זײַן צונג, אָבער פאָרט זיך אַראָבגעקויקעלט...

— אָ, קענט איהר דאָך לערנען אויך! — האָב איך איהם געוואָלט אָנטהון אַ נחת־רוח.

איהם האָט מײַן קאָמפּלימענט שטאַרק הנאה געטהון. דורך די לעהם, מיט וואָס זײַן פנים איז געווען בעשפּריצט האָט דורכגעשטראַהלט אַ רויטקײַט, און ער האָט געענטפערט:

— קײַן גרויסער למדן בין איך ניט, נאָר קײַן עם־הארץ אויך ניט. שבת קוק איך אַמאָל אַרײַן אין אַ ספר.

— זעהר פײַן! זעהר פײַן! האָב איך געלויבט: תורה מיט אַרבײַט האָט שטענדיג אַ קיום.

— ווי אין פרק שטעהט! — האָט ער זיך אַרויסגעחאַפּט און האָט געבראַכט אַ גאַנצען פסוק פון פרק.

— אָ, איהר קענט דאָך טאַקי גוט לערנען! — בין איך כלומר׳שט נתפעל געוואָרען.

— ניט צו פערזינדיגען! — האָט ער שוין געשמײַכעלט מיט שטאָלץ.

זײַן ווײַב, וואָס איז דערבײַ געזעסען, האָט אויך געקוואָלען און האָט ענדליך מיט אַ ליעבער שטרענגקײַט געזאָגט:

— נו, חיים, געה שוין עסען!

— וואַרט, וואָס אײלסטו זיך! זעהסט דאָך אַז איך פערברענג מיט אַ מענשען.

עס איז געווען קענטיג, אַז ער איז מיט מיר שטאַרק צופרידען. דאָס האָט מיר הנאה געטהון. איך בין זיך מודה, אַז איך האָב זעהר ליעב צו נושא חן זיין ביי אָרעמע פערהאָרעוועטע מענשען. איך פיהל זיך אָפט קעגען זיי שולדיג, און אַז איך קען זיי חאָטש מיט עפּיס פערגעניגען פערשאַפען, בין איך ווי גליקליך.

מיר האָבען נאָך אַ ביסעל גערעדט, ביז ער האָט זיך מיט אַ שמייכעלע צו מיר געווענדט:

— פון דעסטוועגען דאַרף מען טאַקי זיך וואַשען עסען. אַז מען וועט ניט עסען, וועט מען ניט האָבען קיין כח צו אַרבייטען וועט מען נאָך חלילה מיך „ראַזשאַלאַווען”.

איך האָב איהם אָנגעקוקט פערוואונדערט.

— וואָס הייסט עס ראַזשאַלעווען?

— איך האָב דאָך זיך דערדינט צו אַ פּאָר שליפּעס פאַר מיין אַרבייט. — האָט ער מיט אַ געמאַכטען שטאָלץ געענטפערט.

— ער הויבט שוין אָן זיינע שטיק! — האָט דאָס ווייב זיך כלומרשט געבייזערט — אַז אָך און ווער צו אַזעלכע שליפּעס — האָט זי אויסגעלאָזט מיט אַ זיפץ.

— וואָס איז? שלעכטע שליפּעס? — האָט ער ניט אײנגעשטימט — איך וועל זיך ניט בייטען מיט דעם גרעסטען גענעראַל שליפּעס.

— וואָס איז דאָס פאַר שליפּעס — האָב איך זיך פעראינטערעסירט.

— וואָס אַרט אייך, פיינע שליפּעס, איך וועל זיי אייך ווען עס איז ווייזען.

— אפשר קען איך זיי זעהן איצטער, — האָב איך אויסגערעדט ווי מיט אַ בעטענדיגען טאָן.

— איצטער? איצטער?... האָט ער זיך ווי פערטראַכט. ווי זאָגסטו חאַשע — איך זאָל זיי ווייזען איצטער, צי איך זאָל אָבלעגען אויף פרייטאָג פאַר נאַכט, ווען איך וואַש מיך אָב.

— מען דאַרף קיינמאָל ניט ווייזען, — האָט זי ניט איינגעווילינט, — עס איז ניטאָ וואָס צו זעהן.

— געפעלען דיר ניט מיינע שליפּעס? — האָט ער געשמייכעלט.

— מילא ווייזט, לאָמיר זיי זעהן, — בין איך געוואָרען שטאַרק נייגיריג.

— שפּעטער נאָכ'ן עסען, — האָט ער מיר אַ שעפּטשע געטהון אין אויער. איך בין אַריין אין מיין צימער'ל און האָב מיט אונגעדולד געוואַרט.

אין אַ שעה אַרום, אַז איך האָב זיך שוין פערלייענט אין אַ בוך און האָב אָן די גאַנצע שליפּעס ווי פערגעסען, האָב איך דערהערט אַ שטיל שעפּטשען:

— איהר ווילט זעהן?

— אַך, אַך! האָב איך זיך דערמאָהנט און האָב זיך אויפגעשטעלט.

ער איז פאַר מיר געשטאַנען אָהן אַ ראָק און האָט געשמייכעלט.

— באַלד ווייז איך אייך. מיינט ניט, אַז איך בין אַבי ווער — האָט ער אָנגעהויבען צו רעדען און דערביי עטוואָס אַראָבגעצויגען פון זיך די העמד.

— איהר זעהט מיינע שליפּעס? — האָט ער מיר שוין געפרעגט מיט אַנ'ערנסטען טאָן.

איך האָב זיך איינגעקוקט און האָב זיך אַ טרייסעל געטהון. אויפ'ן רעכטען און לינקען קאַרק זענען געזעסען צוויי גרויסע ביילען ווי פויסטען. פון וואַנען דאָס קומט, האָב איך ניט געפרעגט. איך האָב פערשטאַנען, אַז די מולטערס לעהם, די ציגעל האָבען דאָס אָנגעריבען...

— עס טהוט אייך גאַר ניט וועה? — האָב איך קוים אויסגערעדט, און האָב איהם ניט געקענט קוקען גלייך אין די אויגען. ווי איך וואָלט נאָר וואָס אַ גרויסע עולה איהם אָנגעטהון.

— וועה? האָט ער ווי געפרעגט. עט, וועה! שליפּעס טהוען דען וועה? אפשר די ערשטע צייט!... איצט זענען זיי שוין איינגעוואַקסען.

— יאָ, יאָ! — האָב איך געשטאַמעלט: דאָס זענען פיינע שליפעס. איך קומט „טשעסט" אָבצוגעבען.

— עט, ווער דאַרף דעם „טשעסט"! האָט ער אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד, גאָט זאָל נאָר געבען כח צו אַרבייטען. אַ גוטע נאַכט, מען דאַרף געהן שלאָפען. מען דאַרף מאָרגען פריה אויפשטעהן צו דער אַרבייט.

— אַ גוטע נאַכט! — האָב איך איהם געוואונשען און בין געווען צופריעדען, וואָס ער לאָזט מיך אַליין: איך האָב מיך געשעמט צו קוקען איהם גלייך אין די אויגען אַריין.

— מיט דאָס זענען כשר פערדיענטע שליפעס! האָב איך געטראַכט בלייבענדיג אַליין, און האָב אַ גאַנצע נאַכט זעהר פיעל נאָכגעדענקט און לאַנג ניט געקענט אַנטשלאָפען ווערען...

XI.

מיט צען פונט ווייניגער.

גלייך אויף מארגען נאך פורים, האט ביילה אנגעהויבען זארגען וועגען מצה.

— שוין צייט צו טראכטען וועגען מצה! האט זי מיט א פער־זארגט פנים זיך געווענדט צום מאן, זרח'ן.

זרח האט א גלעט געטהון דאס בערדעל א ריב געטהון א האנד אן א האנד, ווי ער וואלט וועלען זיך פאסען מוטה, און האט שטאלץ ארויסגערעדט:

— עס וועט מצה אויך זיין! מען וועט מיט גאט'ס הילף קיין חמץ ניט עסען.

דעם מאנס שטאלצער טאן און דאס ביסעלע אמונה וואס די ארעמקייט האט נאך אין גאנצען ניט גערויבט ביי ביילה'ן, האט געווירקט און זי האט וועגען דעם מעהר ניט דערמאהנט א גאנצע וואך.

אז די וואך האט זיך אבער געענדיגט און אין שטעדטעל האט מען שוין אנגעהויבען באקען מצה, ווייבער האבען שוין גערולט איינע די אנדערע וועגען דעם וויפיעל, וואו און וועלכע מעהל צו באקען, — האט ביילה ווידער אנגעהויבען צו מאכען א שמועס וועגען מצה.

— זרח, שוין דריי וואכען צו פסח, וואס וועט זיין מכח מצה?

זרח האט שוין יעצט א שוואכערן גלעט געטהון דאס בערדעל, אנשטאט צו רייבען די האנד, האט ער אונטערגעברומט א ניגונדיל

פון יוצרות, פון פרשה „י״קלים״ און האָט צום סוף מיט געטאַבּטען בטחון געענטפערט:

— דו האָסט ווען געגעסען אום פסח חמץ, האַ?...

— גערעכט ביזטו אפילו, האָט ביילה געענטפערט, אָבער מען דאַרף דאָך זעהן קריגען געלד — פסח'דיגע מעהל איז דאָך ניט חמצ'דיגע. בּאָרגען וועט קיינער ניט, עס איז היינט מעהל פייער און פלאַם, מען זאָגט אַז אַלע מיהלען זענען פערטרונקען, אַ קליינינגקייט אַזאַ „געוויסער״ — אַ גאַנץ ווינטער האָט געשנעט!...

— נישקשה, עס וועט קלעקען מעהל פאַר דיר, האָט זרח בערוהיגט, עס איז אַלע יאָהר אַזוי...

אין אמת'ן אָבער האָט זרח אין האַרצען נאָך מעהר מורא געהאַט פאַר ביילה'ן. פון דעם „געוויסער״ ווייס ער מעהר פון איהר, די מיהלען זענען טאַקי אַלע פערטרונקען און פסח'דיגע מעהל קען שטייגען ביז צוויי רובּעל דעם פוד...

און זרח האָט אָנגעהויבען אַרבּייטען אויף אַלע בּעהאַלטענע מאַשינדעלעך און פרושינקעלעך פון זיין מוח, וואו צו קריגען געלד אויף מצה. קיין מעות חטים, זאָל דער אויבערשטער שומר ומציל זיין, וועט ער ניט נעהמען — זרח איז אפילו אַ יוד אַ קבצן, פערדיענט שוין עטליכע יאָהר גאָר נישט, זיצט אָהן אַנ'עסק, אָבער אַ בעל־הבית איז ער! האָט אַנ'אייגען שטיבעל אין שטעדטעל, אַ „שטאָדט״ אין בית־מדרש און ער אַליין, לויט זיין לאַגע, שטעהט פערשריבען אַ האַלבען רובּעל אויף מעות חטים, און ער וועט דאָס געבען, חאָטש די נשמה וועט איהם אַרויס, חאָטש נאָך צעהן האָר אין באָרד וועלען ווייס ווערען, חאָטש נאָך צוואַנציג קנייטשען אויפ'ן גרויסען שטערן וועלען צוקומען, חאָטש נאָך אַ „שטר חוב״ וועט ער דעם וואָכערניק שרייבען..

און אין עטליכע טעג אַרום, נאָך דעם לעצטען שמועס מיט ביילה'ן האָט זרח געקריגען אויף פסח צעהן רובּעל...

— נו, אַ דאַנק גאָט! פאַרהאַן שוין אויף פסח! האָט ער פרעהליך אויסגערופען קומענדיג פון גאַס מיט דעם געלד. דערמאָהנענדיג זיך אָבער, ווי אַזוי ער האָט דאָס געלד גענומען און ווי אַזוי ער וועט עס דאַרפען אָפּגעבען, האָט ער זיך פענאַנדער געזיפצט:

— אָח — אָח — אָה!... טאַטע, האַרציגער — אַ שווערע וועלט!...

— וויפיעל זאָל מען היי־יאָהר באַקען? האָט ביילה איהם איבערגעשלאָגען דאָס זיפצען.

— וויפיעל האָסטו פאַר אַ יאָהרען געבאַקט?

— פאַר אַ יאָהרען האָבען מיר געבאַקט צוויי פוד מיט צעהן פונט.

— נו, טאָ באַק היי־יאָהר אויך אַזוי, וואָס פרעגסטו?

— אפשר וואָלט זיין גענוג נאָר צוויי פוד? — האָט ביילה פאַרגעלעגט...

— פון מיינעטוועגען... האָט זרח אַרויסגעברומט.

— טאָמער וועט אָבער זיין וועניג...

— טאָ באַק צוויי פוד מיט צעהן פונט...

— עס ווילט זיך אָבער פערשפּאָרען... עס וועט ניט זיין מיט וואָס פסח צו מאַכען — צעהן רובעל איז דאָך אַזוי ווי אַ טראָפּען אין ים...

און ביילה האָט גענומען מאַכען אַ חשבון: אַ האַלב שאָק אייער מוז מען האָבען, אָהן אַנ'איי האַלטען זיך ניט די קניידלעך — זיי צוקריבען און עס האָט ניט קיין טעם; ווייטער מוז מען האָבען חאָטש צוויי פונט שמאַלץ, אַ פּאָר קרענצען ציבעלע, נייע שטע־קענס, לעפעל, גלעזער, הײנט כשר'ן די קופּערנע פאַנען!... האָט זי זיך פּלוצים דערמאָהנט

— און ויין האָסטו פערגעסען? האָט זרח מיט אַ ביטערן שמייכעל דערמאָהנט פון זיין זייט.

— יאָ... ויין! האָט זיך ביילה אַ חאַפּ געטהון. עס וועט פעהלען געלד...

— און קאַרטאָפעל האָסטו נאָך? האָט זרח ווידער דערמאָהנט...

— קיין קאַרטאָפעל איז ברוך השם אויך ניטאָ... מען דאַרף טאַקי באַקען צוויי פוד; האָט זי ענדליך פעסט בעשלאָסען: צעהן פונט מעהל איז אַ רעכנונג פון אַ האַלבען רובעל, היינט באַקען אַ פערטעלע, דאָס איז אַ חשבון פון 5 גילדען, ס'וועט צו ניץ קומען...

— זאָל זײַן צוויי פּוּד! האָט זרח נאָכגעגעבען.

— צוויי פּוּד — גענוג! האָט בײַלה ווי אויסגעשריען.

באַלד אָבער האָט זי זיך געפרעגט:

— עס זאָל אַמאָל ניט אויספעהלען, חלילה, קיין מצה...

און דאָס האַרץ האָט איהר אַ ציטער געטהון...

און בײַלה האָט געבאַקט נאָר צוויי פּוּד... נעהמענדיג די מעהל, האָט איהר דאָס האַרץ געציטערט. ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ פעהלער זי מאַכט דאָ: אַ געזינד פון 8 מענשען, אָהן עין הרע אַלע עסער, אַפילו דער קלענסטער, לייבעלע, עסט אויך ווי אַ גרויסער, אַלע ווײַלע: „מאַמע, וויל עסען"... עס קאָן אַמאָל אויספעהלען...

און בײַלה'ן שטעלט זיך פאָר, ווי צו די „אַנדערע טעג" בלייבט זי אָהן אַ ברעקעל מצה. עס קאָכט די גאַס: בײַ בײַלה זרח'ס זיצט מען אָהן מצה... ווייבער, מיט ווייכע הערצער ווערען גבאי'טעס און מען לאָזט זיך אַרוים איבער די הײַזער אויפמאַכען מצה פאַר איהר.

— וועגט אָב צוויי פּוּד מיט צעהן פונט, האָט זי פּלוצים אַ געשריי געטהון צו דעם קרעמער, וועלכער האָט שוין מיט'ן שופעל אָנגעהויבען שיטען די מעהל אין ווייכען זאַק.

— מיט צעהן איז מיט צעהן... האָט דער קרעמער קאַלט־בליטיג אַרויסגערעדט, ווי ער וואָלט וועלען בעווײַזען, אַז ער שטעהט ניט אָן די צעהן פונט פדיון...

בײַלה האָט אָבער באַלד ווידער חרטה געהאַט און עס האָט זיך בײַ איהר אין קאָפּ אויסגעאַרבייט אַנ'אַנדער רעכנונג:

— צעהן פונט איז 5 גילדען, עס וועט צוניץ קומען אויף ווײַן, אויף קאַרטאָפעל — פון די צעהן רובעל איז שוין באַלד גאָר נישטאָ — צורונען געוואָרען.

— ניין! וועגט צוויי פּוּד גלײַך! האָט זי זיך אַ כאַפּ געטהון.

— איהר ווייסט אליין ניט, וואס איהר ווילט! איז דער קרעמער אין כעס געווארען: וואס דרעהט איהר א קאפ?

— עס ווילט זיך פערשפארען! האט ביילה מיט א געפא־לענעם שמייכעל געענטפערט און איהרע בלייכע באקען זענען רויטער געווארען...

— צוויי פונד! האט דער קרעמער ארויסגערעדט, קוקענדיג מיט זעהר ערנסטע בליקען אויפ'ן וואג.

ביילה'ן האט זיך געדאכט, אז עס ציהט נאך ניט און זי האט בעמערקט:

— דאכט זיך, עס פעהלט נאך א קליין־הייפעלע...

— ריכטיג ווי גאלד! — עס פעהלט גאר נישט, האט דער קרעמער מיט זיכערהייט געענטפערט און האט צוגעשאטען נאך א קליין־הייפעלע.

ביילה איז מיט דעם צוגעשאטענעם קליין־הייפעלע זעהר צופריעדען געווארען, איהר פנים האט אנגעהויבען שיינען און איהר האט זיך פערוואלט רעדען און אויפעפענען איהר הארץ פאר'ן קרעמער:

— ווי רעכענט איהר, ר' חיים, (אזוי האט דער קרעמער געהייסען) צוויי פונד וועט ניט זיין וועניגלעך — איך בין א געזינד פון אכט מענשען?

— וואס איז שייך צו זאגען וועניג, צי צופיעל? האט דער קרעמער אנגעהויבען צו פילוזאפירען. — עס ווענדט זיך נאך די מאכלים וואס איהר מאכט. ביי מיר למשל געהט אוועק אין גאנצען א פודעל מצה! מיר זענען זאלבע נייננט — נאר וואס דען? מיין שרה מאכט אלע טאג א טייגעכץ פון קארטאפעל.

— איך „פעררוק" אלע טאג א „צימעס־בולבע" אין אויוען — האט ביילה איהם פארטרויט.

— אויך גוט! האט דער קרעמער געענטפערט — א צימעס־בולבע פערשפארט אויך מצה, א טייגעכץ איז אפילו שפארעוודיגער, אבער א טויגעכץ האט ליעב א סך שמאלץ...

און ביילה האט פערשטאנען, אז דאס, וואס דער רייכער קרעמער קען זיך פערגינען, וועט זי דאס ניט קענען, ער מוז

אודאי נעהמען א האלב פוד פלייש איבער יום־טוב, היינט פיש! בײַ איהם איז די מצה נאר א טפל, א „בײַ־זאך", בײַ איהר אבער איז דאך דער עיקר די מצה, און זי איז ווידער אריינגעפאלען אין שרעקעניש.

— עס וועט זײַן וועניג מצה...

באקענדיג איז א „מײַרע" חמצ'דיג געווארען. אזוי האט דער משגיח פון פאדריאד אבגעפסקט, און ביילה האט אין מיטען באקען געוואלט לויפען און צוקויפען נאך צעהן פונט מעהל. זאל זײַן וואס עס וועט זײַן. נאר די בעל הבית'טע פון פאדריאד האט איהר בערוהיגט, אז עס וועט זײַן גענוג, און די חמצ'דיגע מײַרע וועט צו ניץ קומען אויף פארפיל ביז פסח...

און ביילה איז צוטומעלט געווארען און זיך געלאזט איבער־רעדען...

אז מען האט אבער די מצה אבגעבאקט און דער טרעגער האט אנגעלעגט זיי אין די צוויי קאשיקעס, האט זיך ביילה'ן געדאכט, אז עס איז גאר ניטא „וואס צו זעהן" און איהר שרעק איז גרעסער געווארען, „מען וועט בלײַבען האלב־יאהר אהן מצה צו די אנדערע טעג!" — האט איהר דאס הארץ געוויינט...

מען האט געבראכט די מצה אהיים. די קלענערע קינדער האבען זיך צושטעלט ארום די קאשיקעס און געקוקט מיט הונגעריגע אויגעלעך, זינגענדיג:

— מצה מצה! מיר א שטיקעלע מצה...

— גזלנים! האט זיך ביילה דערשראקען א חאפ געטהון. עס וועט זײַן וועניג מצה, עס איז ניט „פאר א יאהרען" — היינט האב איך געבאקט צוויי פוד נאר...

— גיעב זיי צו שטיקלעך מצה! האט זרח זיך אײַנגע־שטעלט.

— נײן, מען טאר ניט עסען פאר פסח, — פסח אי"ה וועט איהר עסען.

די קינדער זענען ברוגז אוועק און ביילה'ן האט פערדריקט

דאָס האַרץ. זי האָט שוין געוואָלט זיי צורופען און געבען, נאָר זי האָט זיך געשטאַרקט:

— מען דאַרף זעהן שפּאָרען היי־יאָהר די מצה, האָט זי בעשלאָסען קעגען איהר ווילען — „שטויסען" וועל איך וואָס ווענינער...

— וויפיעל האָסט דו געבאַקט מצה, ביילה? האָט ערב יום־טוב נאָך ביעור חמץ אַ פרעג געטהון אַ שכנה ביי ביילה'ן.

— צוויי פוד... האָט ביילה טרויעריג געענטפערט.

— עס וועט ניט זיין ווייניג? האָט די שכנה סתם אַ זאָג געטהון.

ביילה'ן האָט זיך אָבגעריסען אין האַרצען און זי האָט קוים אַרויסגערעדט:

— עס וועט זיין גענוג...

— איך בין אַ קלענערע געזינד, האָט די שכנה ווייטער גע־רעדט, און האָב ברוך השם געבאַקט צוויי פוד מיט 15 פונט. זאָל בעסער בלייבען איידער פעהלען... היי־יאָהר, זאָגט מען, איז די מעהל זעהר ניט שפּאָרעוודיג...

די לעצטע ידיעה האָט ביילה'ן גאָר אין גאַנצען דערשלאָגען: איצט פערשטעהט זי שוין, וואָס עס איז אזא ביסעל מצה: היי־יאָהרדיגע מעהל איז ניט שפּאָרעוודיג...

— קינדער! האָט זי אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל אַריינגעהענדיג נאָך דעם שמועס מיט דער שכנה אין שטוב, — איהר זאָלט זיך יום־טוב ניט „שטאָפּען" מיט מצה, איהר הערט, וואָרום מיר וועלען בלייבען אָהן מצה...

די קינדער זענען דערשראָקען געוואָרען און האָבען זיך איבער־געקוקט. דאָס עלטערע מיידעל נאָר האָט אַ פרעג געטהון איראָניש:

— וואָס זאָל מען עסען, ברוידט?

— מכות, ווערים עסט, נאָר ניט קיין מצה...

ביילה איז געוואָרען צורייצט, זי האָט שוין חרטה געהאַט

אויף איהר גאַנצען אויפּטהו, און פאַר כעס און חרטה האָט זי געשאָלטען.

— זעה, איך בעט דיך, פערשטער מיר ניט דעם יום־טוב! האָט זיך ירח געבעטען, עס קומט יעדער זאַך אָן מיט בלוט, לאָז מען חאָטש הנאה האָבען, געה בעסער נעהם אַראָב די „בוטליע" אויף וויין.

— פיעל געלד האָסטו אויף וויין? האָט ביילה געפרעגט.

— פינף גילדען, האָט זרח ווי פערשעמט געענטפערט.

— וויין וועט זיין גענוג פאַר א פערטעלע... פאַר אַ האַלבען רובל דאַרף מען צוקויפען בולבע, פערשטעהסט — וואָרום עס וועט זיין וועניג מצה. היי־יאָהרדיגע מעהל איז ניט שפּאָרעוודיג.

און ביילה האָט געקויפט ביי אַ גויה אין גאַס אַ האַלב אַבטעל קאַרטאָפעל און איז געוואָרען אַ ביסעל רוהיגער.

די קינדער האָט זי אַ גאַנצען יום־טוב געלאָזט עסען מצה וויפיעל זיי האָבען געוואָלט, זי אָבער אַליין האָט ביז די „אַנדערע טעג", אויסער „המוציא" קיין שטיקעל מצה ניט פער־זוכט: זי פלעגט אַלע אין דער פריה באַקען בולבע און טונקען אין אַ סך זאַלץ און אַנשטאָט עסען האָט זיך איהר אַ גאַנצען יום־טוב נאָר טרינקען געוואָלט, און טרינקען האָט זי געטרונקען אַ סך..

XII.

די אָרעמע קהלה.

דאָס שטעדטעלע וואָינאָווקע, וואָס בעשטעהט פון פערציג הייזער און פינף און דרייסיג בעלי־בתים, ווייל פינף הייזער שטעהען לעדיג, וויעגט זיך, רוישט און קאָכט, ווי אַ קליין טייכעל ערב־פסח, ווען דער שניי צוגעהט. איצט איז אָבער ניט ערב־פסח. עס איז אַ וואָך פאַר ראָש־השנה, — אַ וואָך פאַר ראָש־השנה, און די קהלה האָט נאָך נישט קיין בעל־תפלה...

אמת, אין דעם נאָהנטען שטעדטעל יאַחנאָווקע, וואָס איז פיעל מאָל גרעסער פאַר וואָינאָווקע, קען מען קריגען אַ בעל־תפלה און דוקא אַ רעכטען מיט אַ האַלז מיט אַ געמבע און מיט חזנ'ישע שטיק, ווייל ער אָבער מען זאָל איהם פיין בעצאָהלען — און דאָ איז דאָס אונגליק! דאָס שטעדטעל וואָינאָווקע האָט גע'פטר'ט די עטליכע קהל'שע רובל אויף אַ חזן, וועלכען דער שוואַרץ־יאָהר האָט היינטיגען זומער אָנגעטראָגען, און האָט געדאַוועט אַ שבת־מברכים מיט זעקס זינגער. אמת, עס איז ווערטה געווען: צייט וואָינאָווקע איז וואָינאָווקע האָט זי אַזאַ נגינה ניט געהערט. דער בית־המדרש, וועלכער איז שוין אַלט איבער צוויי הונדערט יאָהר, לויט ווי די אַלטע לייט דערצעהלען, האָט דעם דאָזיגען חזן מיט זיין קאַפּעליע קוים איבערגעלעבט. די פענסטער האָבען זיך געטרייסעלט, די ווענד האָבען זיך געשאָקעלט און פון דער סטעליע אויבען איז גאַנצע שטיקער קאַלך געפאַלען... פון גרויס התפעלות האָט מען דעם דאָזיגען חזן מיט זיין קאַפּעליע דאָס גאַנצע געלד, וואָס קהל האָט פערמאָגט,

אַוועקגעגעבען, און איצט, אַ וואָך פֿאַר ראש־השנה, האָט מען זיך געכאַפּט, אַז עס איז ניטאָ אַ גראָשען פֿאַר וואָס צו דינגען אַ בעל־תּפֿלה, און דער עולם האָט זיך איצט פֿערזאַמעלט אין בית־מדרש צו בעקלערען אַנ׳עצה.

— דאָס איז געוועזען אַנ׳אַקט אין דער וועלט, שרייט איצט אריה ליב דער שניידער, וואָס האַלט זיך פֿאַר אַ שענעם יודען, ווייל ער האָט אַ לאַנגע באָרד און האָט אַ בחור׳ל, וואָס לערנט אין יאַחנאָוועקער ישיבה.

— שייך אַנ׳אַקט! דאָס קען נאָר טרעפֿען ביי אונז! האַלט אונטער חיים דער גלעזער; מען זאָל נעהמען און אַוועקגעבען אַ חזן אין אַ מיטען יאָהר דאָס גאַנצע געלד, וואָס קהל פֿערמאָגט!

— עס איז געוועזען אַ משוגעת! אַ ריינער משוגעת! דריקט מיט די פּלייצעס חנן דער מלמד.

— איהר ווייסט וואָס איך וואָלט געפּסק׳נט — נעהמט אָן זרח דער שוסטער דאָס בערדעל, און מאַכט אַ מינע פֿון אַ רב; — איך וואָלט געפּסק׳נט, אַז די וואָס האָבען פֿערהאַלטען דאָ דעם חזן און האָבען איהם בעדונגען, זאָלען איצט דינגען פֿאַר זייער געלד אַ בעל־תּפֿלה. דאָס איז מיין עצה! האָט ער אויסגעלאָזען מיט גרויס ערנסט פּונקט, ווי עס ווענדט זיך נאָר אָן זיין עצה...

— הײַנט געה טרעף, ווער האָט איהם בעדונגען? אַלע האָבען איהם בעדונגען! צושלאָגט זלמן דער שמיד זרח׳ס עצה; אַלע האָבען געוואָלט הערען אַמאָל אין אַ נאָוויגע אַ ביסעלע נגינה. עס איז אפּשר ניט קיין עולה. נאָר ווען אָבער? אַז דאָס שטעדטעל איז רייך! אַ יאַחנאָוועקע קען זיך פֿערגינען אין מיטען יאָהר אויסגעבען אויף אַ חזן עטליכע רובּל, אָבער ניט מיר קבצנים.

— איז וואָס בלייבט פּאָרט! הערען זיך צום סוף געשרייען אין בית־מדרש.

— עס איז ניט פֿרעהליך! ענטפֿערט איינער.

— חייקעל שעפּס וועט דאַוונען מיט׳ן שבּת׳דיגען נגון, ווענדט זיך זרח דער שוסטער צום שבּת׳דיגען בעל־תּפֿלה, חייקעל־שעפּס, וועלכער האָט יאָ אַ שטיקעל קול, נאָר ער ווייסט מעהר ניט ווי די שבּת׳דיגע נגונים פֿון דאַוונען

— אַ־נו, חייקעל — פּרוב זיך! ווענדען זיך צו איהם איניגע
בעלי־בתים: זײַ זיך מכין!

חײַקעל־שעפּס ווערט רויט און ענטפערט קוים

— איך האָב מורא.

— פּרוב, פּרוב: ה—מ—לך! וויַיזט איהם זלמן שמיד, א וועג.

— איי, קענסט דאָך אַליין! רופט זיך אָן חנן מלמד און העלפט איהם ווייטער:

יו—שב—על—כּ—סא

רם ו—נ—שא—א—א!

—אי—אי—אי—אי—אי—אאאי!...

חאַפּט אונטער דער עולם.

און דער בית־מדרש הילכט עטליכע מינוט פון די ימים־נוראים־דיגע נגונים, וועלכע האָבען בעגײַסטערט דער אסיפה...

— איצטער קענען אַלע, און ווי עס וועט קומען ראש־השנה וועט קיינער ניט קענען, וואַרפט אַרײַן אַ בעל־הבית אָנ'ן השערה.

די השערה נעהמען אַלע אָן, און דער עולם בלײַבט פערטראַכט.

— איהר ווייסט, יודען, אַז מיר האָבען קײַן בעל תקיעה אויך ניט! איז מודיע אין מיטען דער שמש פון בימה.

דער עולם בלײַבט ווי געפּלעפט.

— וואָס הייסט: וואו איז נחמן.

עס בעווײַזט זיך נחמן, אַ בלייך, דאַר בחור'ל פון אַ יאָהר אכצעהן, וואָס עסט דאָ טעג און לערנט „פאַר זיך" און שוין צוויי יאָהר, אַז ער בלאָזט שופר אין בית־מדרש בחנם.

— היי־יאָהר וועל איך בלאָזען אין דעם דאַרף סאָסנאָוויטשינע: דרײַ קערבלעך גיט מען מיר... דרײַ קערבלעך... האָט ער קוים אויסגעשטאַמעלט מיט שרעק פאַר זײַן בגידה, וואָס ער האָט בוגד געווען אין זײַן קהלה, וואָס גיט איהם עסען.

— ע, ביזטו אַ פּאַרך! האָט עמיצער אויסגעשריען.

— אַ גרויסער שייגעץ? האָט נאָך עמיצער אונטערגעהאָלפען.

— אַ „דאַרמאָיעדניק"! האָט אַ דריטער געזידעלט.

און אויף דעם אָרעמען נחמנ'ען האָבען זיך אָנגעהויבען שיטען ווערטער און ווערטלעך, אַזש עס האָט איהם ווי מיט נאָדלען געשטאָכען.

— איך דאַרף מאַכען אַ ווינטערדיגען בגד... איך קען ניט... האָט ער זיך געבעטען. זייט מיר מוחל... ווינטער איז קאַלט...

— וואָס וויל מען האָבען טאַקי פון איהם, איז דער עולם צוריקגעגאַנגען: ער דאַרף זיך מאַכען אַ ווינטערדיגען בגד. ער געהט נעביך אַ הוילער, אַ נאַקעטער...

— די מעשה איז אַזוי! האָט יעדערער פאַרטאַקעוועט.

— האָבען מיר הייסט עס, ניט קיין בעל־תפילה און ניט קיין בעל־תקיעה?

— מיר האָבען, דאַכט זיך, קיין בעל־קריאה אויך ניט! האָט מודיע געווען ווידער דער שמש פון בימה.

— וואָס הייסט! האָט זיך דער עולם דערשראָקען: וואו איז אַלטער פּעשעס, וואו איז ער? וואו איז ער?

— אַלטער פּעשעס וועט אויך ליינען אין סאָסנאָוושינע, — איז מודיע, ווי אַ פערשולדיגטער, דער זעלביגער נחמן — ער געהמט 2 קערבלעך.

דער עולם דערשרעקט זיך ניט אויף אַ געלעכטער: אַנדערע לאָזען אַראָב די קעפּ, ווי זיי וואָלטען געזוכט אַן עצה, אַנדערע ווידער הויבען אויף די קעפּ צו דער סטעליע און שטעהען אַזוי פערטראַכט עטליכע מינוט.

— וואָס איז דאָ פאַרהאַן וואָס צו קלערען? רופט זיך אָן איינער: מען וועט היינטיגע ימים נוראים דאַווענען ביחידות... אוים קהלה!

— אַ שענע מעשה נאָר אַ קורצע! לאַכט ביטערלעך אַ צווייטער

— דאָס דאַרף מען פערשרייבען אין פּנקס.

— אוים וואָינאָווקע!

— זאָל מען זיך אַליין צוזאַמענלעגען און דינגען פון איינגע געלד, גיט אַן עצה חנן מלמד און דערשרעקט זיך גלייך פאַר זיינע איינענע ווערטער.

— ווײַז אהער א רובל. נו! שטעלט אוים זלמן שמיד די האנד.

— איך האב ניט! פערשעמט זיך חנן: — פארהאן דאך אבער בעלי־בתים, וואס האבען.

— ווער האט?

— קיינער האט ניט!

— אזוינע ימים־טובים געהען — א קלייניגקייט!

— וואס־זשע וועט זײַן?

— ניט גוט.

אין בית־מדרש רוישט. יעדער זאגט אנ'אנדער עצה. נאר קיין אמת'ע עצה איז ניטא.

פלוצים גיט דער אלטער שמש א פאטש איבער'ן בימה און אין בית מדרש ווערט שטיל.

— איך האב אנ'עצה, שווייגט א ווײַלע!

— אדרבה, אדרבה! שרייען אוים אלע אונגעדולדיג.

דער שמש נעהמט אין זיך אריין א ביסעל מעהר אטעם ווי געוועהנליך, גיט א שטארקען שמעק־טאבאק, ווישט די נאז פון ביידע זייטען און רעדט ענדליך ארוים:

— די מעשה דערפון איז אזוי, די מעשה: אונזער קהלה האט היינטיגען זומער געטהון א גרויסע נארישקייט, מיר האבען די עטליכע רובל, וואס מיר האבען פערמאגט, פערטהון אויף א נאשע־רײַ, מיר האבען פערגעסען אונזער ארעמקייט, אונזער שטאנד און אונז האט זיך פערוואלט הערען א חזן. דער גוטער יאהר ווייסט ווער ער איז! א דורכפאהרער א חזן, איז ניט קיין גרויסער צדיק. אנ'עהרליכער חזן זיצט אין דער היים... נאר ווי די מעשה איז— עס איז שוין אנ'אבגעטהונענע זאך. דער סוף פסוק איז: מיר זענען געבליבען אהן א בעל תפלה אויף ימים נוראים, אהן א בעל תקיעה, און אהן א בעל קורא... ממש אהן גאר נישט... אויב איהר ווילט וויסען נאך עפים — איז שוין דער שופר אויך ניט ווי געהעריג איז... איצט אלול־צייט, עטליכע תקיעות — בלאזט ער נאך ווי עס איז; ס'וועט אבער קומען ראש־השנה, מען וועט דארפען אזוי פיעל בלאזען: א תרועה, א שברים, א תקיעה גדולה, —ער וועט זיך געוויס פערהאלטען... פאר א יאהרען נאך האט ער

זיך פערהאלטען, אויב איהר געדענקט?... איך געדענק גאנץ גוט... און נחמן איז א גוטער בלאזער (דער עולם קוקט זיך אום אויף נחמנ'ען און נחמן ווערט רויט...) לכן וואלט געווען מיין עצה, אז מיר זאלען היי-יאהר מאכען שותפות מיט סאסנאוויטשינער מנין, דהיינו, מיר זאלען אלע געהן דאוונען היי יאהר אין סאסנאוויטשינע — געהן מעג מען, סך הכל דריטהאלבען וויארסט וועג, עס וועט זיין א שפאציער... וועלען מיר דארפען פערשפארען צו ברעכען די קעפ: וואו נעהמט מען א בעל-תפלה, א בעל-קורא און א בעל-תקיעה און טאקי א שופר אויך. ווייל דער שופר, איך זאג אייך נאך אמאל, דער שופר וועט זיך ראש-השנה אבזאגען... קיין „תרועה-שברים" וועט ער זיכער ניט נעהמען. ער קען שוין ניט נעהמען, ער איז שוין אלט און האט שוין עטליכע פגימות... פאר אונז איז געבליבען נאר סאסנאוויטשינע...

נאך דעם שמש'ס רעד, האט דער עולם אנגעהויבען רוישען:

— פון שטאדט אין דארף! און נאך ראש השנה — ניין!

— זאלען זיי, די ישובניקעס, צו אונז קומען!

— וואס זענען זיי געווארען פאר יחסנים!

— א מאל פלעגען די ישובניקעס צו אונז קומען דאוונען.

— הייגט האבען זיי זיך אויסגעלערנט עברי — מאכען זיי אין דער היים א מנין...

— עברי ווי עברי, געלד קענען זיי געווים צעהלען...

— וואס פעהלט זיי? — פון אלעם-גוטען: פולע זאשיקעס מיט קארטאפעל, מיט קרויט, מיט היהנער, מיט אייער...

— סמעטענע, פוטער און קעז...

— מיט אלע צרות אויף זייערע קעפ!...

— ששששא, שילט זיך ניט יודען, עס איז אלול!

דער עולם האט זיך פאר דער קללה אין אלול דערשראקען און איז געגאנגען צוריק:

— ווער שילט זיך, ווער, ווער...

— קיינער ניט, קיינער ניט...

— וואס האט מען צו זיי?

— בערקע סאסנאוויטשינער איז א טייערער יוד, ביי איהם

ווֶעט זײַן דאַוונען אַנ׳אַנטיק — אַ שטוב, ווי אַ פעלד, דרײַ מאָל ווי אונזער בית־מדרש.

— ערשט הײַ־יאָהר האָט ער געשריבען אַ רײַניגקײַט.

— אַ טײַערער יוד!

— און וואָס פעהלט די איבריגע ישובניקעם? איוי־עלע מענשען!

— אַודאי אַזוי!

— בלײַבט עס אַזוי, אַז מיר געהען הײַ־יאָהר דאַוונען אין סאָסנאָווטשינע?

— קײַן אַנדער עצה איז ניטאָ.

— אַ טײַערע זאַך, ווי איך בין אַ יוד — אַראָב אַ באַרג פון פלײצע!

— שייך אַ באַרג!

— מען דאַרף שיקען אָנפרעגען, צי ערלויבט ער.

— אַ שאלה, צי ער וועט ערלויבען, בײַ איהם וועט זײַן נאָך אַ זכיה!

— אַ קלײניגקײַט! שטעדטעלשע יודען קומען דאַוונען אין דאָרף...

און די אסיפה האָט זיך געענדיגט בשלום.

און אַז די שטעדטעלשע יודען האָבען דעם ערשטען טאָג ראָ״ש השנה אין דער פריה (מעריב האָבען זיי געדאַווענט אין זייער בית־מדרש) געלאָזען זיך געהן דאַוונען אין סאָסנאָווטשינע, און האָבען אַ קוק געטהון אויף זייער אַלטען, האַלב אײַנגעפאַלענעם בית־מדרש, ווי ער קוקט אַזוי מיט זײַנע דונקעלע אויגען פערטרויערט און פער־יתומ׳ט, — האָט זיי זייערע הערצער געצופּט און געקלעמט און שטיל אָהן ווערטער, נאָר מיט בליקען האָבען זיי געבעטען:

— זײַ אונז מוחל, און בעט פאַר אונז גאָט, מיר זאָלען רײַ־כער ווערען וועלען מיר דיר קיינמאָל, קיינמאָל ניט פערלאָזען...

XIII.

די קנעטערין.

שרה איז שוין צעהן יאהר אנ'עגונה. דער מאן איהרער לייבע דער שניידער, מיט וועלכען זי האט געלעבט פינף פינסטערע יאהר, ווי זי רופט זיי אן, איז אויפ'ן זעקסטען יאהר אוועקגעפאהרען אין אמעריקע און איז ווי אין וואסער אריינגעפאלען. שוין צעהן יאהר אז זי איז זיך אליין מפרנס דערמיט, וואס זי וואשט גרעט פאר די רייכע שטעדטעלדיגע בעל־הבית'טעס, וואשט דילען, פליקט גענז, און נאך אזעלכע ארבייט. די אלע ארבייטען גיט מען איהר פאר רחמנות צו איהר און צו איהר איינציגען בן־יחיד'ל; אזוי זאגען די בעל־הבית'טעס, פון דעסטוועגען איז זי נאך פון די רייכע בעל־הבית'טעס רחמנות ניט רייך געווארען און אז עס קומט שבת, קומט זי אב מיט א הערינג אנשטאט פלייש און יום־טוב מיט א שטיקעל לונג און לעבער.

פסח אבער מאכט זי, ווי זי דריקט זיך אליין אויס, „ניט צו פערזינדיגען”. מצה באקט זי אין פאדריאד, וואו זי איז אלע יאהר א קנעטערין און בעקומט פיער גילדען א טאג א חוץ „מאבען”, און „מאכען” „מאכט” נאך ביז א רובל. אין פאדריאד שטעהט זי אב צוויי וואכען. און א טאג פאר ערב יום־טוב, ווען דאס מצה באקען ענדיגט זיך, צעהלט זיך איהר קאפיטאל ביז 12 רובל, — צוויי רובל איז ביי איהר אוועק אויף עסען; עס איז אפילו א סך געלד, נאר גאט ווייסט דעם אמת — אזוי פערענטפערט זי זיך אליין. אז זי האט ניט געמיינט צו „פרעסען”, זי איז נאר אויסען געווען א בעסערן ביסען צוליעב דעם, זי זאל קאנען האבען כח צו שטעהן

ביי'ן „בעקען" און אויסהאלטען אזא שווערע פראצע, ווי א קנעטע־רין האט.

און אז זי ענדיגט איהר ארבייט, פיהלט זי, ווי הענד און פיס זענען ניט איהרע, ווי זי וואלט זיי געליהען ערגיץ און זיי זענען ניט אויף איהר מאס... זי האט נאר איין פערלאנג — א ווארף טהון זיך אויף איהר בעטעל און שלאפען, שלאפען שטענדיג, קיינמאל שוין ניט אויפשטעהן. קיין גרעסער גליק איז שוין דאכט זיך פאר איהר ניטא. אזא גליק אבער קען זי זיך ניט פערגינען. אוועקגעהענדיג מיט צוויי וואכען צוריק אין „פאדריאד", האט זי איהר שטיבעל געלאזען אפילו נישט קיין אויסגעקעהרטע, חמץ איז אין אלע ווינקעלעך, דער אלטער קאסטען, וואו זי דארף די מצה לעגען, איז ניט קיין געוואשענער, די כלים נישט קיין געכשר'טע. ביי איהר איז נאך ניטא קיין סימן פון פסח, און געלד מיט וואס צו מאכען פסח האט זי יא, גאט צו דאנקען. איצט פעהלט איהר נאר כח, און שרה שמועסט זיך איין, אז דער „פאדריאד" איז נאך ניט געענדיגט: זאל דאכטען, אז זי דארף נאך א טאג שטעהן און קנעטען, פון בעקען טאר מען דאך געווים ניט אוועקגעהן. היינט וואס מאכט זי זיך נאריש? און זי פרובט אנהויבען צוצוקלויבען, מאכען פסח'דיג. נאר עס פאלט ביי איהר פון די הענד. זי האט קיין כח ניט איינצובויגען זיך, און זי בלייבט פערצוויפעלט.

— איך וואלט חיים'קען חאטש האבען אין דער היים! קלאגט זי זיך — ער איז א טייער קינד, שוין 12 יאהר א בחור, ער וואלט מיר געהאלפען!

איהר חיים'קע איז אבער שוין דריי יאהר פערקויפט ביי זעליג דעם שוסטער פאר'ן עסען, און זעליג וועט איהם ניט לאזען קומען העלפען דער מאמען.

און שרה'ן פאלט נאר איין דינגען א „מענשען", צו מאכען אין איהר שטיבעל פסח...

לכתחילה פערשעמט זי זיך פאר'ן געדאנק. זי ווערט ממש רויט. סטייטש. זי, ארעמע ענונה, וואס איז ביי יעדער בעל־הבית'־טע א דינסט, וואס האט קיין שום „ווערדע" ביי קיינעם ניט, וואס אויסער איהר שטיקעלע יחוס, וואס זי איז אנ'ענונה און מען האט דערפאר אויף איהר רחמנות, האט זי קיין אויסקוק ניט פון

וואַנעֶן זי זאָל קענגען לעבען, — זי וועט גאָר ווערען אַ „פּריצטע״ און וועט דינגען זיך „מענשען״ צו רוימען, וואַשען ביי איהר אויף פּסח! עס איז בזיונות פאַר לייטען מען וועט פון איהר חוזק מאַכען...

פון דעסטוועגען בעשליעסט זי עס פעסט צו טהון. פאַר צוויי גילדען וועט איהר חאַשע די אַלמנה אַלץ צוואַשען. זי וועט איהר דערצעהלען די גאַנצע מעשה, זי וועט איהר בעטען זי זאָל קיינען פערראַיבעל ניט האָבען...

זי מאַכט זיך אַ האַרץ און גערט אַרוים קעגען איבער צו חאַשע די אַלמנה, וועלכע פערנעהמט אויך דיזעלבע שטעל ביי די שטערטעלשע רייכע בעל-הבית'טעס, וואָס זי, שרה.

— גוט מאָרגען, חאַשע, זאָגט זי קוים אַרוים, אַריינגעהענדיג צו דער אַלמנה אין פינסטערן שטיבעל.

— גוט מאָרגען, גוט יאָהר, אַ גאַסט! ענטפערט חאַשע, וועלכע עסט עפּיס פון אַ צובראָכענער שיסעלע אַ געקעכץ, וואָס האָט נאָך דערוויל קיין בעזונדער נאָמען ניט.

— האָסט עפּיס אַרבייט? פרעגט שרה, און דאָס האַרץ קלאַפּט איהר.

— ניין; ענטפערט חאַשע: איך האָב שוין ביי אַלע בעל-הבית'טעס מיינע אַרבייט אָבגעטהון. קוים, קוים פערדיענט אויף פּסח

— וואָלסט אפשר וועלען נאָך עפּיס פערדיענען? פרעגט שרה אַ דערשראָקענע.

— אַח, מיט'ן גרעסטען כבוד! ענטפערט חאַשע אַ דער-פרעהטע: אַ קלייניגקייט פּסח! פיעל מען פערדיענט — איז ווייניג.

דערהערענדיג אַזאַ מיינונג וועגען פּסח, פערשעמט זיך שוין שרה צו זאָגען איהר, אַז זי זאָל געהן צו איהר, און זי ווערט אַנשוויגען.

— וואוהין איז דאָס? פרעגט חאַשע.

— וואוהין.., וואוהין?... דאָס איז צו...

שרה פערליערט זיך און קען נישט אויסרעדען קיין וואָרט.

— אַ וודאי צו דעם „חזיר״ צו ביילה ברוך'ס? וויל חאַשע טרעפען.

— נײן! האָסט אָב שרה, און ניט צו װי מיט גװאַלד:
— איך האָב געװאָלט זאָלסט צו מיר אַרײַנגעהן...
— צו דיר? פערװאונדערט זיך חאַשע און שטעלט אויס די אויגען: לאַכסט דאָס ניט?

דאָ בעלײדיגט זיך שוין שרה. זי דערמאָהנט זיך אָן איהרע 12 רובל, װאָס זי פערמאָגט און רעדט אַרוים װי מיט שטאָלץ:

— װאָס מײנסטו, איך װעל דיר ניט בעצאָהלען? איך װעל דיר בעצאָהלען װי אַ בעל־הבית'טע.

דער שטאָלצער טאָן געפעלט שוין ניט װידער חאַשען: אַ נײַע בעל־הבית'טע געװאָרען — טראַכט זי — און זי בלאָזט זיך אָן.

— נו, איז װאָס, דו געהסט אַרײַן? פרעגט שרה אַ בע־לײדיגטע.

— נײן, מיט אנ'אמת?... װיל חאַשע ניט גלויבען.

— ס'אַר'אַ נאַר דו ביזט! קומט שוין שרה צו זיך: עס איז מיר גאָר ניט אַזוי פרעהליך אויפ'ן הארצען צו לאַכען פון דיר און קײן כח האָב איך דערצו אויך ניט, קוים װאָס איך לעב. 2 װאָכען אַז מען שטעהט אָב בײַ'ן בעקער ביז 2 אַ זײגער בײַ נאַכט, איז ניט קײן געלעכטער... איך קען מיט אַ גליעד ניט אַ ריהר טהון. װעסט בײַ מיר אַ ביסעל אַ װאַש טהון, איך װעל דיר ...ט קריװדען, שרעק זיך ניט.

חאַשע שמײכעלט און דאָך בעשליסט זי צו געהן.

— מילא, זאָל זײַן פון אַ קאָזאַק — אַבי צום לעבען.

און חאַשע קומט צו שרה'ן אין שטיבעל און הויבט אָן אַרבײטען.

שרה װיל זיך צולעגען, זי קען ממש אויף די פיס ניט אײַנ־שטעהן, זעהענדיג אָבער, װי חאַשע נעהמט אַלײן שלעפען דעם קאַסטען און װערט רויט שלעפענדיג, פערקלעמט איהר דאָס האַרץ און געהט איהר צו העלפען.

— געה, געה!.. טרײַבט איהר חאַשע: איך װעל אַלײן!

נאָר שרה געהט ניט אַװעק און מיט די לעצטע כחות העלפט זי איהר אַרויסטראָגען דעם קאַסטען.

שפעטער אַ װײַלע פערגעסט זיך שרה אָן אַלע איהרע װעה־

טאָגען און זי הויבט אָן גלייך אַרבייטען מיט חאַשען. חאַשען ווערט נמאס אַוועקטרייבען איהר, און ביידע וויבער אַרבייטען מיט איין פּלייס, מיט איין חשק, אויסרעדענדיג איינע פאַר די אַנדערע די טרויעריגע הערצער

און קיינער, קיינער, זעהענדיג ווי זיי אַרבייטען ביידע, וואָלט ניט דערקענט ווער איז דאָ די בעל־הבית'טע און ווער איז די געדונגענע...

XIV.

דער שמעק טאבאק.

אין דעם קלײנעם שטעדטעל קאניוויקע געפינען זיך פינף גרויסע שוהלען, נאר די גרעסטע ראלע שפּיעלט דארט „דער קלײנער בית־המדרש", ווײל אין איהם דאווענט דער שטעדטעלשער ערשטער גביר, ר' יעקב סינקעס. שאצען שאצט דאס שטעדטעל דעם גביר'ס פערמעגען אין צוויי הונדערט טויזענד רובל, נאר א מאה־אלף האט ער טאקי געהאט, און פאר קאניוויקע וואלט גענוג געווען א פיערטעל פון דעם, אום צו שפּיעלען א גבירישע ראלע. דערפאר דאווענען טאקי „אין קלײנעם בית־המדרש" די שענסטע בעלי־בתים, אויך די שטעדטעלשע כלי־קדש, ווי למשל דער רב, דער שוחט, דער בעל־טאקסע, א פאר פרושים, וואס „דיענען" שוין באלד א יאהר צעהן אין דער קהלה.

צווישען די אלע שענע יודען האט דא געדאוועט גרונם דער דרדקי מלמד, וועלכער איז דא געווען עפּיס ווי א פינפטער ראד צום וואגען. פון קינד־וויי אויף א דערשלאגענער, האט ער קיין מאל נישט געהאט דעם מוטה ארײנמישען זיך אין א שמועס שבת נאכ'ן דאווענען, וואו דער ראש־המדברים איז געווען דער „גביר". ער האט אפילו ניט געוואגט אנבויגען דעם קאפּ אויף א זייט און צו־לעגען דעם אויער עפּיס הערען. פון ווייטען פלעגט ער נאר שטעהן און שלינגען יעדעם ווארט, וואס געהט ארוים פון גביר'ס מויל. א שפּאס וואס יעקב סינקעס דערצעהלט זיך און! דא דערצעהלט ער פון גראף צאפּסקי, מיט וועלכען ער איז שטארק „נע־

קנעפּעלט״ און איז בײַ איהם כּמעט אַלע וואָך, ווי אַזוי דער דאָזיגער גראַף האַלט חשוב אַ יודען. גאָך דער מעשה גערט ער איבער צום קורס, ווען דער רוסישער רובעל הויבט זיך און ווען ער פאַלט; (גרונם קען עס בשום אופן ניט פערשטעהן: ער ווייסט דאַכט זיך, אַז אַ רובעל איז אַלע מאָל אַ רובעל! ער וויל עס פרעגען, נאָר ער האָט קיין העזה ניט). ווייטער דערצעהלט ער פון זיין נסיעה קיין קעניגסבערג יענע וואָך, וואוהין ער האָט „אָטפּראַווערט אַ טראַנספּאָרט״ געהילץ; ווי אַזוי ער האָט צוריקפאָהרענדיג זיך בעקאָנט מיט אַ פּוילישען גלח, האָט געהאַט מיט איהם אַ ויכּוח וועגען אֱמונה, און ער האָט דעם גלח מנצח געווען... און נאָך אַזוינע טויזענדער מעשיות, וואָס נאָר אַ נגיד קען עס וויסען, אַ גביר, וואָס פיהרט געשעפטען מיט די גרעסטע שררות און קיין זאַך איז פאַר איהם ניט צו שווער...

גרונם וואָלט אָבגעגעבען אַ האַלב לעבען, נאָר אויסרעדען אַ מאָל חאָטש איין וואָרט מיט'ן גביר, ער וואָלט זיך מחיה געזוען... ער פּרובט עס אָבער קיינמאָל נישט: דאָס גבירישע געשטאַלט, די הויכע געוויקס, דער גרויסער בויך לאָזט עפּיס ניט צו; דאָס קלאָר פול פּנים, דער שטרענגער קוק וואַרפט אָן אויף גרונם'ן אַ פּחד. ער וואונדערט זיך נאָר אויפ'ן שוחט'ס גבורה, ווי אַזוי יענער שטעהט אַ מאָל גאָר נאָהנט נעבען גביר און וואַרפט אַריין אין שמועס אויך אַ וואָרט... „מען דאַרף טאַקי האָבען, טראַכט גרונם דאַמאָלס, אַ שוחטישע האַרץ צו פּועל'ן דאָס בײַ זיך... איך קען דאָס נישט!״...

און גרונם וועלכער דאַווענט שוין באַלד פופצעהן יאָהר אין „קלייינעם בית־המדרש״, האָט נאָך קיינמאָל מיט'ן גביר קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. נאָך קיינמאָל די זכיה נישט געהאַט און האָט עס אַפילו אין זינען נישט. ווען? ווי אַזוי? סײַדען ער זאָל ווערען אַליין אַ נגיד, נאָר פון וואָס קען ער רײַך ווערען? פון די דרדקי־יונגלעך?

דאָך די לעצטע צײַט האָט גרונם אָנגעהויבען צו טראַכטען וועגען רעדען עפּיס מיט'ן גביר, און נישט גאָר רעדען, נאָר טאַקי שטאַרק אַ שמועס טהון...

בײַם רעיון וועגען שמועס, קומט איהם דאָס בלוט גלײַך אַרײַן

אין פנים, דאָס האַרץ — קלאַפּט ווי בײַ אַ גזלן, וואָס נעהט הרג'נען אַ מענשען. אַ שפּאַס! ער דאַרף פיהרען מיט'ן גביר אַזאַ וויכטיגען שמועס! ער וויל בעטען דעם גביר'ס אייניקעל, וואָס הויבט דעם זומער אָן צו לערנען, צו זיך אין חדר אַריין. בעטען אַ יונגעל אין חדר איז בײַ גרונם'ן אַפילו ניט קיין נײַס: אַלע „זמן" בעט ער אַזוי אַיין צוואַנציג תלמידים, און האָט שוין דערויף אַנ'אויסגעאַרבײַטען „נוסח", נאָר וואָס גלײַכט מען? מיט פּשוט'ע בעלי־בתים מאַכט נישט אויס, ווי אַזוי מען רעדט, אָבער מיט אַזאַ גביר דאַרף מען דאָך וויסען וואָס צו רעדען, איין איבעריג וואָרט, חלילה, קען אַוועק־הרג'נען אין גאַנצען...

און פון פורים אָן ביז פסח קומט פאַר בײַ גרונם'ן אין האַר־צען אַ גרויסע מלחמה. ער וויל אַרײַננעהמען אַ גרויסען גענעראַל אין פלען, און ווײַס נישט אויף וואָס פאַר אַנ'אופן און האָט סתם מורא...

נאָר אָט איז שוין פסח! אויב ער וועט די טעג נישט צו־געהן איז שוין פערפאַלען, פערשפּיעלט דאָס גליק אויף אייביג! און אַ קלײַניגקײַט וואָס פאַר אַ גליק דאָ וואָלט געווען! דעם גביר'ס אייניקעל לערנט בײַ איהם!... ערשטענס דאָס געלד: ער וואָלט אַודאי געצאָהלט פונפצעהן קערבלעך, אויב נישט די גאַנצע צוואַנ־ציג. הײַנט דאָס צאָהלען שמועסט מען דאָך נישט — פאַראויס אַ צעהנ־רובעלדיגע!... הײַנט דער כבוד אַליין, וויפיעל איז ווערטה דער כבוד?...

און גרונם'ן פערטראָגט דער כח הדמיון ווײַט:

— וואו לערנט ר' יעקב'ס אייניקעל, ר' גרונם?

— וואָס הײסט „וואו"? איהר ווײַסט גאָר נישט? אַ שענע מעשה? ער לערנט בײַ מיר, בײַ מיר טאַקי! וואָס דען האָט איהר געמײַנט: ער וועט איהם צו אַנ'אַנדערן מלמד אַוועקגעבען? מעהר וואָלט איהם ניט פעהלען?...

אַ גליקליכער שמײַכעל בעשײַנט זײַן שוואַרץ פנים, נאָר ער גיט אַ קוק אויפ'ן גביר און פון גאַנצען דמיון ווערט אַש! דאָס בלוט ווערט אין איהם פערקיהלט פאַר שרעק: „ווי אַזוי געהט מען צו"? וואו נעמט מען אַזעלכע געזונדטע פּיס, זיי זאָלען קענען אײַנשטעהן

בשעת מעשה, וואו נעמט מען אזא הארץ, וואס זאל אזוי ניט קלאפען?...

און אט איז שוין די „אנדערע טעג" פסח! היינט מוז ער צו-געהן, ער מעג אפילו וויסען, אז ער וועט דערפון זיכער שטארבען! ער מאכט אנ'ארדנונג מיט זיינע געדאנקען און גרייט זיך צו, ווי אזוי צו רעדען נאכ'ן דאווענען.

— „גוט יום־טוב", ר' יעקב!... מאכט ער א רעפעטיציע — דאך בעקלערט ער: עס איז צו פראסט: „גוט יום־טוב, ר' יעקב!"... אזוי זאגט מען דאך אלעמען, היינט וואס איז דער חילוק? איך וועל בעסער זאגען: „א גוטער יום־טוב, ר' יעקב!"... עס געפעלט איהם ווייטער נישט: ער געדענקט, שמחת־תורה האט זיך לייבע דער שוסטער איינגעשכורט פלעגט ער אזוי שרייען ווען ער פלעגט נאר בעגעגענען... ביי איהם בלייבט, אז ער וועט טאקי זאגען „גוט יום־טוב", נאר ווייך און שטיל...

— גוט יום־טוב — דעקלאמירט ער...— יא, אזוי וועט זיין גוט.

ער גרייט זיך ווייטער צו:

— איך האב געהערט זאגענדיג, אז אייער איניקעל, זאל זיין אויף לאנגע יאהר (דאס וועט דעם גביר זיכער געפעלען ווערען) הויבט אן אין א מולדיגער שעה היינטיגען זומער צו לערנען... איך בין גרונם דער מלמד... ביי מיר לערנען די שענסטע בעלי־בתי'שע קינדער. . איך בעט אייך, ר' יעקב, (אפשר מורנו ר' יעקב? — פליהט איהם דורך אין קאפ) גיט מיר אייער איניקעל, צוליעב שכנות — מען דאווענט צוזאמען...

נאר דאס לעצטע געפעלט איהם נישט. וואס פאר א שכן ביזטו מיט מיר מלמד איינער — דו דאווענסט נעבען טהיר און איך נעבען ארון קדש...

ער זוכט אנ'אנדער נוסח: „צוליעב אלטע בעקאנטשאפט"... פוי, נאך ערגער, שפייט ער אויס — „א נייער בעקאנטער" וועט ער זאגען און גאר אין כעס ווערען.

ענדליך געלינגט איהם צו פערבייטען אזוי:

— איך בין א גרויסער „בעל־פועל", אין איין „זמן" פאדרט

מען בײַ מיר אַרײַן אין עברי, טאַקי רעכט אין עברי! איך האָב דערצו אַ בעזונדער למוד.

ער קלערט איבער דאָס זעלבע נאָך אַ מאָל און געפינט, אַז עס איז גוט, נאָר „פאַהרט מען בײַ מיר אַרײַן" איז עפּיס מעשה „בעל־עגלה"...

ער זוכט אַנ'אַנדער נוסח:

— אין איין „זמן" לערן איך אויס עברי על־פּי דקדוק. — דאָס געפעלט איהם שוין אין גאַנצען און ער האָפט, אַז דער גביר וועט איהם מיט גאָטס הילף ניט אָבזאָגען.

נאָכ'ן דאַוונען לעגט ער זיך איבער און בעשליעסט זיך פעסט צוצוגעהן. ממה־נפשך — שטאַרקט ער זיך — יאָ — יאָ, ניט — ניט! אין קאַשע וועט ער מיך דאָך נישט אויפעסען.

די שענע בעלי בתים זאָגען שוין דעם גביר גוט יום־טוב, מען וואַרפט זיך איבער נאָך מיט איניגע ווערטער, און מען געהט זיך פונאַנדער. קײַן וויכטיגעס האָט די לעצטע טעג ר' יעקב נישט צו דערצעהלען, עס האָט זיך איבער יום־טוב אויסגענומען. און דער גביר האָט שוין בדעה אַרויסצוגעהן, ער דאַרף נאָר צונויפלעגען דעם טלית.

גרונם רוקט זיך ווי אַ שאָטען... די פיס ברעכען זיך אונטער איהם.

— מען דאַרף נעמען אַ שמעק טאַבאַק בײַ דעם שמש, דאָס וועט מיך אפשר מוטהיגען, בעשליעסט ער.

— זײַט מוחל שמש — ווענדט ער זיך מיט אַ האַרץ־קלאַפּעניש צום שמש — גיט אַ שמעק טאַבאַק.

דער שמש נעמט אַרויס פונ'ם בוזעם דאָס פושקעלע, גרונם רוקט אַהין אַרײַן די צוויי פינגער, פאַרשיט אַביסעל אויף דער ערד, נאָך דעם גיט ער אַ שטאַרקען שמעק, ניט נאָך זײַן געוואוהנהייט און טראַכט זיך: „זאָל זײַן, רבונו של עולם, צו רפואה!" און לאָזט זיך געהן קעגען גביר, ווי שכור...

אָט שטעהט ער שוין נעבען ר' יעקב'ן.

— גוט יום־טוב, ר' יעקב — רעדט ער קוים אַרויס.

דער גביר שטעלט אויס פערוואונדערט אויף גרונם'ן די אויגען און פרעגט:

— וואָס וועט איהר זאָגען?

„ע, ער לאָזט זיך דאָך רעדען — טרייסט זיך גרונם — שטיי־פער, שטייפער! נאָר נישט געשראָקען זיך", און ער פאַסט זיך מוטה ווייטער צו רעדען:

— איך... האָב... אַ פּ ש ש ש ש — צעניסט ער זיך פּלוצים, די אויגען ווערען איהם פול טרערען, און פערשפּריצט דעם גביר'ס באַק און פּנים...

— טפוי! וואָס איז דאָס פאַר אַ מין מיאוסער יוד! — ווערט ר' יעקב אויפגעבראַכט און מיט עקעל ווייזט ער מיט דער האַנד — גערעט איך, גערעט איך ווייטער! איך האָב מיט איך קיין געשעפטען נים!... פוי... אין פּנים ניסט ער... וואָס אַ לומפּ נים קען, שמש!

דער שמש פליהט אונטער, ווי נים לעבעדיג.

— ווער איז ער אַט דער שוטה! פרעגט דער גביר, קוי־קענדיג ביז אויפ'ן שמש

— אַ מלמד... אַ דרדקי־מלמד — ענטפערט דער שמש דער־שראָקען.

— ס'איז אַ מין שוטה! אין פּנים אַריין ניסט ער... אַ מין פּרא־אָדם!.. פוי!...

— היינט נעה צורייס זיך — האָט גרונם, אַרויסגעהענדיג מיט בזיונות פון דאַוונען, גערעדט מיט זיך אַליין — קיינמאָל שמעק איך נים קיין טאַבאַק, היינט האָט זיך מיר גראָד פערגלוסט אַ שמעק מהון. אַ נייע רפואה!... אַזוי וואָלט דאָס איניקעל ביי מיר גע־ווים געלערנט, געווים, געווים! דער שמעק טאַבאַק האָט מיך געהרג'ט...

XV.

דֶער פֶּערְבִּיטֶערְטֶער.

— גענוג דיר שוין צו פּאָפּען! האָט בּעֶרל'עֶן — אַ יונגעֶל פון 18 יאָהר — געוועֶקט די שוועֶסטעֶר, אַ מײדעל פון אַ יאָהר 27.

בּעֶריל האָט שוין אייגענטליך אַלײן געֶרעֶכעֶנט אויפשטעהן, נאָר אַ קוק געֶבּענדיג אויף דעֶר שוועֶסטעֶר, אויף איהר ברוגז'דיגען פּנים, האָט זיך איהם ניט געוואָלט איהר נאָכגעֶבּעֶן און עֶר האָט זיך איבּעֶרגעֶדעֶקט מיט דעֶר קאָלדרעֶ.

דאָס האָט די שוועֶסטעֶר גערײצט: זי איז שוין מיט 3 שעה צוריק אויפגעשטאַנען, שוין אַ האַלבּעֶ קלײדעל אויפגענעהט און זי האָט זיך צושריען:

— שטעה אויף, פוילעֶר הונד! איך שלעֶפּ דיך אַראָב פאַר די פיס.

פאַר די פיס האָט זי איהם נאָך ניט געֶשלעֶפּט, נאָר בּעֶרלען האָט זיך עפּיס געדאַכט, אַז זי שלעפּט איהם שוין, און עֶר האָט אָנגעהויבּען וואַרפען מיט די פיס און שרײען:

— געהסט אַוועֶק, צי ניט — וואָרום איך גיב דיר אין די צײהנעֶר.

— אוי, רבונו של עולם, זאָל מען איהם שוין „אָבּהויבּען”! האָט זי זיך צעֶזוונגען:

— עֶס הויבּט זיך שוין אָן! האָט די אַלטע מוטעֶר גע־זופצט. זי איז צוגענאַנגען צו זײן בּעט און האָט ווײך געבּעטען איהם:

— שטעה אויף, מיין זוהן, וויפיעל איז דער שיעור צו שלאָפען! באַלד קומט שוין ב ײ ל ק ע אַרבייטען.

דער מוטערס ווייכער טאָן און דאָס, וואָס ב ײ ל ק ע קומט באַלד צו געהן האָבען געווירקט און ער האָט בעשלאָסען אויפצושטעהן, נאָר כדי די שוועסטער זאָל ניט אויספיהרען, איז ער נאָך געבליבען ליגען אַ ווײַלע.

— אַ תכשיט'ל! האָט זיך די שוועסטער געווענדט צו די מוטער מיט כעס — ווי זי רעדט דאָס מיט איהם: פונקט, ווי מיט אַ בן יחיד'ל...

די אַלטע מוטער האָט דערויף גאָר נישט געענטפערט. זי האָט נאָר אַ זיפץ געטהון, בערלען האָט דער זיפץ אַ שטאָך געטהון. „אַ רחמנות אויף די מאַמען" — האָט זײַן גאַנצעס וועזען דערפיהלט, און ער האָט זיך אויפגעהויבען.

די שוועסטער האָט זיך געזעצט נעהען און געמורמעלט עפּיס מיט כעס. בעריל האָט גאָר נישט געקענט בענעהמען וואָס זי רעדט, דאָך האָט ער געוואוסט אויף זיכער, אַז דאָס מורמלען בעלאַנגט אָן איהם און אין הארצען האָט איהם שוין אָנגעהויבען צו זידען.

— איך וועל זיך מיט איהר אָברעכענען!

עס איז אַריין דער שוועסטערס אַרבייטאָרין בײלקע, אַ יונגע שלאַנקע בראָנעטין, מיט טיעפע קלוגע אויגען. דערזעהענדיג בערלען נאָך ניט קיין געוואַשענעם, האָט זי זיך צעלאַכט מיט אַ פרעהליכען געזונדטען געלעכטער:

— אַזוי שפּעט, שענער מענש, שלאָפט מען עס? אַ גאַנצער פּריץ! שעמען וואָלט איהר זיך! איך האָב שוין אָבגעגעסען!...

— ניט אייער דאגה! האָט בעריל אָנגעבלאָזערנערהייט איהר געענטפערט. אַרײַנקוקענדיג אָבער אין איהרע צוויי שעהנע אויגען און אין איהר לאַבענדיגען פּנים, האָט ער הרטה געקריגען אויף זײַן ברוגז'דיגען טאָן: ציים זי אַרבייט ביי דער שוועסטער, קלויבט ער זיך אַלץ צו אויסצודריקען איהר זײַן ליעבע, און שטענדיג ענטפערט ער איהר גראָב. זי מוז איהם געוויס פיינד האָבען...

דער געדאַנק ערגערט איהם, ער ווערט צורייצט און וויל, אַז די שוועסטער זאָל איהם ווידער עפּיס פערטשעפּען, ער זאָל קענען דעם כעס אויסלאָזען.

נאָר די שוועסטער גיעט אַרוים בײַלקען עפּיס אַנ'אַרבייט און קוקט ניט אַפילו אין זיין זייט. אַ דענערווירטער געהט ער זיך וואַשען אין אַ ווינקעל. ער שטעהט ביי'ן וואַסער און שרייט:

— אַ האַנטטוך!

קיינער ענטפערט איהם ניט.

— אַ האַנדטוך!! — טופּעט ער מיט די פיס.

— ביזט ניט קראַנק צו זוכען, — ענטפערט די שוועסטער.

ער וויל איהר עפּיס ענטפערן, נאָר זיין כעס איז אַזוי ווילד, אַז ער וויים ניט וואָס פאַר אַ וואָרט ער זאָל איהר אַ וואָרף טהון, און אַנ'שטאָט אַ וואָרט וואַרפט ער איהר עפּיס אַ שטיקעל העלציל.

— מאַמע! שרייט די שוועסטער — נעם צו דעם גזלן, ער לאָזט מיך ניט אַרבייטען!

— מיאוס, בעריל, פע! קרימט זיך ביילקע.

בערלען ווערט פאַר חרפּה הייס אין קאָפּ. „מיאוס, זאָגט זי — מיאוס!” זי איז גערעכט! טאַקי מיאוס, — פע!”...

און ער וויל איהר זאָגען, אַז ער איז ניט שולדיג דערין; אַז אַלע נאַכט וויינט ער, וואָס ער צאַפּט דער שוועסטער אומזיסט דאָס בלוט! אַז, פערקעהרט, ער איז גאָר אַ גאַנץ גוטער: אַט האָט ער נעכטען אַנ'אָרעם־אָבגעריסענעם יונגעלע די לעצטע צוויי קאָפּיקעס אַוועקגעגעבען... דאָס יונגעלע האָט אַזוי געוויינט; ער איז גאָר קיין גזלן ניט. באשר עס הויבט זיך אָן דער ווינטער אָן איהם האָט מען פאַר אַ מאַליער געמאַכט, און ער וועט מוזען אַ גאַנצען ווינטער זיטצען אין דער היים און עסען דער שוועסטערס פּראַצע... זאָגען דאָס אָבער אַלץ, קען ער ניט — עס וועט אַרויסקומען גאָר נישט „דאָס”. „וואָס איז שולדיג די שוועסטער, אַז דו האָסט קיין אַרבייט ניט?”... און זיין הארץ בלוטיגט זיך, וואָס די שענע ביילקע האָט פון איהם אַזאַ מיינונג:

„ביילקע, ביילקע! ווילט זיך איהם אויסשרייען — האָב רחמנות!” ער גיעט אָבער אַ קוק אויף ביילקען, אויף די שוועסטער.

אויף די מאמען און זעהט אין יעדערענס אוינען פערראכטונג צו איהם, זיין כעס פלאמט ווידער אויף, און ער זוכט מיט געוויש דאס האנדטוך.

נאכ'ן אבווישען זיך שטעלט ער זיך דאווענען, ער טהוט אן די תפילין און מורמעלט עפּיס. דעם „פירוש המלות" ווייסט ער נים און נישט קוקענדיג, וואס ער האט צייט, איז איהם דאס גאנצע דאווענען א משא, איבערהויפּט דריקט איהם דער „של ראש".

— „עפּיס א גרויסער „של־ראש", — טראכט ער מיט כעס — אפילו קיין רעכטע פּאר תפילין האט מען מיר ניט געקויפט, א קלאג נאך זיי!"...

אין 5 מינוט ארום חאפּט ער אראב מיט כעס די תפילין...

די שוועסטער צושרייט זיך מיט איראניע, ווענדענדיג זיך צו בייליקען:

— זעהסט — ער האט שוין אבגעדאווענט! מאמע! זעהסט דיין „צדיק", ער איז שוין פערטיג!

בעריל האט שוין אייגענטליך אליין חרטה, וואס ער האט אזוי גיך די תפילין אראבגענומען: דאס רעליגיעזע געפיהל איז ביי איהם גאנץ שטארק, פאר'ן יודישען גאט ציטערט ער, נאר די בעמערקונג פון דער שוועסטער צורייצט איהם אזוי, אז ער וואלט זיך געוואלט נוקם זיין אן איהר און ער ענטפערט גראב:

— איך לאך פון דיר מיט'ן דאווענען צוזאמען!..

— לאך, לאך! ענטפערט די שוועסטער קאלט — איך וועל דיר עסען ניט געבען...

— דו וועסט מיר עסען ניט געבען?! דו?! צוקאכט ער זיך מיט א העליש פייער און שפּרינגט פון הויט שיער ניט ארויס. ער פיהלט אבער, אז ער קען דא גאר נישט מאכען: זי איז די פערדיענערין, זי שפּייזט די מאמען אויך... און מיט פערלאפּענע אויגען שטעלט ער זיך אוועק מיט'ן פּנים צום פענסטער, קלערענדיג שוין וועגען פריהשטיק. עס הויבט איהם שוין אן ציהען דאס הארץ. ער דערמאהנט זיך אן זומערדיגע פריהשטיקס... א היים איז ער ניט געגאנגען פריהשטיקען. ער האט פיינד, די מאמע זאל איהם קארגען... ער פלעגט אריינגעהן אין א קאפע הויז און א לעב טהון.

אָמת, בשעת ער פלעגט טרינקען די קאַפּע און עסען די פּוטער־קוכען, פלעגט איהם דאָס האַרץ אַ ביסעל וועה טהון: „די מאַמע איז אַן אַלמנה, בעסער וואָלט ער איהר אַ וועקגעגעבען"! ער פלעגט זיך אָבער פערטהיידיגען מיט דעם, וואָס ער האָרעוועט זעהר שווער: אין סכנות שטעלט ער דאָס לעבען, אויפ'ן פינפטען שטאָק קריכט ער, און טאָמער ווערט ער גאָר געהרג'ט... אָ, איצט וואָלט איהם די מאַמע גאָר ניט געאַרט. ער וואָלט נאָר געלד געהאַט, וואָלט ער אויף צו להכעיס געגאַנגען פריהשטיקען אין אַ קאַפע־הויז. איצטער פערדיענט ער אָבער ניט — עס איז ווינטער, קיינער מאָלט ניט און דער שוועסטערס פריהשטיק מוז ער עסען... אַח, ווי עס ציהט אין האַרצען...

— באַלד וועל איך בעטען עסען, קלערט ער — וואָס האָב איך מורא פאַר איהר? וואָס איז זי דאָ פאַר אַ בעל־הבית'טע?

— איך וועל ביי איהר גאָר ניט בעטען... ביי דער מאַמען וועל איך בעטען...

— מאַמע...

ער קען אָבער ניט אויסרעדען זיין בקשה ווייטער און איהם טהוט הנאה, וואָס די מאַמע האָט ניט דערהערט

אין אַ ווײַלע אַרום שרייט ער אוים מיט גוואַלד:

— מאַמע, גיעב מיר אַ גלאָז טהיי!

— ניטאָ שוין קיין טהיי! ענטפערט די שוועסטער. האָסט געזאָלט אויפשטעהן פריה, פריץ מיינער!

ער וויל איהר עפּעס ענטפערן. ער דערמאָהנט זיך אָבער, אַז זי איז פאָרט איצטער דער תקיף — דאָס ביטעלע מיט געלד ליגט טאַקי ביי איהר.

„פערפאַלען!"...

און ער דערמאָהנט זיך, אַז אַזוי וועט זיך ציהען דער גאַנצער ווינטער — אַ גאַנצען ווינטער וועט ער אומגעהן לעדיג! אַ גראָשען ניט פערדיענען — אַ גאַנצען ווינטער וועט ער זיצען אויף דער שוועסטערס קאַרק — זי וועט זיין די פערדיענערין, די „בעל־הבית'טע", די שפּייזערין; איהר וועט די מאַמע גלעטען, חנפה'נען, פרעגען אַלע ווײַלע: „וואָס ווילסט דו מיין טאָכטער?" און ער וועט זיין אַן אָבריגער, אַ הונד.

„א הונד! א הונד!" רייצט ער זיך מיט זיך אליין אין געדאנק און פאר צארען וואלט ער וועלען טהון עפּיס א ווילדע זאך. מיט עפּיס נוקם זיין זיך אן עמיצען..

— מיר ווילט זיך שוין עסען! ווענדט זיך אין א האלבע שעה די שוועסטער צו דער מוטער.

אין איהר טאן שטעקט דער שטאלץ פון א מענשען, וואס ווייס, אז זיין עסען פערדיענט ער; עס קומט איהם. און בערלען שטעכט דער טאן, איהם דאכט זיך, אז זי וויל גאר ניט עסען, נאר זי רייצט זיך מיט איהם..

די מוטער דערלאנגט איהר א גלאז קאווע מיט בוטער-ברויט.

— גיעב מיר אויך עפּיס עסען! ברומט בעריל, ווענדענדיג זיך צו דער מוטער.

— ווארט מיין זוהן, באלד! ענטפערט די מוטער ווייך. בערלען דאכט זיך אבער, אז די ווייכקייט איז א געמאכטע, זי, די מאמע, האט א סך ליעבער די שוועסטער און נאר דערפאר, וואס די שוועסטער פערדיענט ווינטער אויך, — און דאס, וואס זי ענטפערט איהם ווייך איז נאר דעריבער, כדי ער זאל דער שוועסטער'ס פריהשטיק ניט שטערן, — און ער פלאקערט אויף:

— עסען גיעב!

— זעה אויפ'ן פריץ! צובייזערט זיך די שוועסטער, זופּענדיג די קאווע — זומער פרעסט ער אויף דאס גאנצע פערדיענסט און איצטער קומט ער עסען מיין פראצע; געה פערדיענען!

בעריל וויל איהר ענטפערן: משוגענע, וואס רעדסט דו — עס איז דאך ניטא קיין ארבייט, עס איז דאך ווינטער, פערשטעהסט, ווינטער!... ער וויל זיך אבער גיט פערענטפערן פאר איהר, עס דערלאזט איהם ניט זיין שטאלץ. דער כעס זיינער פלאקערט אלץ שטארקער און שטארקער, ער קען ניט איינשטעהן, עס הויבט איהם פון ארט, עפּיס שטעכט איהם אין די ביינער און אין מיטען ברוסט קיצעלט עפּיס אמאדנע חיה'לע... ער געהט אום הין און צוריק ווי צעמישט, ווייס זיך ניט צו וואס צו חאפּען, גיעט

פלוצים א שפרונג צום טיש און גיעט א זעטץ איבער איהם מיט א ווילדען געשריי:

— וואס האט איהר מיך געמאכט פאר א מאליער! א קלאג זאל איך חאפען!...

זיי בלייבען אלע שטיל. די שענעביילקע שטעלט אויף איהם אויס די אויגען, האלטענדיג די נאדעל אין דער אונבעוועגטער האנד. בערלען דאכט זיך, אז ער האט געטראפען: ביילקען געפעלט עס, זי גיעט איהם אין הארצען געוויס גערעכט! ער איז דערפון צופריעדען, און כדי ער זאל בלייבען דער גערעכטער, ער זאל זיך ניט אויסרעדען עפעס צוריק א נארישקייט, לויפט ער ארויס אויפ'ן גאס ניט קיין געגעסענער...

— „פאר א מאליער האבען זיי מיך געמאכט!" ברומט ער לאזענדיג זיך געהן איבער'ן גאס. איהם דאכט זיך, אז ביילקע שטעהט דערביי, קוקט איהם אן ערנסט מיט איהרע שווארצע אויגען און גיעט איהם גערעכט: „אודאי זענט איהר ניט שולדיג!"...

ער בלאנזשעט איבער די גרויסע, לאנגע גאסען. ביסלעכ־ווייז ווערט זיין כעס קיהלער. און דאס פערדריסט איהם: בשעת כעס פיהלט ער זיך גערעכט; ווי דער כעס ווערט אבער געקיהלט, בעווייזט זיך אין הארצען גלייך די חרטה און זי נאגט איהם.

ער האט אייגענטליך די שוועסטער גאר ניט פיינד. זי איז דאך אן'ארעמע שוועסטער, עס איז אויף איהר א ביטערער רחמנות, א ביטערער צער! זי איז שוין אן'אלטע מויד. אין די שלייפען ביי'ן שטערן זעהען זיך שוין ביי איהר געלע אדערלעך. ער וואלט אזא כלה ניט וועלען בשום אופן... און דער געדאנק רופט ביי איהם ארויס נאך מעהר רחמנות אויף די שוועסטער, איהם דאכט זיך, אז זי וועט אייביג זיצען, אייביג הארעווען...

„וואס האב איך צו איהר?" וויינט אין איהם דאס הארץ — „זומער, אז איך פערדיען, פערשווענד איך דאס גאנצע געלד, איך געה אין פארק, אין צירק אין קנייפעס... איך לעב א טאג און זי זעהט קיינמאל די וועלט ניט. פון 13 יאהר אן הארעוועט זי און קלויבט אויף נדן... ביי נאכט וויינט זי שטענדיג פון שלאף, איך הער און עס שניידט מיר אין הארצען — איך וויים — זי וויל חתונה

האָבען... פיער חתנים האָבען איהר שוין די תנאים אָבגעשיקט, מען פערצאַפּט איהר דאָס בלוט, געהרג'ט זאָלען זיי ווערען, די „לאָבוסעס"...

ער ווערט אויפגעבראַכט אויף די שוועסטערס חתנים, ער וואָלט זיי יעצט בעגעגענט וואָלט ער זיי געהרג'ט... און דער שוועסטער איז ער אַלץ מוחל, ער פיהלט זיך אין גאַנצען אומגערעכט געגען איהר. ער בעשליסט זיך זי איבערבעטען.

ער בערעכענט זיך אָבער, אַז איבערבעטען וועט ער ניט קענען, דאָס איז אַ שווערע זאַך, דאָס איז עפּעס מיאוס: גלאַט פלוצים אין מיטען דערינען: מיין ליעבע שוועסטער!... ניין! ער וועט אַזוי אונבעמערקטערהייט ווערען בער־ער צו איהר, וועגען עסען וועט ער קיינמאָל ניט רעדען, וועט זי געבען — איז גוט, ווען ניט... נאָר אַ נאַרישקייט, זי וועט דען עסען ניט געבען, זי זשאַלעוועט מיר דען? זי איז נאָר אויף מיר אין כעס, אַז איך קריעג זיך מיט איהר, אָבער אַזוי... יאָ אַזוי בלייבט עס! קיינמאָל זיך ניט קריגען מיט איהר ווערען מיט איהר אין גאַנצען גוט. ער וועט נאָך פאַר איהר אַ חתן אויך קריגען... ער וועט זומער אָנהויבען אַרבייטען, וועט ער קלויבען אַ קאָפּיקע צו אַ קאָפּיקע און וועט בעצאָהלען פאַר'ן ווינטער... עס איז טאַקי קיין תכלית ניט צו עסען איהרע אומזיסט... ער וועט זי זומער בעקאַנט מאַכען מיט זיינע חברים און וועט זי נעמען אין פאַרק, אומעטום, זאָל זי האָבען פערגניגען אויך, די אָרעמע שוועסטער...

איבערפילט מיט מיטלייד צו דער שוועסטער, אַ בערוהיגטער, שפּאַציערט ער איבער די גאַסען. עס גיעט דערווייל אַ לייכט די ווינטער־זון אויף אַ רגע; בעריל דערפיהלט דעם זומער און אַ וואַרעמע האָפנונג נעמט איהם דורך. בייקלעס שען־פּנים לויפט איהם דורך פאַר די אויגען...

— ניש־קשה! מוטהיגט ער זיך אַליין — דער ווינטער וועט אַריבערגעהן, איך וועל שפּעטער אַלץ פערריכטען!

און אַ בערוהיגטער, אָהן אַ שפור פון צאָרען, לאָזט ער זיך געהן צוריק אַהיים.

צוגעהערנדיג אָבער צו דער טהיר, איז זײַן רוהיגקײַט פערשוואונדען, דאָס האַרץ האָט זיך אָנגעהויבען וואַרפען און דער זומער, וואָס דאַרף קומען, האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט ווײַט, הינטער הויכע ריזיגע בערג. ער האָט נישט געקענט די טהיר עפענען, און ער איז אַ היבשע ווײַלע בײַ'ן טהיר געשטאַנען, האַלטענדיג פאַר'ן הענדטעל.

ענדליך האָט ער זיך געשטאַרקט, האָט די טהיר אַנ'עפען געטהון און האָט זיך שטיל אין שטוב אַרײַנגערוקט. די שוועסטער איז געווען פערנומען מיט עפּיס אַ פּרוי, וואָס האָט זיך געלאָזט אַ מאָס אַראָבנעהמען. דאָס האָט איהם געפרעהט. ווען ניט די פּרוי, האָט זיך איהם געדאַכט, וואָלט איהם געווען זעהר ניט בעקוועם צו בלײַבען דאָ: די שוועסטער'ס און בײַלקעס בליקען וואָלט איהם שווער געווען צו פערטראָגען.

נאָר אָט געהט די פּרוי אַוועק.

די שוועסטער זאָגט עפּיס בײַלקען און איהם בעמערקט זי גאָר ניט, — די מוטער איז ניטאָ!

דער אַלטער צאָרן הויבט איהם אָן ביסלעכווײַז צוריק צו בעהערשען. דער שוועסטערס קאַלטקײַט רײַצט איהם. „זי ווײַסט דאָך, אַז איך האָב נאָך ניט געגעסען! ס'אַ מין שלעכטע זי איז"!

ער גיט אַ הוסט, ווי מיט כעס.

— אַ! בעריל איז דאָ! אַ גאַסט! ווענדט זיך פּלוצים די שוועסטער צו בײַלקען מיט אַ שמײכעל — „עסענקען" זיך איהם פערוואָלט!

דאָס בלוט פונ'ם גאַנצען גוף גיט איהם האַסטיג אַ זעץ אין קאָפּ. די אויגען שפּרינגען איהם שיעור ניט אַרויס: „זי פערשוואַרצט איהם אין בײַלקעס אויגען. זי מאַכט פון איהם חוזק. זי רײַצט זיך מיט איהם, ווי מיט אַ הונד... אַי, אַי. אַי! אַי!..." איהם ווילט זיך פאַר כעס דעם טיש אַ וואָרף טהון מיט'ן פוס, ער שטאַרקט זיך אָבער און מיט אַ פערהאַלטענעם צאָרן פרעגט ער שטיל:

— פאַראַן וואָס צו עסען?

— געזאָלט ניט אַוועקגעהן! ענטפערט די שוועסטער קורץ.

און פון פריהערדיגען רחמנות, פון די חרטה, פון די נע-

דאַנקען בעסער צו ווערען בלייבט ביי איהם ניט קיין זכר; ער ווערט אין גאַנצען בעס און נקמה: אַט די מויד פערביטערט איהם דאָס לעבען, זי רויבט ביי איהם דעם מוטה, ער מוז זיך אָן איהר נוקם זיין. אָבער שטאַרק, זי זאָל פיהלען!... „אַלטע מויד" דאַרף מען אויף איהר אַ געשריי טהון...

מיט בלוטיגע אויגען קוקט ער אויף איהר; אַט — אַט פליהט שוין דאָס וואָרט אַרויס, נאָר דער הונגער איז שוין ביי איהם שטאַרקער פאַר'ן צאָרן און ער האָט מורא צו פערשפּיעלען מיט'ן וואָרט אויף זיכער דעם פריהשטיק... נאָכ'ן פריהשטיק וועט ער זיך אָן איהר נוקם זיין, ניט אַנדערש, „אַלטע מויד!"

די שוועסטער זוכט דערווייל עפּים.

— ווייסט ניט,ביילקע, וואו דער אַרבעל איז?

— אונטער בערלען, דאַכט זיך, זאָגט ביילקע.

בעריל פיהלט, אַז ער זיצט טאַקי אויף עפּים און ער בעשליסט ניט צו לאָזען.

די שוועסטער ווענדט זיך צום בענקעל:

— לאָז נעמען! זאָגט זי ברוגז'דיג, ניט קוקענדיג איהם גלייך אין פּנים.

— וויל איך ניט! ענטפערט ער צורייצט.

— פּוילער הונד! דו לאָזט, צי ניט? שרייט די שוועסטער העכער — איך האָב קיין כח ניט מיט דיר צו עסק'ן.

— דייקא ניט! ענטפערט ער און עס פערדריסט איהם אויף זיך אַליין.

— פע, בעריל! — מוסר'ט ביילקע מיט פעראַכטונג — איהר זענט דאָך גאָר משוגע.

בעריל ווערט בלאַס: „זי האַלט מיך פאַר משוגע, זי איז דאָך געראָבט" — מיאוס, מיאוס! פּויקט איהם אין מח. ער שטעלט זיך נאַרריש אויף.

און דער הונגער און די בעליידיגונגען און דער געדאַנק, אַז עס וועט זיך אַזוי ציהען חשון, כסליו, טבת. שבט, אָדר — אַזוינע

גרויסע חדשים, ווינטערדיגע חדשים!... אז בייביילקען האט ער שוין דעם ווערטה פערלוירען, אז ער טהוט ווי א ווילדער, — דאס אלעס צוזאמען פערמישט זיך, און זיין צארן דערגרייכט די העכסטע שטופע, עס ברענט אין איהם עפּיס אינוועניג, ער מוז עס מיט עפּיס לעשען, ער געהט אום הין און צוריק. און פלוצים שטעלט ער זיך אוועק קעגען דער שוועסטער מיט פערלאפענע אויגען, לאכט זיך ווילד פענאנדער און גיט א געשריי:

— אלטע מויד, ווער וועט דיך נעהמען!?...
אין שטוב איז, ווי א דונער דורכגעלאפען:

ביי דער שוועסטער פאלט ארויס דאס שטיקעל שטאף פון דער האנד, זי קוקט שטארק אויף ביילקען. יענע שמייכעלט דאכט זיך... די שוועסטער הויבט עפּיס אן צו זוכען אויפ'ן טיש...
זי האפט אהן ווערטער דאס שערעל אוןווארפט אויף בערלען.
דא פערגעסט בעריל אן אלץ: אן הונגער, אן לאנגען ווינטער, אן ביילקען — איין מאל פיר אלע מאל, ער וועט צוברעכען די מאשין...

— נא דיר! שרייט ער אויס, א בריאזג געבענדיג די מאשין.

— אי — אי — אי! צעיאמערט זיך די שוועסטער. ביילקעלע, וואס טהוט מען מיט איהם? געה רוף מענשען, לאז מען איהם בינדען.

— טאקי בינדען! זאגט ביילקע העכסט אויפגעבראכט,

— שווייגט! שרייט בעריל — איך פלעט אייך דעם מח.
אויפ'ן טומעל לויפט אריין די מוטער.
— וועה צו מיר, וואס טהוט זיך דא! ברעכט זי מיט די הענד.

בעריל שווייגט און די טאכטער דערצעהלט מיט א הערצענס-רייסענדער שטימע, וואס דא איז געוועזען. גרויסע טרעהרען קאפען פון איהרע אויגען, זי דערצעהלט דעם אמת, נאר בערלען דאכט זיך. אז אין יעדען ווארט שטעקט א גראבער ליגען, א ווילדע פאלשקייט! פאר וואס דערצעהלט זי ניט דעם „עיקר"... פאר וואס דערצעהלט זי ניט פון דעם לאנגען ווינטער און פון נאך און

נאָך . . . זי דערצעהלט נאָר , וואָס עס פּאַסט פאַר איהר , אַז זי זאָל בלייבען גערעכט . . .

און דער שוועסטער'ס וויינענדע שטים , און דער מאַמעס פערצווייפעלטע בליקען ברענגען איהם אַרוים פון געדולד , נאָר ער ווייס ניט , וואָס זאָל ער טהון ; ער האָט שוין אַלץ אָבגעטהון , די מאַשין אַפילו צובראָכען . . . דאָ האָט ער שוין ניט וואָס צו טהון , עסען וועט ער שוין ניט , ביי בּייקען האָט ער זיך פערשוואַרצט . . . ער לויפט אַרוים אויפ'ן הויף , שפּאַרט זיך אָן אין אַ ווינקעל און וויינט זיך בּיטער פּענאַנדער . . .

XVI.

קאַלט.

די צוויי פענסטער מיט די קליינע זעקס שויבען, וואָס קוקען אַרוים אין גאַס, זענען פערפרוירען, פערדעקט גראָב מיט אייז און קוקענדיג אויף די פאַנטאַסטישע קאַלטע בלומען, וואָס זענען אויסגעמאָלט אויף די שויבען, דאַכט זיך, אַז דער פראָסט האָט דאָ זיין גאַנצען טאַלאַנט אַוועקגעלעגט. — אין דעם קליינעם שטיבעלע איז קאַלט און די קעלט איז אַ דריקענדע, עס נאָגט און שרעקט דאָס האַרץ פון די, וואָס געפינען זיך אין שטיבעלע. פריידע, די ווירטהין פון שטיבעלע האָט אַפילו אין דער פריה געהייצט, דער פראָסט איז אָבער צו שטאַרק, אַז פאַר די עטליכע דינע שייטלעך האָלץ, וואָס פריידע האָט אויסגעברענט, זאָל ער זיך דערשרעקען, און אַריינלעגען מעהר האָלץ האָט זי ניט געקענט — פערשווענדען די האָלץ טאָר זי ניט איהר רעכנונג ווייס ד׳ גאַנץ גוט: זי האָט נעכטען פריה איבערגעצעהלט, איז געווען 25 שייטלעך (אייגענטליך איז געווען 26 נאָר 2 זענען געווען אַזוי דין, אַז פריידע האָט זיי גערעכענט פיר איינע) האָט זי נעכטען אין דער פריה אַריינגעלעגט 5 שייט, דאָס האַרץ האָט איהר אַזוי וועה געטהון. היינט פריה אַז דער פראָסט האָט זיך געשטאַרקט, האָט זי אַריינגעלעגט 6 שייטלעך און צוגעוואָרפען שפעטער מיט אַ טיעפען זיפץ נאָך אַ דין שייטעל, טאַקי איינע פון די צוויי דינע, און היינט איז ערשט מיטוואָך. האָט זי נאָך דאָנערשטאָג פריה, פרייטאָג אויף חלה באַקען און ביי טאָג אויף טשאָלענט הייצען.

גאָט ווייס, צי עס וועט אַפילו קאַרגענדיגערהייט קלעקען. וועגען הייצען אויף דער נאַכט איז גאָר ניטאָ וואָס צו רעדען.

און חיים, דער בעל־הבית פון שטיבעלע, איז א יוד א „צעבראבענער", אהן לייב און אהן לעבען. פאר א ווארעם אויוועלע וואלט ער דאס חיות אוועקגעגעבען. און צו ווארעמקייט איז ער שטארק געוואהנט. א מאל, אז ער איז נאך יונגער, געזינדטער געווען און מען האט נאך אזוי ניט געוואוסט פון זיין „שלים־מזל", האבען איהם קרובים „ציינגעמאכט" צו ר' בערע וואלפזאהן אין וואלד פיר א „מענשען". און דאמאלס פלעגט ער האבען ווארעמקייט! די „מענשען" פלעגען דארט קיין האלץ ניט זשאלעווען! מען פלעגט אנ„קאטעוועווען" אנ'אויוועו מיט האלץ, אז מען פלעגט זיך נאכ'ן הייצען צום אויוועו ניט קענען צושטעקען — דאס איז שוין געווען אבער לאנג, מיט צעהן יאהר צוריק... אויף דער שטעלע האט מען איהם לאנג ניט געהאלטען. דער סוחר האט אלץ געוואָרטשעט, אז חיים איז צו עהרליך און וואָרטשענדיג האט ער איהם ענטזאגט. חיים האט שוין דעם סוחר מיט דער שטעלע לאנג פערגעסען, ער האט שוין עטליכע שטעלעס אנדערע געהאט און ער האט זיי אויך פערגעסען, איצטער זיצט ער גאר אהן א שטעלע און פערגעסט דאס אויך... דאס אויוועלע אבער דארט אין וואלד קען ער ניט פערגעסען, דעם גאנצען קאלטען ווינטער שטעהט זי איהם פאר די אויגען; א ווארעמע א פרעהליכע שמייכעלט זי דאכט זיך...

און יעצט, זיצענדיג ביי'ן טישעל און ציטערנדיג פאר קעלט, מאלט זיך פאר זיינע אויגען יענץ אויוועלע ער פערטיעפט זיך אין אלטע דמיונות און מורמעלט ניט ווילענדיג ארוים:

— איצטער האבען יענץ אויוועלע! א דערקוויקעניש!

פריידע דערהערט דאס מורמלען. זי ווייס שוין וועלכע אויוועלע ער מיינט. ניט איין מאל האט זי שוין געהערט פון איהם, ווינטער צייט זיינע התפעלות פון איהר, פריידע פערדריסט זיין לעדיג זיצען און זי קרימט איהם איבער:

— יענץ אויוועלע, יענץ אויוועלע!.. וואלסט בעסער האבען יענע שטעלע, וואלטען מיר דא געהאט א ווארעם־אויוועלע...

חיים מאכט זיך, ווי ער הערט ניט, ער גיט נאר שטיל א זיפץ און ענטפערט ניט. ער האט ניט וואס צו ענטפערן. זי איז אפשר גערעכט! באלד אבער הויבט ער זיך אויף, רייבט די פערפרוירענע הענט און רעדט ארויס פעסט מיט בטחון:

— דער פראָסט וועט לאַנג ניט האַלטען! ער טאָר לאַנג ניט האַלטען! ער וועט אין גיכען פּלאַצען, צום טולד טוז ער פּלאַטצען...

— יאָ, פּלאַצען וועט ער! וויל פריידע ניט איינשטימען — ער קען נאָך האַלטען און האַלטען.

אייגענטליך האָפפט פריידע אויך, אַז דער פראָסט וועט אין גיכען פּלאַצען; טאָמער אָבער, אַ קשיא אויף אַ מעשה, וועט דער אויבערשטער קיין רחמנות ניט האָבען און ער וועט נאָך יאָ האַלטען, וויל זי זיך שוין צוגעוואָהנען צום טרויעריגען געדאַנק.

אין שטיבעל ווערט ווידער שטיל, עס הערט זיך נאָר דאָס קנאַקען פון פראָסט. חיים קוקט צום קאַלטען אויווען, נעבען וועל־כען עס שטעהט אַ קליין־יונגעלע, דאָס מוזיניקעל.

— וואו ביזט דו, בערעלע? פרעגט דער טאַטע?

— איך שטעה בײַם אויווען — קלינגט אוים אַ הײזעריג־קינדעריש קול'כיל.

— בײַ'ן אויווען? פרעגט איבער חיים. ווי ער וואָלט זיך בע־לעקט. נו וואָס? עפּיס אַ וואַרעמער אויווען?

— אַ י ן שטיקעלע נאָר, אין מיטען איז וואַרעם... אָט דאָ בײַ'ן פּלײצע...

דער טאַטע הויבט זיך אויף פון טיש, שטעלט זיך אויף און קוקט דאַרשטיג אין יענער זײַט וואו דער אויווען שטעהט.

— דיר איז קאַלט, טאַטע? פרעגט דאָס קינד — געה וואַרעם זיך!

— ניין, — זאָגט דער טאַטע פערשעמט ווערענדיג — איך וויל נאָר זעהן, צי עס איז וואַרעם...

ער מאַכט אַ טריט נעהנטער, ביז ער געהט צו צום אויוועלע, טאַפּט אָן דאָס שטיקעלע וואַרעמע אָרט און רעדט אַרוים מיט התפעלות:

— טאַקי וואַרעם... וואָס זאָגט איהר דערצו?... אויב דו ווילסט, מײַן זוהן, לאָז דער טאַטען זיך אַביסעל אָנוואַרעמען.

— איך בין דיר מוחל! ענטפערט פריידע בײַז, ווי זי טהוט אַלע מאָל, ווען חיים איז גוט צו איהר — איך בין דיר מוחל, איך וועל ניט דערפרוירען.

— גנעה, מאַמע, גנעה! לעגט בערעלע פאָר דאָס אָרט.

— שטעה מיין זוהן שטעה. דיר איז נעבּיך קאַלט.

חיים געהט אַוועק אומעטיג צום טיש און לאָזט אַרויס אַ טיפען זיפץ צוזאַמען מיט אַ קאַלטער פאַרע פון מויל...

* *
*

אין אַ שעה אַרום איז דאָס קינד שלאָפען געגאַנגען. פריידע איז אַרויס ערגיץ צו אַ שכנה, וועגען אַ טעפעל און חיים האָט זיך מיט אַנ'אימפעט צוגעחאַפט צום אויוועָן. ער האָט געטאַפּט, געטאַפּט מיט די פערפרוירענע פינגער, געזוכט דאָס שטיקעלע וואַרעמע אָרט, נאָר ער האָט איהם שוין ניט געפונען. דאָס אויוועלע איז שוין געווען אין גאַנצען קאַלט, ווי אַייז...

— שוין קאַאַלט!... האָט ער פערצווייפעלט אַרומגערעדט, וואַרפענדיג אַ צומישטען בליק אויף די פערפרוירענע פענסטער...

XVII.

איוב.

ער האט געהייסען חיים דער מלמד און זיין „צונעמעניש" איז געוועזען איוב.

זיין ווייב איז געוועזען א שטענדיגע קראנקע; איהר הוסט פלעגט זיך הערען, ווי אנ'אבקלאנג פון א לעדיגע פאס. ווען אנ'אומבעקאנטער, פרישער מענש זאל אמאל שטעהן דערביי, ווען זי פערהוסט זיך, וואלט ער זיך זיכער דערשראקען און וואלט געמיינט, אז אט, אט עקט זיך איהר שוין דאס לעבען, אבער חיים אליין פלעגט גאנץ רוהיג און קאלט־בלוטיג, אויסהערען איהר „הארץ־מוזיק": ער איז שוין געוועזען געניט — זינט ער געדענקט הוסט זי אזוי און נאכ'ן אויסהוסטען זיך ווערד זי ווידער „געזונד" און האט נאך גענוג כח צו שרייען און צו שעלטען, ווען ער ברענגט איהר קיין געלד ניט אויף ברויט.

ער אליין איז אפילו אויך א„חלוש", ווי ער דריקט זיך אליין אויס; נאר א מאנסביל איז ניט קיין יודענע — איז דאס ניט אזוי קענטיג, אגב האט ער צו זיין הוסט א רפואה: די ליולקע... „די ליולקע — זאגט ער — צעשלאגט מיר די ליהות און איך ווער גענעזען"...

א קראנקער טאטע, א קראנקער מוטער, — זענען די קינדער אודאי קראנק; נאר די הויפט חולה איז די עלטערע טאכטער, געלע, א הויכע, א דארע, דאס פנים איזהרם איז געל ווי א וואקס און די אויגען זענען מיט א טויטען טרויער פערצויגען. אויף דער

טאָכטער איז חיים אַליין מודה, אַז זי איז ניט „אין גאַנצען" און האָטש ער גלויבט ניט אין „חכמת הרפואה", דאָך זיפצט ער אַמאָל אונטער, קוקענדיג אויף איהר טויטען געזיכט: „געלע האָט טאַקי בעדאַרפט האָבען אַ דאָקטאָר"!... נאָר דאָס זאָגט ער סתם אין דער וועלט אַריין, פונקט ווי ער זאָגט אַמאָל, ווען עס איז ניטאָ קיין ברויט אין שטוב: איצט האָט מען געדאַרפט האָבען אין שטוב אַ דריירובעלדיגע...

אַ זעלכע „גוזמאות" פלעגען אַרויסרופען אַ ביטערן שמייכעל ביי די הויזיגע און דאָס ווייב, אויב זי פלעגט אין דער מינוט ניט פער־הוסטען זיך, פלעגט זיך צעבייזערן:

— ער הויבט שוין אָן זיינע חכמה'לעך!... עס איז גאָר ניט אַזוי פרעהליך אויפ'ן האַרצען...

תלמידים האָט ער געהאַט אַכט — אַלע אָרעמע קינדער. די רייכע עלטערן האָבען איהם זייערע קינדער נישט געוואָלט אָבגעבען, אויס מורא, זיי זאָלען זיך נישט „אָנשטעקען", און אַזוי איז חיים זיין גאַנץ־לעבען אין אַ רייכען הויז נישט אַריינגעגאַנגען און האָט שטענדיג פאַר זיינע אויגען געזעהן נאָר אָרעמקייט, דחקות און קראַנקהייט!...

— דאָס לעבען איז ניט ווערטה קיין ביטערע ציבעלע! פלעגט ער אָפט זאָגען פאַר זיין איינציגען נאָהנטען מענשען — פאַר'ן פרוש פון בית־המדרש, מיט וועלכען ער פלעגט ליעב האָבען אַריינלאָזען זיך אַמאָל אין אַ שמועס וועגען הויכע ענינים. פאַר דעם זעלבען פרוש האָט ער אַמאָל אויסדערצעהלט זיין גאַנץ לעבען, ווי אַזוי ער האָט זיך צו 12 יאָהר אַוועקגעלאָזט אין ישיבות „לערנען", ווי אַזוי ער האָט זיך געוואַלגערט אין אַלערליי קלייזלעך, געשלאָפען אויף האַרטע בענק און געליטען הונגער, קעלט און קלעפּ, אומזיסטע ניט־פערדיענטע קלעפּ...

— עט, האָט ער אויסגעלאָזט זיין לעבענס בעשרייבונג — ס'איז דאָס גאַנצע לעבען אַ נאַרישקייט, הבל הבלים!... און צייט איך בין שוין פאַר זיך אַ בעל־הבית מיינט איהר לעב איך? פרעגט מיך ווען האָב איך פון נאָך מיין חתונה אָן אַמאָל זאַט אָבגעגעסען — וועל איך ניט געדענקען... הייַנט מיין דירה... איהר זעהט ווען ביי מיר געוועזען?...

זיין דירה איז געווען אין א „זעמליאנקע״ ; דארט האט ער זיך געגעצט און געפרוירען צייט נאך דער חתונה. אלע נאך סוכות אפילו בעשליעסט ער זיך פעסט ארויסציהען פון דעם „קבר״, אבער נאכ'ן פעסטען בעשלוס דערמאהנט ער זיך אן זיינע „מעבעל״ און ער האט זיך מורא צו ריהרען פון ארט מיט זיי : ווען מען זאל די צוויי בעטען, דעם טיש און דעם קאסטען ריהרען פון ארט וועלען זיי גלייך צעפאלען אויף שטיקלעך. „די סברא איז מחייב, אז זיי וועלען צעפאלען — פלעגט ער אויסווייזען זיין ווייב — פערשטעהסטו מיך, אז עס נעצט זיך צוואנציג יאהר מוז צעפוילט ווערען... דאס האט שוין אזא טבע״...

זיין לעבען וואלט קיין ביטערע ציבעלע אויך ניט ווערטה געווען ווען ער וואלט ניט געהאט קיין צוויי תענוגים, וואס ער האט זיי געקענט גרייכען...

דער ערשטער תענוג איז די ליולקע. אלע וואך געהט ביי איהם אוועק א פעקעל מאחארקע : פאר אכט גראשען ; דאס איז ביי איהם א מין שכרות רחמנא ליצלן, און דאס ווייב ווארפט איהם טאקי פאר : דו פערשכורסט אויף דער ליולקע דיין גאנצע פרנסה. ער פיהלט אליין, אז די ליולקע איז ביי איהם טאקי א מין כשוף : עס האט איהם אמאל ביי נאכט פערפעהלט אין ליולקע א ביסעל מאחארקע האט ער געמיינט, אז ער ווערט משוגע און צו א גוי א שכן איז ער אריין בעטען לייהען א ביסעל מאחארקע... ער זאגט, אז דער רויך, אויסער וואס ער צושלאגט איהם די ליחות, צעשלאגט איהם אויך די רעיונות... און רעיונות האט ער זעהר שווערע. ער קלערט וועגען גאט, וועגען זיין „השגחה״, „מדוע דרך רשעים צלחה״ און דער גוטער מענש דער עהרליכער מאן ווערט אזוי אויסגעריסען, ליידט אזוי פיעל !... קלערענדיג אזוי פאלט ער אמאל אריין אין ספקות, אין מוח גיט איהם א קלאפ, ווי מיט א האמער, א פראזע פון אנ'אפיקורס : עס איז אלץ על פי דרך הטבע און עס איז שוין ניטא קיין קשיות.. ביי דעם רעיון פערליערט ער זיך אין גאנצען, אין קאפ הויבט זיך אן מישען, אין די אויגען פינטעלט... ער מאכט מיט די הענד, ווי ער וואלט זיך געראנגעלט מיט עמיצען, טרייבט די בייזע געדאנקען און... פערדרויכערט די ליולקע, און גלייך מיט'ן ערשטען רינגעלע רויך פון דער ליולקע פערשווינדען די

מחשבות זרות, די נשמה בערוהיגט זיך און ער פיהלט, אז ער ווערט ווידער א מענש, ווי גאָט האָט געבאָטען...

דער צווייטער תענוג זיינער איז צו לערנען מיט זיינע תלמידים איוב און דאָס אין זיין העכסטעס, ערהאבענסטעס פערגעניגען, זיין ליכטיגער גן־עדן אין דעם פינסטערן גיהנם...

ווען אָנהויב זמן קומט צו איהם אָן א נייער תלמיד אין חדר אריין, פרעגט איהם חיים די ערשטע זאַך:

— וואו האלטסטו שוין, יונגעלע, אין תנ״ך?

— ישעיהו, ענטפערט דער נייער תלמיד.

— און ביי מיר וועסטו אָנהויבען „איוב"... פערשטעהסט — איוב... א פיינער תנ״ך איוב... גאָר א פיינער...

דאָס יונגעל דערשרעקט זיך לכתחילה; ער האָט געהערט פון עלטערע יונגלעך, חברים, אז דאָס שווערסטע פון תנ״ך איז איוב און חיים־„איוב" „רעדט אויס" דאָרט זעהר א סך. ווי אָבער עס קומט צום לערנען פערליערט זיך דעם יונגעלס שרעק; אנשטאָט שרעק נעמט איהם דורך א געפיהל פון א זיסען טרויער, פון רחמנות אויף איוב׳ן און אויף דעם רבי׳ן, וואָס ווייזט אויס, לערנענדיג, ווי איוב אליין!... דעם ערשטען קאפיטעל לערנט דורך חיים איילענדיג, אזוי ווי אנ׳הקדמה, וואָס איז עפּיס ניט אזוי נויטהיג. איוב׳ס עשירות, איוב׳ס הצלחה אין די ערשטע יאָהרען ווייזען איהם אויס ווי א ניט געשטויגענע, ניט געפלויגענע מעשה, ווי א בייקע, וואָס עס קען גאָר קיינמאָל ניט טרעפען... ווי ער קומט אָבער צום שטן, צו איוב׳ס יסורים, ווי אזוי איוב קראַצט זיך מיט א שאַרבען, דאַמאָלס געהט ערשט חיים אריין אין זיין אמת׳ער ראָליע און אין א פלאַם־פייערדיגע התלהבות געהט ער אריין אין קאַפּיטעל ג׳:

— אחר כן פתח איוב את פיהו ויקלל את יומו — און חיים טייטשט עס אָב מיט געפיהל: און נאָך דעם האָט איוב געעפענט זיין מויל און האָט געשאָלטען דעם טאָג פון זיין געבוירען...

און אָט אזוי צעבייזערט ער זיך און לערנט א פסוק נאָך א פסוק. זיין טרויעריג הייזעריגער ניגון גיעסט זיך, גיעסט זיך און פילט אָן דעם ענגען חדר מיט שוידערהאַפטע קלאַנגען, מיט „קלאָג־ליע־דער" אויף דעם קראַנקען אָרעמען לעבען אויף דעם עבּיגען צער און וועהטאָג... חיים׳ען אַרט ניט בשעת לערנען, צי די תלמידים

זאָגען־נאָך גוט, צי מיט גריזען, — עס דאַכט זיך, אַז ער איז גאָר קיין מלמד ניט: דאָס לערנט ער גאָר איוב פאַר זיך... און ער קלאָגט און יאָמערט, בייזערט זיך און פּראָטעסטירט... ער לערנט אַ קאַפּיטעל נאָך אַ קאַפּיטעל; ער הערט אויס קאַלטבלוטיג די טרייסט־רעד פון איוב'ס גוטען פריינד אֶליפז התימני, וואָס איז איהם געקומען דולען אַ קאָפּ מיט זיינע נאַרישע נחמות, און ענטפערט וויעדער בייז, קרעכצענדיג, פּראָטעסטירענדיג...

אַזוי לערנט ער אָב עטליכע קאַפּיטלעך, ביז ער ווערט מיעד. די זיסקייט פון ניגון, דאָס טיעפע געפיהל, נעמט איהם דאָס חיות אַרויס.

ער רוהט זיך אָב, פערדרויכערט די ליולקע און פערטראַכט זיך... און אַרויסלאָזענדיג געדיכטע שטיקער רויך פון מויל געהט דורך אין זיין מוח זיין גאַנץ לעבען. אוי, ווי ביטער, ווי פערשאָלטען!... דאָס ווייב איז קראַנק, די קינדער קראַנק, פיער פינף קינדער (ער געדענקט שוין אַליין ניט) זענען פאַר קעלט און הונגער אויסגעגאַנגען, שוין לאַנג... ער אַליין קוים, קוים וואָס ער לעבט, די ברוסט טהוט איהם אַזוי וועה, די ביינער דאַרען שוין, האָבען שוין קיין זאַפט ניט... אַ טיעפער טרויער נעמט דורך זיין קראַנקע נשמה, שרייען ווילט זיך איהם, שרייען און שעלטען אַזאַ לעבען...

און ער הויבט אָן אויף דאָס נייע איבערצוהזר'ן פון קאַפּיטעל ג': אחר כן פתח איוב את פיהו ויקלל את יומו, און נאָך דעם האָט איוב געעפענט זיין מויל און האָט געשאָלטען דעם טאָג פון זיין געבוירען!...

XVIII.

צוריק אויף דער שטעלע.

דריי יאהר איז יענקעל ליבערמאן געווען אין ווארשוי; אין זיין שטעדטעל האט מען איהם כמעט שוין פערגעסען. נאהנטע בעקאנטע האבען נאר געוואוסט, אז ער איז אין ווארשוי און לויט ווי מען זאגט „מאכט" ער דארטען גאנץ גוט.

אט איז ער געקומען א היים צו זיינע עלטערן, ארעמע בעלי־בתים אין א קליין שטעדטעל.

— איז וואס מאכסטו פארט? האט איהם געפרעגט דער טאטע, אז ער האט זיך בערוהיגט א ביסעל נאך זיין זוהנ'ס פלוצ־ליבען קומען.

— ניש־קשה... האט זיך יענקעל געשטארקט מיט שטאלץ צו ענטפערן — גאנץ גוט!...

דער טאטע האט אויף איהם אויסגעשטעלט די אויגען און יענקלען האט זיך געדאכט, אז דער טאטע ווייס שוין אלץ, אז דער טאטע קלערט: אי, ביזטו א גארנישט! און יענקעל האט גע־פיהלט, אז אויב ער וועט ניט אנרעדען עטליכע שטארקע ליגענס, וועט ער זיין זעהר גישט קיין שעהנער גאסט, וועט דער טאטע איהם זאגען מיט א שמייכעלע פון א חכם: „וואס האב איך דיר פאר דריי יאהרען געזאגט? — פאהר ניט! סדנא דארעא חד הוא, אומעטום איז תהו ובהו, אומעטום זענען געשעפטען אין דער ערד, וואס איז מיר ווארשוי, וואוהין פליהסטו"? און איידער צו הערען די ווערטער פון טאטען איז יענקלען ליבער דער טויט און ער הויבט אן, נאך דעם טאטענס אלערליי שאלות, געמאכטערהייט זיך צו היטצען:

— עָט, טאַטינקע... וואָס דערצעהלט מען דיר און ווי דערצעהלט מען דיר, עס איז דאָך וואַרשוי... פערשטעהסטו מיך, עס איז דאָך וואַרשוי... דאָרטען איז...

און יעַנקעל וויל פאַרשטעלען וואָס וואַרשוי איז, ווי גליקליך מען איז, אַז מען פאַלט אַריין אַהין: בולוואַרען, טעאַטערן, גערט־נער, קאָנדיטאָרייען, קאַרעטען, ווי אַזוי מען לעבט דאָרטען אַ גוטען טאָג... נאָר די נאָוואָליפּיע גאַס מיט זיין פינסטערן צימער׳ל, וואו ער האָט געוואוינט, לויפט איהם דורך פאַר זיינע אויגען און דער צונג קען זיך נישט קערעווען אויסצורעדען ווייטער אַ וואָרט...

— נו, דערצעהל, דערצעהל! טרייבט איהם דער טאַטע.

נאָר יעַנקעל שטאַמעלט נאָך אַ פּאָר ניט דייטליכע ווערטער און ווערט ענדליך ענטשוויגען.

די מוטער שטעהט אין אַ ווינקעל און בעטראַכט איהר יעַנקלען מיט אומעטיגע בליקען. עפּיס געפעלט איהר ניט זיין גאַנצער הילוך: דער הוט איז משונה הויך און ערטער־ווייז צובויגען, דער סורדוט הענגט אויף איהם ווי ניט פאַר איהם גענעהט... איהר ווילט זיך זעהר פרעגען איהם, צי איז אין וואַרשוי ביליג אַלטע קליידער? זי פיהלט אָבער, אַז דער זוהן קען זיך דערפון בעליידיגען און ניט־ווילענדיג רייסט זיך ביי איהר אַרויס נאָר אַ בעמערקונג:

— יעַנקעל איז נעבעך חשך, ווי די ערד!...

— אַ מת... לעגט צו דער טאַטע.

יעַנקעל ווערט פון די בעמערקונגען נאָך מעהר חשך. די אויגען ווערען איינגעגראָבענער. צום אָנפאַנג פערליערט ער זיך נאָר באַלד ענטפערט ער:

— דאָס איז פון דער רייזע. דריי טעג אַז מען פאָהרט אין ענגשאַפט — אַ קלייניגקייט וואַרשוי — אַ וועלט פאָה־ט!...

— ס׳טייטש, פון וואַרשוי געדויערט דאָך נאָר אַ טאָג דאָס פאָהרען? בעמערקט דער טאַטע פערוואונדערט.

יעַנקעל ווערט רויט, אין קאָפּ גיט איהם אַ קלאַפּ: מיאוס אַריינגעפאַלען! עס געלינגט איהם אָבער גלייך צו ענטפערן:

— יאָ, דאָס פאָהרען גערוועהרט טאַקי נאָר איין טאָג, אָבער דאָס צוקלויבען זיך...

אין שטיבעל ווערט שטיל. אַלע פיהלען זיך ווי פערשוול־דיגט, ווי זיי וואָלטען אַ מיאוסע זינד בעגאַנגען, וואָס איינער ווייס פון דעם צווייטען און מען שעמט זיך אויפצוהויבען די אויגען איינע אויף די אַנדערע.

— בתּי מדרשים זענען דאָרטען פאַרהאַן עפּיס אַ סך? פרעגט פּלוצים דער טאַטע, ווי ער וואָלט וועלען צעשטערען די שטילקייט, וואָס דריקט אַזוי.

יענקעל ווערט פרעהליכער און שטאָלצער. דאָ וועט ער קענען רעדען דעם ריינעם אמת און איהם זאָל עס נישט שאַדען... ער גלייכט זיך אויס, מאַכט אַ טריט צום טאַטען נעהנטער און צעהיצט זיך:

— די מעשה איז אַזוי... שוהלען איז דאָרטען אַ סך פאַר־האַן... אַ קלייניגקייט וואַרשוי! נאָר זייערע שוהלען זענען ניט ווי ביי אונז. ביי זיי איז „שטיבלעך". חסידישע שטיבלעך; דאָרטען זענען דורכאוים חסידים, משוגעים, ממש משוגעים! געהען אין לאַנגע קאַ־פּאָטעס אין שטריימלעך און אין גאַרטלען.

און יענקעל רעדט אַ סך; ער דערצעהלט, ווי אַזוי מען רעדט דאָרטען און ברענגט לדוגמא אַ פּאָר ווערטער: „ענקער", „יאַך", „סאַרנע", נאָר ער דערפיהלט אָבער ענדליך, אַז דער טאַטע הערט גאָר ניט, אַז דער טאַטע וויל נאָר וויסען דעם עיקר, צי האָט ער פערדינט דאָרטען געלד, צי האָט ער געבראַכט געלד און וועגען די בתּי מדרשים, די חסידים און וועגען דאָרטיגען לשון איז אַ שפּעטעריגע זאָרג...

נאָר רעדען וועגען זיך אַליין האָט יענקעל ווי מורא, און אין שטיבעל ווערט ווידער שטיל... אַלע פיהלען זיך ניט גוט, נאָר ערגער פּאַר אַלעמען פיהלט זיך די מוטער. זי וואָלט וועלען צוגעהן צו יענקלען גאָר נאָהנט, אַריינקוקען איהם טיעף אין די אויגען און פרעגען: וואָס מאַכסטו? דערצעהל! זי מערקט אָבער אַז יענקעל בע־האַלט זיך עפּיס, וויל עפּיס ניט אויסזאָגען; און איהר מוטערליך האַרץ שרעקט זיך: פערשיעדענע מיאוסע פּרנסות אין אַ גרויסער שטאָדט לויפען איהר דורך אין קאָפּ; און קוקענדיג לאַנג אויף

יענקעל'ס משונה'דיגען הוט דאכט זיך איהר, אז ער איז געוועזן דארטען א קאטערינשטשיק...

אויף מארגען, נאכ'ן ארעמען פריהשטיק, איז יענקעל ארויסגעגאנגען אין גאס, און געהענדיג האט ער ניט געוואוסט וואס צו טהון. ציי זאל ער פערשפילען דעם פאלטא און דער ראק זאל זיך ניט זעהן, אדער פערקעהרט; ער האט ניט געקענט משער זיין, וואס קומט אויס מעהר ניי — דער ראק, ציי דער פאלטא. ער האט זיך פערשפילעט און אבגעשפילעט, ווייטער פערשפילעט און ווידער אבגעשפילעט, ביז ער איז געקומען צו דער איבערציינגונג, אז ביידע, סיי דער ראק, סיי דער פאלטא זעהען אויס אלט און אבגעטראגען און ער זעהט אין זיי אויס ווי אנ'ארעמער פראנט, וואס ווערט אזוי אויסגעלאכט ביי זיי אין שטעדטעל. דעם גאנצען וועג האט ער אויף זיך געכעס'ט דערפאר, וואס ער איז געקומען אהיים אין אזוינע בגדים און אז דער שווארץ יאהר האט איהם שוין א הער געטראגען, טא וואס איז ער אזוי שוואך און קען נישט גובר זיין זיך אליין: ער ווייס דאכט זיך גאנץ גוט, אז ארעמקייט איז קיין שאנד ניט, — פערקעהרט א כבוד! אלע עהרליכע מענשען זענען ארעם. ער האט זיך ניט געוואלט פערקויפען פאר געלד, און דאך ווי געפאלען ער איז, קנייפט ער די באקען מען זאל מיינען, אז ער האט דארטען גליקליך געלעבט. וואס טהוט ער דאס? צוליעב וואס?

און געהענדיג אזוי און זידלענדיג זיך אליין, האט ער דערזעהן, ווי קעגען איהם געהט פערדריסען דעם קאפ אליה ליבעס, א „בעל־הבתישער בחור" זיינער אנ'אמאליגער חבר. יענקעל האט איהם אלע מאל פיינד געהאט פאר זיין פוסטקייט, פאר זיין נארישען פראנטעווען, און דערזעהענדיג איהם איצטער אין א נייעם שווארצען הוט, אין א שווארצען פאלטא, האט ער צו איהם נאך מעהר פעראכטונג געשפירט און ער האט איהם געוואלט אויסווייכען. נאר יענער האט איהם גלייך בעמערקט, האט איהם אבגעשטעלט און אויסשטרעקענדיג איהם די האנד, האט ער פרעהליך אויסגעשריען:

— אַ סאַר אַ גאַסט! יעֶנקעֶל, וואָס מאַכסטו?

נאָכהער האָט ער יעֶנקלען בעֶקוקט פון קאָפּ ביז די פיס, ווי ער וואָלט איהם געוואָלט אָבשאַצען, וויפיעל ער איז ווערטה. און דערזעהענדיג, אַז די בגדים זענען אַלט און יעֶנקעל אַליין איז חשך, האָט ער איהם טיעף אין די אויגען, ווי אַ „סלעֶדאָוואַטיעֶל" אַריינגעקוקט און נישט ערוואַרטענדיג פון יעֶנקלען קיין ענטפער, האָט ער מיט אַ רחמנות־פנים אַליין געענטפערט:

— אַ פנים ניט אַזוי גוט... האַ?....

יעֶנקעֶל איז רויט געוואָרען, ער האָט זיך דאָך געשטאַרקט צו ענטפערן:

— נ נ נ... ניש־קשה... גאַנץ גוט!...

דער חבר האָט אַ קוועטש געטהון מיט די פּלייצעֶס, ווי ער וואָלט געזאָגט: עֶפּיס ניט קענטיג, און ער האָט ווייטער געפרעגט:

— זאָג מיר, גוטער ברודער, וואָס טהוסטו דאָרטען?

— „אַי, זאָל ער ליעגען אין דר'ערד", האָט יעֶנקעֶל אין האַרצען געשאָלטען און האָט קוים, צווישען די ציינער, אַרויסגעזאָגט:

— אין אַ פאַבריק פון היט.

— ווי קומסטו אַהין? האָט דער חבר מיט פאַרשעֶנדעֶ בליקען געפרעגט. — יעֶנקעֶל האָט שוין מעֶהר ניט געקענט אויסהאַלטען און האָט צורייצט געענטפערט:

— איך קום! וואָס מאַכט עס אויס ווי אַזוי.

דער חבר איז געבליעבען שטעהן, ניט געפינענדיג מעֶהר קיין ווערטער. ער האָט נאָר אַ קוק געגעבען אויף יעֶנקעֶל'ס פּאַלטאָ, נאָכהער אויף זיין אייגענעם. אין מח צונעגלייכט וועלכער איז בעסער, אַ שמייכעל געטהון, און שמייכלענדיג צופריעדען, האָט ער יעֶנקל'ען אויסגעצויגען די האַנד און קאַלט געזאָגט:

— אַ גוטען! מיר וועלען זיך נאָך זעהן!...

— אַדיע, אַדיע! האָט יעֶנקעֶל דעמוטהיג זיך פערנייגט און פרייער אָבגעאָטהעמט...

און ווי פיעל בעקאַנטעֶ יעֶנקעֶל האָט דעם טאָג ניט בעֶ-

געגעגט האָט ער יעדערן אויף זײַן פראַגע, וואָס מאַכסטו? געענטפערט:

— „ניש־קשה... גאַנץ גוט". און פאַר יעדער׳ן אַ בעזונדער ליגען אויסגעקלערט.

— נו, אַ ביסעל ליגענס פאַר אַ טאָג אָנגעזאָגט! האָט ער צוריקגעהענדיג געטראַכט — פוי, האָט ער אויסגעשפּײַט, דערמאָהנענדיג זיך, ווי פאַר איינעם האָט ער זיך אַזוי צעהיצט מיט זײַן גליקליכקײַט דאָרטען, אַז ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט, אַז ער איז דאָרט בוכהאַלטער בײַם גרעסטען גביר ש ע י ה ו ק אָ ט ל אָ ו ו ע ר. צום אונגליק האָט יענער געהערט פון דעם ישעיה קאָטלאָוועך, אַז ער לאָזט צו זיך קײַן ליטוואַק אויפ׳ן שוועל ניט אַרויף.. „ווי מיאוס, ווי מיאוס!" קלאַפּט איהם אין קאָפּ — „איך קען אַפילו קײַן גלאַטען ליגען ניט זאָגען!"..

און געהענדיג האָט ער זיך געפיהלט ווי שווערע שטײַנער וואָלטען זײַן האַרץ צופרעסען. איהם האָט זיך געוואָלט געפינען חאָטש איין מענשען און דערצעהלען איהם דעם אֶמת, אַז ער האָט דאָרט קײַן שטעלע גאָר קיינמאָל ניט געהאַט, אַז ער האָט די גאַנצע דרײַ יאָהר זעהר שלעכט געלעבט, אַז ער האָט דאָרט געהונגערט און געפראָרען, ניט געהאַט צײַטענוויים וואו צו נעכטיגען און פלעגט בלאָנזשען דאַן אַ גאַנצע נאַכט איבער די גרויסע לאַנגע גאַסען... אַז פאַר די דרײַ יאָהר איז ער אַפילו איינמאָל אין טעאַטער ניט געוועזען, אַפילו אין גאָרטען ניט, ווען די מוזיק פלעגט שפּילען און מען פלעגט דאַרפען צאָהלען פאַר׳ן אַרײַנגאַנג; אַז דאָרטען זעען פאַרהאַן אַ סך אַזעלכע, ווי ער, און מיט זיי פלעגט ער זיך געפינען און צוזאַמען לײַדען, טהײַלען זיך מיט׳ן לעצטען ביסען... אַז... אָח, ווי פיעל צרות ער האָט צו דערצעהלען! ער האָט זיך אַזוי פיעל אָנגעזעהן — נויט, הונגער, עלענד!... נאָר ווי אַזוי דערצעהלט מען דאָס? יעדער, וואָס פרעגט איהם: וואָס מאַכסטו, ווי לעבסטו? דאַכט זיך איהם, וויל הערען נאָר אַ גוטען ענטפער, אַז ער לעבט דאָרטען גליקליך, ניט חלילה פאַר גוטע פרײַנדשאַפט וועגען, נאָר ווײַל מיט אַ גליקליכען מענשען איז פרעהליכער צו רעדען, ליעבער צו פערברענגען און אַנ׳אונגליקליכער מענש אַרט

קיינעם ניט און איז קיינעם ניט אינטערעסאַנט, אַפילו די אייגענע טאַטע־מאַמע ניט...

און קלערענדיג אַזוי איז ער אין כעס געוואָרען: אין כעס געוואָרען אויף זיך, אויף די בעקאַנטע און אויף די עלטערן, וואָס האָבען איהם געפרעגט וועגען זיין לעבען. „וואָס ווילען זיי פון איהם, וואָס איז זייער דאגה?..." און פאַר כעס האָט ער זיך בעשלאָסען צו דערציילען פון היינט אָן דעם אמת.

וואָס האָט ער זיך וואָס צו שעמען? ער וועט אַלץ דערצעהלען! ער וועט זאָגען, ווי דער טאַטע האָט איהם טאַקי אַמאָל געזאָגט: אַז „סדנא דארעא חד הוא" אַז אומעטום איז תהו ובהו, נויט, דלות, עלענד; אַז אומעטום זענען די רייכע — רייך און גליקליך, און די אָרעמע — אָרעם און אומגליקליך... אַז ער וועט שוין צוריק ניט פאָהרען — ער וועט בלייבען דאָ און וועט שלום ווערען מיט'ן לעבען און רוהיג טראָגען דעם יאָך פון אָרעמקייט... עס וועט פון איהם אַ באַרג אַראָב!...

אַז ער איז אָבער אַהיים געקומען און דער טאַטע האָט איהם נאָך אַ לאַנגען שווייגען געפרעגט: „נו, וואָס קלערסטו, יענקעל, דו בלייבסט שוין אפשר אַ היגער? האָט ער גלייך ניט געקלערטערהייט, ווי אַרויסגעריסען די ווערטער פון מויל:

— ניין, איך פאָהר צוריק אויף דער שטעלע... אין וואַרשוי...

און אין קאָפּ האָט איהם געקלאַפּט און דאָס האַרץ האָט אין איהם געוויינט, און אַ קול האָט אין איהם געשריען:

— געוואַלד, וואָס שעם איך מיך? וואָס דערצעהל איך ניט דעם אמת? חאָטש פאַר איין מענשען, חאָטש פאַר'ן אייגענעם טאַטען?...

XIX.

דער אלטער טשעסלער.

אלט איז שוין לייזער דער טשעסלער, געבויגען געהט ער שוין און קענטיג, אז דער שטעקען זיינער, וואס ער האלט אין דער רעכטער האנד, קומט איהם שטארקט צו־ניץ, אהן דעם שטע־קען וואלט ער אין בית־מדרש אודאי ניט געגאנגען; מעהר ווי אין בית־מדרש געהט ער נישט — עס איז איהם שווער און אגב האט ער נישט וואוהין צו געהן; זיינע קינדער זענען זיך צעפאהרען אין אמעריקא און ער איז עלענד, ווי א שטיין. „די אלטע" זיינע איז שוין אויך טויט. געשטארבען איז זי מיט דריי יאהר צוריק, ווען ער דאט נאך געארבייט, און געארבייט האט לייזער אזוי לאנג, ביז וואנען ער האט שוין ניט געקענט אזוי לאנג, ביז די האק האט זיך נישט פון זיין האנד ארויסגעגליטשט. דאמאלס האבען איהם די יונגערע טשעסליארעס געזאגט:

— צייט שוין ר' לייזער, אייך אברוהען!...

און שוין צוויי יאהר אז ער רוהט טאקי; אמת אין גאנצען רוהט ער ניט, עס קומט איהם אן זעהר שווער די „הוצאה" זיינע. דאס עסען איז שוין ווי עס איז: א פאר געבאקטע קארטאפעל און א קאפ פון א הערינג קלעקט איהם אויף א טאג. דאס אומגליק איז נאר דאן, ווען עס קומט איהם אויס צו צאהלען דעם אלטען זלמן די צוויי גילדען דירה־געלד; דאמאלס ארבייט ער מעשים, קעהרט איבער וועלטען; עס פערשטעהט זיך נישט מיט די הענד, נאר מיט'ן קאפ: ער זוכט אויף אין מוח פערוואלגערטע בעלי־בתים. ווען ער

האָט הײַזער געבויט און וועלכע זענען נאָך איהם שולדיג געבליבען. אַ סך פון זיי לייקענען איהם; אַנדערע זענען מודה און שווערן, אַז זיי האָבען ניט; מהיל זענען ניט מודה און לייקענען ניט, און וואַרפען איהם דאָך אַרויס אַ פּאָר גילדען.

נאָר די לעצטע צײַט קומט איהם אָן אַלץ שווערער און שווערער די צוויי גילדען דירה געלד צו קריגען. ער איז שוין שולדיג דעם אַלטען זלמן פיער פאַר צוויי גילדען חדשים און עס געהט שוין באַלד אַ דריטער חדש. זלמן וואָלט איהם אַפילו געוואַרט, נאָר ער קען ניט — ער איז אַליין ניט דער „ב ע ל־ה ב י ת", ער אַליין צאָהלט דירה געלד און איהם קומט דאָס אויך זעהר שווער אָן. סך הכל איז זלמן אַן'אַלטער שנײַדער, אויף איין אויג שוין בלינד, און מעהר אַז לאַטעס לעגען קען ער ניט, און וואָס פערדיענט ער פון אַ לאַטע, מישטיינס געזאָגט!...

לייזער דער טשעסלער האָט אויף איהם קיין פאַראיבעל ניט ווען ער מאָהנט אַ מאָל צו שטאַרק, נאָר גוט איז דאָס איהם ניט. צײַט ער לעבט האָט ער קיין ליגען ניט געזאָגט און איצטער, אויף דער עלטער, האָט ער שוין דעם אַלטען זלמן גענאַרט, אַז היינט, מאָרגען גיט ער איהם געלד...

און די לעצטע טעג בלײַבט לייזער אין בית־מדרש ביז שפּעט נאָך מעריב, ער זיצט בײַ אַ ספר אויף עברי־טײַטש און וואַרט ביז וואַנען דער בית־מדרש זייגער שלאָגט 10. דאַמאָלס ווייס ער זיכער, אַז דער אַלטער זלמן שלאָפט שוין און ער געהט אַוועק אַ היים...

דער אַלטער זלמן האָט שוין געגעבען לייזער'ן אָנצוהערעניש אַז ער וועט פערדינגען זײַן אָרט אַ צווייטען, אויב ער וועט איהם די טעג קײַן געלד ניט געבען. לייזער איז צוטומעלט געוואָרען. ער האָט אַ מורמעל געטהון: אייִלט זיך ניט, מיר וועלען זעהן... נאָר טאַקי מעהר ניט ווי אַ מורמעל — דײַטליך זאָגען האָט ער עס ניט געקענט, וואָרום וואָס האָט ער צו זעהן? ער האָט שטיל גענומען דעם שטעקען און האָט זיך שטיל אַרויסגערוקט...

דאָס אומגליק איז גרויס געווען! דאָס אומגליק האָט דעם

אלטען לײזערן צוטומעלט; מיט שטאַרע בליקען האָט ער געקוקט אויף דער ערד און אין די זײַטען. נאָר אָט פערשווינדט דאָס גרויסע אומגליק, לײזער פערקוקט זיך אויף די הײַזער און פערגעסט זיך. די הײַזער װערען איהם ליעב, פיעל פון זײ דערמאָהנען איהם אַ מאָליגע יאָהרען, װען ער, אַ הויכער, אַ געזונדטער, איז געשטאַנען און געשמאַק געאַרבײַט. „אָט די שטוב", דערמאַהנט ער זיך, אַ קוק געבענדיג אויף יענקעל דעם שענקערס שעהנע הויז — האָב איך צעהן װאָכען געטהון! — ער האָט גאַנץ עהרליך געצאָהלט — פינף גילדען אַ טאָג, און פלעגט אַ מאָל געבען אַביסעל בראָנפען נאָך דער אַרבײַט. — עס איז נאָך גאַנץ שטאַרק! אַ מאָליגע געהילץ — אײַזען!... אָט די שטוב — פערקוקט ער זיך אויף נאָך אײנער — האָב איך שוין געאַרבײַט ניט פון טאָג — אָגולנאָ! איך האָב זיך דאַמאָלס אָבגענאַרט, עס האָט מעהר נישט אויסגעמאַכט װי אַ האַלבער רובעל צי פיער גילדען אַ טאָג — ער קען זיך נישט דערמאַהנען... אָט געהט ער פאַרבײַ דעם גביר'ס הויז. „אַ הײַזעלע," טראַכט ער און קוועלט — „נאָך גאָר נײַ"!" — שוין אַ מעשה, פון אַ יאָהר צוואַנציג — אַ מאַסע חדרים, דערמאַהנט ער זיך זענען דאָ! — בײַ דעם גביר האָט ער נישט שלעכט פערדיענט: — זעקס גילדען אַ טאָג. ער פערוואונדערט זיך אין געדאַנק: „אַזוי פיעל?" „נו, ער איז דאָך פאָרט דער ערשטער גביר אין שטאָדט!" פערענטפערט ער זיך אַלײן זײַן האַרבע קשיא... און ער פערקוקט זיך אויף נאָך און נאָך הײַזעלעך, װעלכע ער האָט אין זײַן לאַנגען לעבען געבויט; זײ גיבען איהם אָב גריסען און עס װערט איהם װאַרעם אין זײַן אַלטער קאַלטער נשמה... נאָר אָט װאַקסט פלוציים דאָס אומגליק צוריק אַרויס, ער דערמאַהנט זיך עפּיס שרעקליכעס און זײַן אַלטער קערפּער ציטערט...

פערצװײפעלט איז ער אַרײַן אין בית־מדרש, אָבגעדאַװענט מנחה, נאָך דעם מעריב. דער זײגער שלאָגט שוין 8—9—10. איצטער שלאָפט דער אַלטער זלמן, נאָר לײזער האָט נאָך נישט בדעה צו געהן אַהײם. ער זיצט בײַ'ן „קב הישר", זײַנע געדאַנקען אָבער זענען ערגעץ װאו אַנדערש. „װאָס טהוט מען", אָט די אײַזערנע װערטער קלאַפּען איהם אין זײַן אַלטען מח. זײ האָבען אָבער אַזוי לאַנג געקלאַפּט, ביז זײ האָבען אויפגעבויט אין זײַן קאָפּ אַ

גלִיקלִיכֶען פלאַן. דער אַלטער שמײכעלט, עֶר איז גלִיקלִיךְ: פון הײַנט אָן וועט עֶר שוין בּלײַבען אין בית־מדרש אויף שטענדִיג, צורִיק וועט עֶר שוין נִישט געהן צום אַלטען זלמן! — עֶר לעגט זִיךְ איבער עֶטלִיכֶע מאָל, טאָמער איז דאָ פאַרהאַן אַ שטִיקעל חסרון, עפִּים אַ שטערענִיש, נאָר עֶר געפִינגט נִיט. עֶר ווערט בּעֶ־גײַסטערט: געווִיס, געווִיס — בּעֶשלִיעסט עֶר זִיךְ פעסט — פון הײַנט אָן בלײַב איךְ אין בית־מדרש, אַראָב אַזאַ יאָךְ! אַ קלײַנִיג־קײַט — אַלע חדש צווײַ גִילדען... „צווײַ גִילדען!" רעדט עֶר אַרויס שוין נִיט אין געדאַנק, נאָר מִיט ווערטער, און איהם דאַכט זִיךְ, אַז פון זײַנע פלײַצעס איז עפִּים אַראָב געפאַלען און איהם איז גרִינג געוואָרען..

אַ פִיצעלע משא בלײַבּט איהם דאָךְ — דער חוב! אָבצאָהלען מוז בּען! נאָר ווִי אַזוי? עֶר זִיפצט...

*   *
*

דער בית־מדרש זײַגער האָט געשלאָגען צוועלף. דער אַלטער לײַזער זִיצט בײַ'ן טִיש און דרעמעלט און איהם חלום'ט זִיךְ, אַז דער אַלטער זלמן זִיצט נעבען איהם און שטשאָבעט, און נאָךְ יעדען שטאָךְ אין בגד, גִיט עֶר איהם מִיט'ן נאָדעל אַ שטאָךְ אין דִי אויגען.

— ר' זלמן, שטעכט זִיךְ נִיט — בּעט עֶר זִיךְ — איךְ וועל אײַךְ דִי פִיער גִילדען אָבצאָהלען, מאָרגען הויב איךְ אָן צו אַרבּײַטען בײַ יענקעל דעם שענקערס הויז, עֶר צאָהלט פִינף גִילדען אַ טאָג... זלמן ווִיל עֶם נִיט הערען און שטעכט איהם מִיט'ן נאָדעל אין דִי אויגען און אין אַלע גלִידער. און אָט דערפִיהלט עֶר אַז עֶר שטור־בּעט איהם.

נאָר דאָס שטורבען איז שוין געוועזען אויפ'ן וואָהר. דאָס האָט געשטורבעט דער אונטער־שמש, וואָס איז נעבען איהם גע־שטאַנען און בײַז געבּרומט:

— זײַט מוחל, דאָ איז מײַן אָרט! איך דאַרף זִיך לעגען.

לײַזער האָט אָנגעהויבען רײַבען דִי אויגען. דערזעהענדִיג אָנשטאָט דעם אַלטען זלמן'ען — דעם אונטער־שמש איז עֶר צו זִיךְ געקומען,

ער האָט זיך דערמאָהנט אָן זיין פּלאַן, אַז ער בלייבּט פון היינט אָן אין בית־מדרש, נאָר דער אונטער־שמש האָט איהם טרוקען איבּער־געגעבּען, אַז דאָ איז ניט קיין הקדש; די גבּאים האָבּען פערזאָגט, אַז מען זאָל קיינעם ניט לאָזען נעכטיגען, עס איז גענוג די ישיבה בּחורים, וואָס שלאָפען דאָ.

אוים!...

און געהענדיג צוריק צו דעם אַלטען זלמן, האָט שוין לייזער נישט געקוקט אויף די הייזער, וועלכע ער האָט געבּויט; עס איז געוועזען זעהר אַ פינסטערע נאַכט און אין די אויגען איז איהם נאָך פינסטערער געוועזען. זעהר פאַמעליך איז ער געגאַנגען, נאָך פאַמע־ליכער ווי ער האָט געקאָנט: עס איז איהם ליעבּער געוועזען צו שלעפּען זיך אין דער פינסטערער נאַכט איידער צו קומען צו דעם אַלטען זלמן'ען, צו זיין בּעל־חוב... און וואָס וועט זיין דער סוף?...

דער אַלטער זלמן וועט איהם וואַרטען נאָך אַ פּאָר טעג, אָבּער ניט מעהר... אויפ'ן גאַס וועט איהם אויסקומען צו לעגען זיך... אויפ'ן גאַס!

— אוי! — האָט ער אַ קרעכץ געטהון בּיי דעם רעיון...

און איצטער האָט ער זיך דערמאָהנט, וואָס זיין „אַלטע" האָט איהם אַ מאָל, אַ מאָל געזאָגט: „לייזער, אַלע בּויען זיך, לאָמיר זיך אויך פערזאָרגען מיט אַ שטיבּעלע". „מען קען ניט — האָט ער איהר געענטפערט, — פאַר מיין אַרבּייט פיר זיך, וועט מיר קיינער נישט בּעצאָהלען".

ער האָט איהר אַפילו גוט געענטפערט, זי האָט דערויף ניט געהאַט וואָס ווייטער צו רעדען; דאָך דערמאָהנענדיג זיך, אַז אָט בּאַלד־בּאַלד האָט ער זיך ניט וואו אַהינצוטהון, ווערט ער אויף זיך אין כּעס און זידעלט און שילט זיך אַליין:

— אַלטער נאַר! הייזער האָסטו געבּויט און אויפ'ן גאַס וועסט דו שטאַרבּען...

XX.

דער אַלטער אַרבייטער.

וואָיטעק האָט זיך צוזעגעזעגנט מיט זיין בעל הבית, דעם אייגענטהימער פון אַ גרויסער דרוקעריי.

— אַן עולה, מוסר'ט ער זיך אַליין דעם גאַנצען טאָג. געדאַרפט פערשוויינען. 25 יאָהר געדינט, געדינט, געווען געטריי ווי אַ הונד, און איצט, אַז דו האָסט שוין גראָהע האָר — נאַ דיר, געה זוך אַנדערע בעלי־בתים!

עס פאַלט ביי איהם די אַרבייט פון האַנד און דער מאַשיניסט פון דער דרוקעריי, אַ הויבער דייטש, מיט פערדרעהטע וואָנסען, בייזערט זיך:

— דו ביזט, וואָיטעק, היינט בעטרונקען, צי וואָס?

אויפגערעגט פון אַזאַ שלעכטע מיינונג וועגען איהם, פערגעסט וואָיטעק וויעדער ווער עלטער איז און ברומט ביי זיך אַרויס:

— איך ווייס ניט ווער טרינקט, איך צי דער הערר?

— אַזוי גאָר, דו רעדסט שוין מיר אויך ענטקעגען — ציינדט זיך אָן דער מאַשיניסט — גוט! גוט!

פאַר'ן דאָזיגען „גוט־גוט!” דערשרעקט זיך וואָיטעק אַזוי, אַז עס שוידערט איהם. ער ווייס, אַז מיט דעם זעלבען גוט־גוט איז מיט אַ יאָהר צוריק אָבגעזאָגט געוואָרען נאָך אַן'אַרבייטער אין דרוקעריי, סטאַך, און האָט נאָך עד היום קיין אַרבייט ניט. ער האָט איהם שוין געזעהן פאָריגע וואָך וואַלגערנדיג זיך נעבען בריק מיט אַלע שכורים און באָסיאַקעס.

און וואָיט ק בעגראָבט טיעף, טיעף אין האַרצען דאָס ביסעלע שטאָלץ, וואָס עס איז איהם נאָך פערבליבען פאַר די 25 יאָהר,

וואָס ער דיענט דאָ אין דרוקעריי, און מיט אַ הכנעה'דיגען קול זוענדט ער זיך:

— איך ווייס גאר ניט, וואָס דער הערר איז בייז. עס איז דען אַן עולה, אז מען נעמט אַ מאל אַ ביסעל בראָנפען...

נאָר אָנשטאָט צו פערריכטען דערמיט די מערכה, האָט ער קאַליע געמאַכט. דער מאַשיניסט שטעלט אויף איהם אויס די פּאָר בייזע שאַרע אויגען און שרייט:

— וועֶרסט ענטשווייגען! צי ניט לומפּ!

„אַלץ איז פערלאָרען!" טראַכט וואָיטעק אין אנגסטען און נעמט זיך צו דער אַרבייט, דערלאַנגען פּאַפּיער צו דער דרוק-מאַשין.

דער מאַשיניסט שרייט אויס ווידער:

— וועלכע פּאַפּיער, לומפּ, האָסטו געבראַכט?

— דאָס אונגליק הויבט זיך אָן! טראַכט וואָיטעק און עס לאָזען זיך ביי איהם אַראָב די הענד...

געקומען אַהיים פיזיש און גייסטיג מיעד, האָט זיך וואָיטעק אַ וואָרף געטהון אויפ'ן טאַפּטשאַן, וואָס האָט געדיענט אַלס אַ בעט פאַר איהם און זיין ווייב, און האָט שטאַר געקוקט.

— וועסט עסען? האָט דאָס ווייב, אַ פאַר דער צייט פער-עלטערטע פויערטע מיט אויסגעלאָשענע אויגען און אַ דאַר ברוסט — געפרעגט.

וואָיטעק האָט ניט געענטפערט.

— וואָס ביזטו אַזוי צוטראָגען? האָט זי בעזאָרגט געפּאָרשט קוקענדיג מיט טרייע בליקען אויפ'ן מאַן.

וואָיטעק האָט ווידער ניט געענטפערט.

דאָס ווייב איז געוואָרען אונרוהיג און איז צוגעשטאַנען:

— ביזט, זאָל גאָט היטען, עפּיס קראַנק?

— קראַנק!! האָט זיך וואָיטעק אָנגעכאַפּט — ניט דערהאַרען זאָלען מיינע שונאים.

ער האָט בייז אָנגעקוקט דאָס ווייב און געברומט:

— קיין אַנדער וואָרט, ווי קראַנק, איז ביי איהר ניטאָ.

דאָס ווייב האָט זיך געפּרובט פערטיידיגען:

— שׂונאים זאָלען קראַנק זיין, איך מיין גלאָט... ביזט עפּיס צורודערט...

— צורודערט... האָט וואָיטעק געמורמעלט, וואָס בין איך צורודערט... איך לאָך פון זיין באַבען... איך האָב זיך צוועלעפעלט מיט'ן בעל הבית... פאַר 25 יאָהר, נישקשה, איך מעג מיר ערלויבען איין מאָל פאַר 25 יאָהר אָבענטפערן אַ מאָל אַ בעל הבית. איך בין אין איינע יאָהרען מיט איהם און געאַרבייט האָב איך מעהר פאַר איהם...

דאָס ווייב האָט פערשטאַנען, אַז וואָיטעק איז היינט אַרויסגעשפּרונגען פון העזה. איהר האַרץ האָט זיך שטאַרק געשראָקען און זי האָט געוואָלט מוסר'ן איהם: אלמאי? נאָר אַ ביסעל אויס מורא פאַר וואָיטעק'ס כעס און אַ ביסעל אויס מיטגעפיהל האָט זי ווייך געזאָגט:

— לאָך זיך אויס פון איהם, נישקשה, ער וועט דיך ניט אָבזאָגען...

— אָבזאָגען... זאָל ער אָבזאָגען... האָט וואָיטעק גע'כעס'ט, וויפיעל איז דער שיעור! 25 יאָהר אָבגעדינענט און גענוג!... איך וועל אַליין זיך אָבזאָגען...

אויסגערעדט האָט ער עס נאָר צו שטילען זיין צאָרן, אָבער באַלד האָט ער ערנסט אויסגערופען:

— גענוג! 25 יאָהר! איך וועל פּרובען מיין מזל ערגיץ אַנדערש...

אויף מאָרגען איז וואָיטעק אויפגעשטאַנען פריהער ווי געוועהנליך. אַוועק אַרבייטען איז ער אָבער מיט אַ שעה שפּעטער, ווי אַזוי ער האָט די שעה פערשפּעטיגט ווייס ער אַליין ניט: דער טייוועל האָט זיך אויך היינט אַריינגעמישט, ער זעהט בעשיינפערליך, אַז דאָס גאַנצע שטיק, וואָס די 25 יאָהר האָבען אויסגעוועבט, הויבט זיך אָן צו רייסען... עס איז געווען אַ גראָהע שטיק, אָבער דאָך אַ גאַנצעס און אַ זיבערעס. וואָס וועט איצט זיין — גאָט אַליין, דאַכט זיך איהם, קען אַזאַ האַרבע זאַך ניט וויסען.

צוקומענדיג צום הויף, וואו די דרוקעריי האָט זיך געפונען, האָט ער זיך אָבגעשטעלט, געקוקט אויף די פיעלע פענסטער, וועלכע, אָנשטאָט אַ פריינדליכע בעגריסונג, ווי ער האָט פון זיי אַלע אין דער פריה בעקומען, האָבען איהם יעצט בייז אָנגעקוקט, ווי נעכטען די אויגען פון בעל הבית, ווען ער האָט איהם כלומרשט בעליידיגט. דער גערויש פון די דרוק-מאַשינען האָבען ווי אויסגעלעגט אַ שוואַרצען פינסטערן סוף. ער האָט זיך דריי מאָל איבערגע'צלם'ט, געמורמעלט: „גאָט, זיי מרחם דיין קנעכט!" און איז אַריין אונטען אין פאַבריק...

צום שלימזל איז גראָד אונטען געווען דער בעל הבית. דערזעהענדיג איהם, האָט וואָיטעק ניט געהאַט וואו זיך צו בעהאַלטען און איז געבליבען שטעהן אין אַנ' אומגעלומפערטער פאָזע, וואַרטענדיג אויף עפּיס אַנ'אויסרעד פון בעל הבית.

יענער אָבער האָט איהם ניט בעמערקט און גערעדט עפּיס מיט'ן מאַשיניסט.

וואָיטעק האָט געפיהלט, אַז דאָס שטיק, דאָס גראָהע לאַנגע שטיק, צורייסט זיך אויף שטענדיג, אויף אייביג; פערריכטען עס קען מען שוין ניט און ער האָט געפיהלט, אַז ער דאַרף עפּיס טהון. שטעהן אַזוי איז קיין שכל ניט, און בעגיסענדיג זיך מיט אַ קאַלטען שווייס, האָט ער אַרויסגערעדט:

— בעל הבית, איך וויל אַ רעכענונג...

געוואָרט האָט וואָיטעק אויף אַ שטאַרקען עפעקט. נאָך אַ 25 יעהריגער אַרבייט בעטען אַ רעכענונג איז ניט פון די מעשים, וואָס מען הערט אַלע טאָג. זיין ווענדונג האָט אָבער ניט געמאַכט קיין איינדרוק. ער וועט פרובען העכער זאָגען; וואָס האָט ער איינגענטליך מורא — ער איז ניט קיין יונגעלע:

— איך האָב געוואָלט בעטען דעם הערר אַ רעכנונג! האָט ער נאָך אַ מאָל שוין שטייפער אַרויסגערעדט, און דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט, ווי ביי אַ גזלן.

— איך האָב געהערט... האָט דער בעל הבית קאַלט געענטפערט — וועסט קומען שפּעטער...

„הייסט עס — ער נעמט אָן מיין אָבזאָגען זיך"... האָט וואָיטעק זיך אין געדאַנק געחדוש'ט און ניט געקענט עס בעגרייפען.

ער האָט זיך דערפֿילט אַזוי קליין, אַזוי אַראָבפֿאַלען, אַראָבגעפֿאַלען בײַ זיך אַז איהם האָט געוואונדערט, ווי אַזוי האָט ער, וואָיטעק, געקענט אָבדינען בײַ אַזאַ פֿיינעם בעל הבית גאַנצע 25 יאָהר. עס איז געוועזען קענטיג אַ טעות. עפּיס אַ מאָדנער טעות,

ער האָט אַ קוק געטהון נעבען זיך אויף אַ קאַסטען, וואָס ער וואָלט געדאַרפֿט איהם אַרויסטראָגען אויפ'ן הויף. זיין קאַסטען, הייסט עס. יעצט אָבער איז די קאַסטען איהם אַזוי פֿרעמד געוועזען, ווי דער בעל הבית, ווי די גאַנצע דרוקערײַ און ער האָט בשום אופן ניט געקענט פֿערשטעהן, ווי איז דאָס מעגליך, אַז ער האָט דאָ אָבגעאַרבייט 25 יאָהר... עס איז אַ טעות, אַ גרויסער טעות.

נידערגעשלאָגען איז ער אַרויס צוריק אויפ'ן הויף, וואו ער איז שטעהן געבליבען און ניט געוואוסט וואוהין צו געהן... אַהיים געהן, ווײַס ער דאַרף ער ערשט 1 אַ זייגער... עס איז דאָך אוממעגליך. יצט צו געהן אַ היים, ער וועט דאָך דאָרטען משוגע ווערען. אפשר זאָל ער אַריין צוריק צום בעל הבית, פֿאַלען איהם צו די פֿיס און זאָגען:

— הערר לעבען, איך האָב עס אַ שפּאַס געמאַכט, צו וואָס זאָל איך אַוועקגעהן, איך האָב דיך ליעב, איך האָב ליעב די דרוקערײַ, איך האָב ליעב די קאַסטען, וואָס מען דאַרף אַרויסטראָגען, איך האָב אַלץ אַזוי ליעב. אַלץ איז מיר אַזוי אין האַרצען אײַנגעבאַקען... 25 יאָהר, אַ קלייניגקייט... איך האָב עס אַ שפּאַס געמאַכט, הערר-לעבען, זײַ מוחל...

איהם דינען אָבער די פֿיס ניט צו מאַכען אַ שריט און קראַצענדיג זיך אין פּאַטיליצע מורמעלט ער פֿערלאָרען אַרויס:

— עט, צו אַלדי טייוועל, זאָל זיין! זאָל זיין!

ער לאָזט זיך געהן אַרויס פֿון הויף. וואוהין וועט ער אָבער געהן? זוכען אַרבייט ערגעץ אַנדערש טאָר ער נאָך ניט, ער האָט נאָך אייגענטליך ניט געהערט קיין רעכטע תשובה פֿון בעל הבית, ער האָט קיין רעכט ניט... ער דאַרף זיך מיט איהם ערשטענס אָבזעגענען פֿיין, דאַנקען איהם פֿאַר זיין זאַלץ און ברויט, זאָל ער ניט מיינען, אַז וואָיטעק איז טאַקי עפּיס אַ לאָבוס, אַ יונגאַטש... וואָיטעק פֿערשטעהט, ווי צו בעגעהן זיך...

יאָ ער וועט וואַרטען נאָך אַ ביסעל, ער וועט אַריין נאָכ'ן

רעכנונג, עס קומט איהם פאר צוויי טעג: מאנטאג, דינסטאג, עס מאכט אוים א...

דער קאפ איז איהם אבער שווער און ער קען ניט אויס־רעכענען.

— ניש־קשה — מאכט ער א חניפה אונטער די אויגען — דער בעל הבית וועט ניט פערלאנגען מיינע געלד... ער וועט ניט צודרעהען...

עס פערדריסט איהם, וואס דער בעל הבית קען ניט וויסען, ווי גוט ער טראכט פון איהם יעצט. נאר ער וועט איהם זאגען:

— בעל הבית, איך האב צו אייך גאר ניט...

יא, אזוי וועט ער איהם זאגען.

ער ווערט בעגייסטערט, און עס פאלט איהם איין א גליקליכע אידעע: נאך דעם ווי ער וועט צונעמען די ביסעל געלד, וועט ער איהם א קוש טהון אין האנד, ווי עס פאדערט זיך.

— עס וועט זיין גאר פיין! ווערט ער ענטציקט.

ער האט אבער מורא פאר איין זאך: דער קאפ איז איהם פערדרעהט, ער קען נאך פערגעסען...

און ער חזר'ט זיך איין עטליכע מאל:

— בעל הבית, איך האב צו אייך גאר נישט! און נאך דעם א קוש טהון אין האנד... ער ווערט גאר פרעהליך און איז זיכער, אז עס וועט ארויסקומען אויפ'ן בעסטען אופן...

ניט לאנג אבער האט איהם די פאנטאזיע געמאלט דאס דאזיגע בילד. ארומגעהענדיג הין און צוריק ניט ווייט פון דער דרוקעריי, וואוהין ער האט אלע ווייל געווארפען פערליעבטע בליקען, האט ער ביסלעכווייז אנגעהויבען צו זעהן די נאקעטע ווירקליכקייט, א הונגעריגע, אנ'עלענדע, און עס האט איהם געשווינדעלט.

— נארישקייט! האט ער געמורמעלט פאר זיך — איך קען דאך אזוי ניט אוועקגעהן... עס איז דאך אונמעגליך... אבגעוועזן 25 יאהר און גלאט אוועקגעהן... עס קען דאך ניט זיין!

מען דארף זעהן פערריכטען, פערהאפען צוריק. ער וועט שוין אריינגעהן און וועט זאגען: — איהר טארט מיך ניט אוועקלאזען...

איהר קוילעט מיך... וואָס הייסט, 25 יאָהר אָבגעוועזען ביי אייך... זוער וועט מיך נעמען ערגעץ... אַלט, קראַנק...

אָ, ניין! פערחאַפּט ער זיך... זאָל איהם גאָט אויסהיטען אַזוינס צו זאָגען... אַלט איז ער ניט... ער איז אַלט אין גאַנצען 60 יאָהר, זיין טאַטע האָט געאַרבייט ביז 75, קראַנק אודאי ניט... וואָס הייסט קראַנק? טאָמער חאַפּט איהם אַמאָל ברעכען דער קאַרק, נו, וואָס געהט עס אָן דעם בעל הבית, וואָס דאַרף ער עס וויסען? זיין טאַטע איז ער, וואָס ער זאָל זיך פאַר איהם קלאָגען?...

אָבער דער געדאַנק, אַז עס טהוט איהם די לעצטע צייט צו־אָפּט וועה דער קאַרק לאָזט איהם ניט אָב.

„עס איז אייגענטליך" — טראַכט ער — פון מיין זייט ניט עהר־ליך — פערלייקענען אַזאַ זאַך טאָר איך ניט... אַנ'אַרבייטער דאַרף זיין אַ געזונדטער, בפרט ביי מיין אַרבייט... צו טראָגען די פּעק פּאַפּיער און די קאַסטענס דאַרף מען טאַקי האָבען כח. מיר פעהלט דאָס שוין... יאָ! יאָ! מיר פעהלט! אַזאַ זאַך טאָר מען ניט פער־לייקענען... איך וועל זיין ערגער פון אַ גנב, ווען איך וועל דאָס פערלייקענען, ער דאַרף אַלץ וויסען, וועט ער וועלען וועט ער מיך האַלטען, ניט — ניט! אָנוואַרפען זיך אויף אַ בעל הבית טאָר מען ניט...

און ער בעשליסט, אַז ער וועט באַלד אַריינגעהן צום בעל הבית און אַרויסלעגען דעם גאַנצען אמת און זאָל ער זעהן מיט וועמען ער האָט געהאַט צו טהון...

לאָזענדיג זיך געהן צום בעל הבית האָט ער בעגעגענט די איבריגע אַרבייטער געהן פון דער דרוקעריי.

— גוט־מאָרגען! האָט ער זיך פערנייגט פאַר זיי מיט גרויס הכנעה... שוין וואַרמעס־צייט?

— וואָס, דו ביזט ניט קיין הינגער? האָט איהם אַנ'אַרבייטער אָנשטאָט צו ענטפערן, פער'חדוש'ט געפרעגט.

— איך... האָט וואָיטעק אויסגעשטאַמעלט... איך, ברידער געה אַוועק פון פאַבריק.. חי־חי־חי — שוין צייט! כ'בין שוין אַ זעכציגער...

— אַזוי, ביזט שוין צוגעשטאַנען? האָט דער אַרבייטער גע־לאַכט — מיאוס!

— וואָס הייסט צוגעשטאַנען? האָט וואָיטעק זיך פֿערענטפֿערט — עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, — גאָט וויל אַזוי... אַ גוטען, קינדערלעך... איך געה זיך זעגענען מיט'ן בעל הבית... 25 יאָהר אָבגעדיענט... איך האָב צו איהם גאָר ניש... מיר קומט נאָך פֿאַר צוויי טעג... אַ קלייניגקייט — ער וועט, ניש־קשה, בעצאָהלען... ער האָט פֿאַר 25 יאָהר בעצאָהלט. וועט ער פֿאַר צוויי טעג אויך בעצאָהלען...

ער האָט זיך פֿונאַנדערגעלאַכט, דער יונגער אַרבייטער האָט געוואָלט איהם וואָס ענטפֿערן, נאָר אַ צווייטער האָט איהם איבערגעהאַקט:

— קום, וואָס האָסטו זיך געשטעלט טענה'ן?...

— געהט, געהט, ברידער, עסען! האָט וואָיטעק פֿריינדליך זיך געווענדט — מיר וועלען זיך אַ מאָל טרעפֿען... אָ, יאָ! מיר וועלען זיך נאָך זעהן...

ער האָט אָבער געפֿיהלט, אַז ער גלויבט אַליין ניט אין זיינע ווערטער און ער האָט געמערקט, ווי ווייט ער איז יעצט פֿון אַט די יונגוואַרג, וואָס זענען אַוועק מיט שנעלע טריט און איהם געלאָזען אַליין...

— זאָל זיי גאָט העלפֿען! איך האָב צו זיי גאָר ניט! האָט ער אַרויסגעמורמעלט און זיך געלאָזט געהן צום בעל הבית נאָך אַ רעכענונג...

XXI.

ווען עסט חיים מלמד א בייגעל?

צוויי פרנסות האָט חיים געהאַט: ער האָט געקנעלט און בייגעל געבאַקט, און אַ וואונדערליכע זאַך! — ער איז געווען אַ אָרעמאַן און האָט געזוכט אַ דריטע פרנסה, נאָר צו קיין דריטער פרנסה האָט ער שוין ניט געטויגט; אַ קול האָט ער אַפילו געהאַט, אַ הייזעריגליכען און האָט געקלונגען זעהר האַרציג און צובראָכען, און ימים=נוראים וואָלט ער געקאָנט דאַווענען פאַר'ן עמוד און חאַפּען דערפאַר עטליכע רובל, — האָט ער אָבער, ניט פאַר קיין יודען געדאַכט, געהאַט אַ קורצען אָטהעם: רעדענדיג אַפילו פלעגט ער זיך מוזען נאָך יעדען וואָרט אָברוהען און חאַפּען דעם אָטהעם. עס פערשטעהט זיך, אַז מיט אַזאַ „פעהלער" קען מען ניט האָבען קיין העזה צו שטעלען זיך ימים=נוראים פאַר'ן עמוד, ביי אַ זעלכע לאַנגע שמונה עשרה'ס, וואָס מען דאַרף איבערחזרן וואָרט און וואָרט פאַר'ן עולם. דעם עולם געהט כלל ניט אָן, צי חיים האָט אַ לאַנגען אָטהעם, צי אַ קורצען און ער פערלאַנגט פאַר די עטליכע רובל, אַז דער ש"ץ זאָל פאָהרען ווייטער און ווייטער, ניט אָבשטעלען זיך אויף אַ רגע... חזנות איז ניט מלמדות — אַ מלמד קען אַפילו קיין לונגען ניט האָבען, מאַכט אויך ניט אויס: מיט קליינע יונגלעך לערנען דאַרף מען קיין גבורה ניט האָבען, אָבער שטעלען זיך פאַר אַ צבור, איז געוויס ניט קיין קלייניגקייט—דאָ דאַרף מען האָבען אַ האַלז, אַ האַרץ און טאַקי אַן'אָטהעם...

קיין לייכטערע פרנסות, צו וואָס חיים וואָלט יאָ געטויגט, איז אין שטעדטעל ניט געווען. צו אַ קראָם פאַר זיין ווייב האָט חיים קיין „קאַפּיטאַל" ניט געהאַט. דער האַלבער פוד מעהל, פון

וועלכען חיים פלעגט אויסבאַקען אַלע טאָג בײַגעל פאַר דאָס שטעדטעל, פלעגט איהם אויך שווער אָנקומען, און דעריבער האָט זיך חיים געמוזט בעגנוגענען נאָר מיט די צוויי פּרנסות און לעבען טאַקי אין גרויס נויט...

די בײַגעל פלעגט חיים באַקען: ווינטער־צײַט פאַר טאָג און זומער—ווי די זונן פלעגט אויפגעהן. זײַן ווײַב, עלקע, פלעגט דאָס טײַג פערקנעטען, די עלטערע טאָכטער, בײלה, פלעגט וועלגערן און מאַכען קײַלעכדיג, דאָס יונגערע מײדעל, גרונה, פלעגט עס ווארפען אין אַ הײסען טאָפּ וואַסער, און פון טאָפּ פלעגט שוין חיים בכבודו ובעצמו אַלײן אַרויסנעמען און זעצען אין אויווען. ווי מען זעהט דאָ, האָט חיים גענומען פאַר זיך די שווערסטע מלאכה, נישט קוקענדיג, וואָס ער איז דער שוואַכסטער געווען פון די איבעריגע. דער טעם דערפון איז אַ פּשוטער: ערשטענס איז דאָס זעצען אין אויווען אָנשטענדיגער, ווי קנעטען דאָס טײַג, און דאָס איז ניט אַזאַ בזיון פאַר אַ יודען אַ תּלמיד חכם, ווי חיים איז. זעצען איז אַ מאַנסבילשע אַרבײַט. פּסח אין „פּאָדריאַד“ פון מצות זענען אַלע זעצער מאַנסביל. אמת, עס טרעפען זיך אַמאָל ווײַבער אויך זעצערינס, נאָר דאָס איז אַ זאַך, וואָס געהט אַרויס פון כּלל. ווי למשל, אַלע דאָקטוירים זענען מאַנסבילען, פון דעסטוועגען טרעפט אַ מאָל אַ „יודענע“ אויך אַ דאָקטערקע... צווייטענס, האָט חיים גענומען די אַרבײַט פון זעצען צוליעב דער וואַרעמקײַט. חיים איז געווען אַ יוד אָהן אַ טראָפּען בלוט און איהם איז שטענדיג קאַלט געווען. עס פלעגט טרעפען אַמאָל, אין די גרויסע היצען פלעגט חיים קענען אַ זאָג טהון צו די תּלמידים — מאַכט צו קינדער־לעך די טהיר, מיר איז עפּיס מאָדנע קאַלט...

אָט די וואַרעמקײַט, איז חיים'ן ניט נאָר ווינטער, אפילו זומער אויך ליעב געווען, און ער פלעגט מיט גרויס תּענוג שטעהן בײַ'ן אויווען, וואו דאָס פײַער האָט אַזוי פרײַנדליך, אין מזרח־זײַט פון אויווען, געפלאַקערט און בעלויכטען די צײַלען בײַגעל, וואָס חיים פלעגט בריה'ש אויסזעצען אויפ'ן „פּאָד“.

חיים איז געווען אַ בײַגעל־בעקער, האָט אויסגעבאַקען אַלע טאָג ביז צוויי הונדערט גראָשענע בײַגעל און פון דעסטוועגען האָט ער

אַליין מיט דעם ווייב און קינדער, זעהר זעלטען אַ בייגעל פערזוכט, און חיים פלעגט זעהר אָפט זיך ווינשען זיין אַ נגיד און עסען „אַנ׳אֶמת׳ן ריינעם בייגעל״... „אַנ׳אֶמת׳ער ריינער בייגעל״ האָט ביי חיים׳ן געהייסען יענער בייגעל, וועלכען מען פערקויפט די בעלי הבתים פונ׳ם שטעדטעל פאַר אַ גראָשען; וואָס געהט אַרוים פון אויווען ריין, טרוקען, און גלאַנצט, ווי מיט אַ רויטליכער פאַרב. אַזאַ בייגעל הייסט פערברוינט און ער איז טאַקי זעהר געשמאַק — ער צעשיט זיך ממש אין מויל; ווען מען גאָט העלפט אויפעסען אַזעלכע 5—6 בייגעל, קען ווערען געזונד ווי אַ מויער... אַזעלכע געראָטענע בייגעל האָט חיים מיט זיינע בני בית זיך ניט פערגונען צו עסען. צו אַ שעהנעם תּכלית וואָלטען זיי געקומען, ווען יעדער פון זיי וואָלט אַלע טאָג אויפגעגעסען אַ זעלכע עטליכע גראָשענע בייגעל!... דאָס זעכציג־רובעלדיגע קנעלונג פאַר׳ן זמן, וואָס חיים האָט אין שטעדטעל, וואָלט אויך ניט געטראָגען, אַפילו אַז אַלע בעלי־בתּים זאָלען איינצאָהלען, — בפרט אַז אַגוטע העלפט שׂכר־למוד ווערט פערפאַלען...

עסען פלעגט חיים, זיין ווייב און קינדער נאָר פון אַזאַ סאָרט בייגעל, מיט וועלכען עס פלעגט טרעפען אַ סבּה: אַז ער פלעגט צוגעברענט ווערען אַ ביסעל, אָדער אין אַש זיך איינריכטען, אָדער אויף דר׳ערד פון דער לאָפּעטע אַראָבפאַלען און דערפון פערלירען זיין געהעריגע צורה. אַזוינע מיני בייגעל פלעגט אָבער טרעפען זעהר זעלטען, ווייל חיים האָט זיך שטאַרק געהיט, אַז קיין סבּות זאָלען זיך ניט טרעפען. צייטענווייז נאָר, ווען חיים׳ס יצר הרע פלעגט זיך שטאַרק צופלאַקערן פערזוכען אַשטיקעל בייגעל, פלעגט ער גאָט בעטען, אַז עס זאָל זיך טרעפען עפּיס אַ סבּה, און ניט פערלאָזענדיג זיך אין גאַנצען אויף גאָט, פלעגט ער „ברויכען״ אייגענע מיטלען, אַז אַ פּאָר בייגעל זאָלען ניט אַרוים גאַנצע פון אויווען. לאָזען זיי בעצם ידו פערברענט ווערען, אַזאַ העזה האָט חיים ניט געקענט האָבען; אַליין קאַליע מאַכען — זאָל דער אויבערשטער אויסהיטען, דאָס איז אַ גרויסע טפּשות און אַ חטא... נאָר אָבנאַרען זיך אַליין און דאָס ווייב און די בייגעל אַפילו, דערויף האָט חיים יאָ אַ העזה געהאַט, און אין אַזעלכע מינוטען, ווען דער יצר הרע — פון אַ בייגעל פלעגט זיך אויף איהם מתגבר זיין, פלעגט ער זיך כּלומר׳שט פערטראַכטען, וואו צו נעמען מאָרגען געלד אויף האָלץ.

נישט קוקען דערוויַיל אין אויוועך, זיך פלוצים א חאַפּ כּהון צום אויוועך מיט אַ געשריי:

— אַ—אַי—אַי!...

— וואָס איז דאָרטען? פרעגט דאָס ווייַב דערשראָקען.

— אַי—אַי—אַי! שרייַט אַלץ חיים און הויבט אָן אַרויסנעמען געשווינד די בייגעל, צווישען וועלכע אַפּאָר געפינען זיך אין גאַנצען צוגעסמאַליעט...

דאָס ווייַב און די צוויי טעכטער בעטראַכטען די פּאָר בייגעל און זיפצען:

— ווער וועט זיי שוין איצטער קויפען?

— אַ משוגענער סײַדען... זאָגט חיים כּלומרשט פערטרויערט און אין האַרצען איז ער שטאַרק, שטאַרק צופריעדען: ער וועט הייַנט עסען אַ בייגעל... ער וואַרט נאָר, אַז עלקע זאָל וועגען דעם דערמאָהנען. ער וויל ניט אַרויסטרעטען דער ערשטער—עס פּאַסט פאַר איהם ניט, אַ יוד טאָר קיין „זולל וסובא" ניט זיין....

און עלקע קוקט, קוקט אויף די פּאָר בייגעל און זאָגט ענדליך אַרויס:

— מען וועט שוין, ברוך השם, אַליין מוזען אויפעסען—וואָס זאָל מען טהון? געפּטר'ט אַ קאָפּיקע...

און נאָכ'ן דאַוונען וואַשט זיך חיים מיט מעהר „פּאַראַד", ווי שטענדיג, זאָגט שאו ידיכם מיט אַ נגון און מאַכט המוציא אויף אַ גאַנצען בייגעל, חאַטש אַ פערברענטען.

און יענער טאָג איז בייַ חיים'ען אַ מין יומא דפגרא און ווען ער וואָלט זיך ניט געשעמט, וואָלט ער יענעם טאָג מיט די תּלמידים נאָר ביז מיטאָג געלערנט, ווי למשל ראש חדש, ווען זיין עלקע קאָכט אַ „בעסערן וואַרמעס"...

XXII.

דֶער אוֹרַח.

זעליג דער מולער, צי ער האט ארבייט, צי ניט, געהט שטענדיג פערשמירט אין לעהם און ניט נאר די בגדים, אויב מען קען זיי אזוי אנרופען, נאר אויך דאס גאנצע פנים איז ביי איהם דערין אויסגעשמירט. און אז מען קוקט זיך אין איהם איין, דאכט זיך, אז ער איז אין גאנצען א לעהמענער.

זעליג האט ווינטער קיין ארבייט ניט, זעלטען ווען ער קריגט א שטיקעל ארבייט ביי'ן בעקער, איז דאס אויך נאר אויף א האלבע שעה, און דאך איז ער ווינטער אזוי אויסגעשמירט ווי זומער, ווען ער האט פיעל ארבייט. עפים דאכט זיך, אז דער לעהם איז אויף איהם פערטריקענט געווארען און עס איז שוין גאר קיין סגולה ניטא איהם אראבצוּוואשען.

זעליגען קען יעדער דערקאנען פאר א האלב ווייארסט. זיין גאנצער הילוך, זיינע איינגעבויגענע פלייצע, פון די מולטערס לעהם, וואס ער האט אין זיין לעבען איבערגעטראגען, שיידען איהם אפּ פון אלע אנדערע יודען אין שטעדטעל און ער ווארפט זיך שטענדיג אין די אויגען. אין א גרויס געלויף אין גאס, ביי יעדער רעדעל, אפילו אין בית־המדרש, ווען א בעריהמטער מגיד „זאגט״ און די אנזיכטיגסטע בעלי־בתים פערלירען זיך צווישען גרויסען עולם, זעהט מען נאר איין זעליגען, און יעדערער, אויב ער טראגט נאר א שטיקעל רעכטען בגד, היט זיך פון זעליגען ער זאל חלילה זיין בגד אין לעהם ניט פערשמירען.

נאָך פּורים, אַז דער עולם הויבט זיך אָן צו קאַלבען, קען מען זעליגען סיידען פערבייטען מיט דעם צווייטען קאַלבער חיים „האָזש", וועלכער איז אין איין הויך מיט זעליגען. זעליג'ס טואַלעט בעדעקט זיך דאַן אין גאַנצען אין ווייסע קייקעלעך און די היטעל, וואָס האָט אין מיטען אַ ריס איז דורכאויס פערקאַלכט, אַז דער ריס זעהט זיך ניט און מען קען דעריבער מיינען, אַז זעליג דער מולער טראָגט אַ גאַנץ היטעל.

און וואָס אַ טאָג נעהנטער צו פּסח, ווערט זעליג אַלץ ווייסער און ווייסער, און אָנהויב ניסן אַז די לבנה איז נאָך ניטאָ און די פינסטערניש אין שטעדטעל איז זעהר גרויס, בעגעגנענדיג זעליגען, דערפרעהט מען זיך ממש: פאַר דער שיין פון זיין ווייסקייט קען מען זעהן ווי דורכצוקריכען די בלאָטע, וואָס שפּילט זיך אין שטעדטעל אָנהויב ניסן פענאַנדער, אַז מען קען אין דער פינסטער דערטרונקען ווערען.

און פון פּורים ביז ניסן וואַרפט זיך זעליג יעדערן אין די אויגען. ער איז דער איינציגער, וואָס צייכענט זיך אויס מיט זיין טואַלעט, און ווען אין שטעדטעל וואָלט, למשל, קיין מאָדע, אָדער בעסער געזאָגט, קיין „מנהג" ניט געווען דאָס קאַלכען זיך, און אַזוי אָבגעווייסטער ווי זעליג וואָלט אַהין אַריינגעפאַלען, וואָלט מען נאָך איהם געוויס גאָכגעלאָפען, ווי מען לויפט נאָך נאָך בעריל דעם משוגענעם, אַזוי אָבער קוקט מען אויף זעליגס טואַלעט, ווי אויף אַ געוועהנליכע זאַך. יעדער שטעדטעלדיגער יוד, אַפילו אַ יונגעל, פערשטעהט ווי באַלד זעליג איז אַ מולער און אַ קאַלכער מוז ער אַזוי אויסזעהן, ווי דען אַנדערש?...

פערשוואונדען פון דער סצענע ווערט זעליג ערב פּסח. ניטאָ זעליגען! און ווען מען וואָלט איהם ווי נויטיג געדאַרפט האָבען, וואָלט מען איהם בשום אופן ניט געפונען, ווייל אויף דער אַר־בייט נעהמט מען איהם שטענדיג פון גאַס; וואו זעליג וואָהנט ווייסען נאָר יחידי סגולה, אַ פּאָר שכנים, און דער שמש פון בית־מדרש.

נאָר זעליג האָט זיין אַרבייט אָבגעטהון ביז ערב־פּסח און קיינער דאַרף איהם ניט און ערב פּסח מאַכט זיך זעליג פּסח'דיג, און פּסח'דיג מאַכען זיך דאַרף ביי זעליגען געדויערן זעהר פיעל,

ניט אזוי גרינג איז אראבוואשען אזוי פיעל לעהם און אזוי פיעל קאלך פון פנים, פון דעם גאנצען גוף. נאר זעליג רייניגט זיך, ער געהט אין באד און וואשט זיך דארט זעהר לאנג, חאטש עס איז זעהר ענג. קומענדיג פון באד רייניגט ער אויס זיינע שטיוועל, אגווייקענדיג פריהער זיי גוט אין וואסער. שפעטער א ביסעל הויבט ער אן זיך איבערטהון. פארטיג ווערט ער קוים, ווען מען געהט שוין דאווגען און דאס ווייב זיינס, די בייגאכטיגע מלכה, טרייבט איהם: „געה שוין, זעליג, אין שוהל, ביזט שוין ריין".

נאר זעליגען גלויבט זיך עפיס ניט. איהם דאכט זיך, אז דער שפיץ נאז איז אין קאלך, אז הינטען איז דער גאנצער יום־טוב'דיגער סורדוט אין ווייסע פלעקען, חאטש ער האט אין סורדוט קיינמאל ניט געארבייט, און ער זעהט זיך נאך א מאל ארום, ביז ער איבערציינגט זיך, אז ער זעהט שוין אויס ווי א „מענש".

אין בית־מדרש קומט ער צו דער מנחה'דיגער שמונה־עשרה, און ער זעצט זיך אוועק אויפ'ן באנק הינטער דער בימה. דאס איז די איינציגע באנק, וואס איז א קהל'שע און וואו „שטעדט" זענען ניט קיין פעררוגגענע.

די עטליכע יודען, וואס דאווגען ביי דער באנק, קוקען אויף איהם, קוקען און ווילען עפיס פרעגען. זעליג קוקט אויף זיי אויך. ער דערקענט זיי יעדערן, ער האט כמעט ביי יעדערן די שטוב געקאלכט...

ער וויל זיי עפעס זאגען, נאר ער האלט זיך איין, ניט האבענ־דיג איינענטליך וואס.

— שלום־עליכם, רוקט איהם איינער פון די יודען ארײן א האנד: עפיס א ווייטער?

זעליג ווערט ווי מבולבל און קען גלייך נישט ענטפערן. דער־וויל רוקט איהם א צווייטער יוד די האנד:

— שלום־עליכם! פון וואנען איז א יוד?...

ביי'ן דריטען „שלום־עליכם" קומט שוין זעליג צו זיך און מיט א געלעכטער'ל נעהמט ער זיי ארויס פון טעות.

— איהר דערקענט מיך ניט? שטעלט ער אן זיינע אויגען אויף זיי.

— ניין, הערט ער אָנ'ענטפער, און באַלד אַ פראַגע: „ווער זענט איהר?"

— אַ געלעכטער, כלעבען .... איך האָב דאָך ביי אייך די שטוב געקאַלכט ... זעליג דער מולער ...

— טפו, מיינע שונאים! שפייט דער ערשטער אוים נאָך דער ערקלערונג. וואָס קען זיך טרעפען געשיכטען! איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז ווער ווייסט ווער, ערשט זעליג דער מולער גאָר.

און די יודען ביי דער באַנק שמועסען וועגען זייער טעות, ניט קוקענדיג שוין מעהר אויף איהם. זעליגען פערדריסט וואָס ער האָט אָט די נאַרישע בעל-גאוה'דיגע בעלי־בתים אויסגעזאָגט זיין יחום.

— אַ קריינק זיי אין די ביינער, טראַכט ער אין האַרצען. ניעחיי וואָלטען די „יאָלדען" געמיינט, אַז איך בין טאַקי ווער ווייסט ווער!

נאָר יעדעס יאָהר קען זעליג זיך ניט איינהאַלטען און זאָגט אוים זיין יחום...

XXIII.

בולקעס.

בײַ פרײַדע שלמה'ס איז מען אפילו ברויט אויך געווען זשעדנע, נאר אזוי ווי דאס ברויט האט זי אליין געבאקען און באקען האט זי ניט געקענט און עס איז שטענדיג ארויס אדער טייג אדער פערברענט און דאס עצם מעהל איז געווען שווארץ און זאמדיג, האבען זיך די זעקס קינדער, וואס זי האט פערמאגט, פאר ברויט ניט געשלאגען. א בולבע איז געווען שוין א זאך פאר וואס עס איז כדאי צו מאכען סקאנדאל. און אויך ניט פאר אלע מינים בולבעס. אויב די בולבע איז געווען פון א העכערן מין, וואס הייסט סלאנקע און איז געווען געשיילט און מיט זאלץ געקאכט, האט זי זוכה געווען אז מען זאל פאר איהר מקריב זיין עטליכע „קניפ", גראפען און דאס גלייכען, טאמער איז אבער די בולבע געווען פון דעם נידריגען מין, וואס האט געהייסען „מאסקויקע", א מין וואסערדיגע, פאר אזא פרי האט מען זיך נאר אונטערגעשאלטען און אויך ניט זעהר הויך.

סקאנדאלען זענען ערשט פארגעקומען פרייטאג פריה ביי די בולקעס.

שטעלט זיך פאר, אז פריידע שלמה'ס האט געבאקען אויף שבת פיער פונט ווייצענס, האט זי פון די פיער פונט מעהל קודם כל געמוזט האבען דריי חלות אויף קידוש און די איבריגע אויף בולקעס אויף פרייטאג. וואלט טאקי פריידע אויסען געווען די בול־קעס נאר אויף פרייטאג אליין, וואלט גאך געווען ווי־עס־איז, דען די פיער פונט מעהל פלעגען אייגענטליך אויסער די דריי חלות, נאך ארויסגעבען פון זיך אכט בולקעס, אז מען זאל זיי דארפען קויפען ביי דער בעקערין, וואלטען זיי געקאסט צו זעקסערלעך. איז אבער

פריידע שלמה'ס אַ גרויסע פערזאָרגערין, באַקען באַקט זי די בולקעס כלומר'שט אויף פרייטאָג און מיינען מיינט זי אויפ'ן מיטען־דער־וואָך... און טאַקי אויף דעם קומענדיגען שבת אַ קוגעל מאַכען. פריידע שלמה'ס זאָגט, אַז אַ קוגעל פון אַן'אַלטער אָנגעווייקטער בולקע איז פאַר מלכים צו געבען — אַזאַ מאכל איז דאָס. אַ שאָד נאָר וואָס די בולקע דערלעבט ניט אַלט צו ווערען. ביז דינסטאָג קען זי די פערבליבענע עשירות בשום אופן ניט איינהיטען און פון אונטער די הענד גנב'עט מען זיי אַרויס און מען פרעסט זיי אויף — פרעסען זאָלען זיי די ווערים! וואָרום פריידע האָט דען — ווי זי קלאָגט זיך — קינדער? שדים האָט זי, פרעסער, זויפער! און „ער", שלמה אַליין, איז דען בעסער? ער איז אויך אַ גוטער טרפה'נער האַלז. זי האָט איהם דען וועניג מאָל געכאַפּט נאָך פאַר'ן דאַוונען — אַזאַ שניידערוק — קיַענדיג בולקע. באַקאָם זאָל איהם אַרויס!...

נאָר דאָס איז אָבער אַלץ געזאָגט בנוגע די בולקעס, וואָס בלייבען אויפ'ן מיטען־וואָך. פרייטאָג אָבער איז זי אַליין ניט קיין שטיף־מאַמע און גיט יעדען קינד, לויט די יאָהרען, צו שטיקלעך בולקע צום מילכיגען קרופּניק, וואָס זי קאָכט טאַקי לכבוד פרייטאָג. איהם, דעם שפּייזער, גיט זי אַ גאַנצע בולקע, נאָר וואָס קלעקט פאַר איהם אַ בולקע? ווי אַ פערד אַ צוקער־לעקעך. אַזוי זאָגט פריידע, נאָכדעם ווי ער שלינגט זי איין ביי די ערשטע פאַר לעפעל קרופּניק און בעט נאָך אַ שטיקעל. עס פערשטעהט זיך, אַז דאָס בעטען איז נאָר אויס געוואָהנהייט. פריידע ענטפערט איהם אַפילו ניט אַזוי צוקאָכט איז זי. סטייטש! אַ מענש זאָל זיך קיינמאָל ניט אָנעסען! ניט אַזוי גיך אָבער ווערט זי מוסכם מיט די קינדער, איבערהויפּט מיט די קלענערע. מען רייסט זי פון אַלע זייטען: מאַמעליי נאָך אַ שטיקעל; מאַמע'ע, נאָך איין ביס, און גאָר דאָס יונגסטע זעקס־יעהריגע גאָלדעלע וואָס קען נאָך קיין קוף ניט זאָגען, שפּרייט זיך אויס אויף דער ערד, פערוואַרפט דאָס קעפּעל און שרייט אין איינע קולות:

— נאָך בולטע!

און פריידע ענטפערט איהר צום גראַם:

— נאָך אַ כטולטע וועל איך דיר געבען. דאָס הייסט, נאָך

א מכה, און דאָס קינד וויל אָבער פאָרט נאָך א בולקע — הויבט זיך די שטוב.

א טאָג פאַר פּסח באַקט פריידע אויף דעם ערב־פּסח'דיגען אָנבייסען די זעלבע פּיער פונט ווייצענס; קיין חלות דאַרף זי שוין אָבער ניט. עס געהען אַרויס א בולקעס 12—13, זי בעהאַלט עס ביז מאָרגען פריה און גיט קיינעם ניט א ביסען.

אין דער פריה, ערב פּסח, וועקט זי די קינדער:

— שטעהט אויף ממזרים, די בולקעס עסען, באַלד פאַרברענט מען חמץ און מען וועט ניט טאָרען עסען.

די קינדער אָבער, אַלע פאַרהאָרעוועטע פון דעם נעכטיגען שייערן און כשר'ן אויף פּסח, שטעהען ניט אזוי שנעל אויף און פריידע מוז נאָך אויסשיטען איהר גאַנצען רעפּערטואַר קללות.

ענדליך זענען שוין די קינדער אויפגעשטאַנען. שלמה קומט שוין פון בית־המדרש, וואו עס איז אַן'ערב־פּסח'דיגער סיום געווען און ער האָט גענומען דאָרט אַביסעל בראָנפען מיט פאַרבייסען. פריידע טרייבט:

— נו, גיכער, לאָמיר שוין אָנבייסען די בולקעס מיט די מילך; באַלד דאַרף מען דאָך חמץ פאַרברענען.

— מיר ווילט זיך גאָר ניט עסען... כ'לעבען — וויצעלט זיך שלמה, האַלב־שכור'לעך... כ'האָב גענומען א ביסעל בראָנפען...

— מיר ווילט זיך נאָך אויך ניט עסען אויף נאמנות! — קלאָגט זיך דאָס עלטערע מיידעל, קוקענדיג אויף דער מוטער מיט די בולקעס.

— איך וויל נאָך אויך ניט... זאָגט נאָך א קינד קורץ. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז קיינער וויל אויף צו־להכעיס ניט עסען. פריידעס אויפרעגונג איז ניט משער צו זיין.

— איהר פרעסט, צי ניט? — ברענט זי און כעס'ט, — וואָרום איך וועל אייך מיט געוואַלט אַריינשטאָפּען.

שלמה געהט זיך וואַשען, נאָך איהם די קינדער.

מען שטעלט זיך אַלע אַרום דער מולטער בולקעס, פריידע גיסט אָן יעדען צו גאַנצע גלאָז מילך און סטאַרעט זיך פריינדליך צו זיין; זי דאַרף יעצט זייער טובה.

— עסט, קינדערלעך.

הערענדיג אזא ווייבקייט פון דער מאמען, ווערען די קינדער געריהרט און עסען מיט געוואלט א ביסען, אבער אז די מילך איז געענדיגט בלייבט נאך אין מולטער זעקס בולקעס. פריידע קוקט אויף זיי פערצווייפעלט.

— משומדים, עסט! זאל איך ארויס ווארפען זעקס בול־קעס?.. פרעסט!

— כ'לעבען עס געהט ניט מעהר!.. בעט זיך שלמה — איך וואלט דיר אודאי צוליעב געטהון...

— נו, און איהר? — ווענדט זי זיך צו די קינדער.

די בעסערע, מעהר געהארכזאמע קינדער, וואס ווילען צוליעב טהון דער מאמען, נעהמען נאך צו ביסען, די ערגערע אבער האל־טען אין איין טענה'ן:

— עס געהט ניט!...

עס העלפט ניט פריידעס ניט דאס בעטען מיט גוטען, ניט דאס שילטען, און א פערצווייפעלטע מוז זי א פיער בולקעס ארויפטראגען אויפ'ן בוידעם, וואו עס ערוואַרט זיי פערשימלונג און פערדארונג...

און זי שילט פול מיט ערביטערונג:

— זאל פון אייך ווערען וואס פון די בולקעס וועט איבער יום־טוב ווערען...

נאר איהר הארץ גיסט זי ערשט אוים א זייגער עלף, ווען די בולקעס זענען שוין אויפ'ן בוידעם, דער חמץ פערברענט און קיין מצה טאר מען ניט און עס איז א שאד צו עסען — און אט ערשט דאן איז זיך מישב א קינד און מורמעלט ארויס:

עס ווילט זיך עסען...

און באלד ווייזט זיך ארויס, אז אלע ווילען עסען...

דא פעהלען שוין פריידע'ן קללות אוים, און זי מוז קיהלען איהר הארץ מיט א קלאפ, און זי רייצט זיך:

— אויפ'ן בוידעם ליגען פיער בולקעס...

און די קינדער הויבען אן שטארק חרטה האבען אויף זייערע זינד, וואס זיי האבען אין דער פריה ניט געגעסען, נאר די תשובה איז שוין שפעט. און שלמה אליין, וועלכער האט זיך שוין אויך

גוּט אויסגעהונגערט, געהט אַרום אַ האַלבער-אַ פּסח'דיגער און מורמעלט:

— היינט זיי אַ חכם און טרעף, אַז עס וועט זיך באַלד װעלען עסען...

און אַ הונגעריגער וואַרט ער אויפ'ן סדר, וועלכער וועט נאָך ערשט העט-ווען זיין...

און אַ הונגעריגער נעהמט ער אויף זיך, בלי נדר, אַז איבער-אַ יאָהר וועט ער אויפעסען אַלע בולקעס, איבער אַ יאָהר וועט ער פאַר'ן בוידעם ניט לאָזען קיין ביסען.

איבער אַ יאָהר איז אָבער ווידער די זעלבע מעשה.

האָט שוין פריידע אַ מאָל געפּרובט באַקען נאָר דריי פונט, איז אויך געבליבען אַ דריי בולקעס. ניט אַנדערש ווי אימיצער האָט פערשאָלטען, ניט אַנדערש!...

XXIV.

צווי תקיעות.

אז די סאָלדאַטען פון דער זעכצעהנטער ראָטע פלעגען זומער־צייט אין לאַגער מאַכען אַמאָל אַ שמועס וועגען די קומענדיגע שווערע מאַנעווערס, פלעגט שוב, אַ קליין נידעריג סאָלדאַטעל, מיט אַ בלייך פּנים, זיך שרעקען, פענאַנדער פרעגען אַקוראַט ביי די עלטערע סאָלדאַטען, וועמען לאָזט מען איבער אויף קאַראַאול און בעקומענדיג אַנ'ענטפער, אַז אויף קאַראַאול בלייבען די קראַנקע און שוואַכע, פלעגט שוב'ן אַ ביסעל לייכטער ווערען אויפ'ן האַרצען און ער פלעגט זאָגען:

— ניטשעוואָ, מיך וועט מען לאָזען!

— אוודאַי, פלעגען די גוי'עשע סאָלדאַטען לאַכען — אויף וואָסערע צרות וועט מען שלעפּען אַזאַ שלאַק ווי דו, אַ „ראַבין".

„ראַבין" האָט מען שוב'ן גערופען דערפאַר ווייל ער האָט פון „קעסעל" ניט געוואָלט בשום אופן עסען און פלעגט אַמאָל אַריינכאַפּען אַ „דאַווען טהון".

ערב מאַנעווערס, אַז דער דאָקטאָר האָט געמאַכט אַ „סמאָטר" וועמען צו לאָזען, האָט שוב נושא חן געווען ביי'ם דאָקטאָר, ער האָט איהם אַ קלאַפּ געטהון איבער'ן פּלייצע און געשמייכעלט:

— מאָלאָדיעץ! פּאָידיאָש.

שוב, וועלכער האָט זעלטען געהערט, זייט ער דיענט, מען זאָל אויף איהם זאָגען „מאָלאָדיעץ", האָט דעם קאָמפּלימענט אָנגענומען מיט שמחה און אַז ער איז אַרוים צוריק פון „אָקאָלאָדאָק" און די סאָלדאַטען האָבען איהם געפרעגט:

— נו, שוב?

האָט ער פרעהליך געענטפערט:

-- איך געה! דער דאָקטאָר האָט מיר אַ קלאַפּ געטהון איבער'ן פּלייצע און געזאָגט: „מאָלאָדיעץ“!...

אַרוּים אויף די מאַנעווערס איז מען אין דער פריה, אַכט אַ זייגער. עס איז געווען אַ חמאַרנער אֶלול־טאָג; דער וואַלד, וואו דער לאַגער האָט זיך געפונען איז געשטאַנען טרויעריג און האָט שטיל גערוישט, ווי ער וואָלט בעדויערן, וואָס זיינע סאָלדאַטען, צו וועלכע ער האָט זיך פאַר אַזאַ זומער צוגעוואוינט, געהען אַוועק, זיין נע ונד עטליכע וואָכען, שלאָפען אויף דער ערד אונטער'ן רעגען...

די מוזיקאַנטען האָבען אָנגעהויבען שפּילען אַ מאַרש און אַ מינאָר, דער באַריטאָן, וועלכער האָט אין מאַרש געהאַט אַ סאָלאָ, האָט זעהר טרויעריג געברומט, און שוב האָט זיך דערמאָהנט אין אֶלול, אין די קומענדיגע „ימים נוראים“; זיך דערמאָהנט אָן זיין שטעדטעל, וואו יודען שטעהען איצט אין די בתי־מדרשים און דאַווענען, און אַ שווערע בענגשאַפט, אַ געוואַלדיגע ציהעניש ערגיץ האָט דורכגענומען זיין נשמה.

— וואָס ביזט דו אומעטיג, שוב? — האָט איהם אַ שטופּ געטהון איוואַנאָוו, אַ גוי'עשער סאָלדאַט פון זיין „ציַיל“, מיט וועלכען ער פלעגט שלאָפען אויף איין נאַרע און האָט מיט איהם בשלום געלעבט.

— אַזוי! — האָט שוב טרויעריג געענטפערט.

— שווער? — האָט איוואַנאָוו ווייטער געפרעגט.

— נישט קשה!

— באַלד, וועט מען מסתמא אָברוהען, אַז מען געהט אויף מאַנעווערס רוהט מען אָב אַלע צוויי שעה. אויף מאַנעווערס היט מען דעם סאָלדאַט — האָט איוואַנאָוו, ווי געוואָלט בערוהיגען שוב'ן, וועלכען ער האָט געהאַלטען פאַר אַ „נאָוואָבראַניעץ“ וואָס שרעקט זיך.

— פאַר אַ יאָהרען איז געווען, צו אַלדע שוואַרץ־יאָהר, שווערע „מאַנעווערס“ — האָט איוואַנאָוו ווייטער גערעדט. ווי ער וואָלט וועלען צושטרייען שוב'ס טרויעריגע געדאַנקען — פאַר אַ יאָהרען האָבען מיר צום שוואַרץ יאָהר, געדאַרפט געהן אַלץ אויף

בערג ! אָבער אונזער פאָלק האָט ניט „פאָדגאַיעט״, מיר האָבען בעקומען אַ „ספאַסיבאַ״ פון קאָמאַנדיר וושטשי וואָיסקאָמי אַליין און צו גלעזלעך בראָנפען .

שוב'ן האָט דער ראַניעץ, אין וועלכען עס איז געלעגען אַ משא, ניט נאָך זיין געוואוינהייט נאָך, אָנגעהויבען צו שטעכען אין רוקען, ער האָט איהם געוואָלט אַ רוק טהון נידריגער, נאָר איוואַנאָוו האָט איהם איבערגעשלאָגען :

— וואַרט, באַלד וועלען מיר קומען אויף „בּרוואַל״ וועסט דו פערריכטען ; אין „סטרוי״ טאָר מען ניט. „סטראָי סוויאַטאָיע מיעסטאָ — קענסט דאָך גוט „סלאָוויעסנאָסט״ ?

דאָס וואָרט „סוויאַטאָיע מיעסטאָ״, האָט שוב'ן ווייטער דערמאָהנט אין אֶלול, אין קומענדיגען ראש השנה, אין שופר און ער האָט אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל. די וואָלקענס אין פערשידענע געשטאַלטען זענען ווי צערודערט געשוואומען און שוב'ן האָט זיך פאָרגעשטעלט דער גרויסער יריד יעצט אין הימעל .

— וואָס קלעהרט מען דאָרטען וועגען איהם ? איז איהם איינגעפאַלען — צי ווייסט מען, וואו ער געפינט זיך היינט, וועט מען דאָס געמען אין זינען ? וועלען די מלאכים איהם דערקענען אין זיינע סאָלדאַטסקע קליידער ? . . .

און שוב האָט בעשלאָסען, אַז ווי שווער איהם זאָל ניט אָנקומען, מוז ער געבען צו וויסען, וואו ער געפינט זיך. ער מוז אויסבעטען אַ גוט יאָהר ! אויפ'ן פעלד וועט ער האָטש דאַווענען, האָטש אָהן אַ טלית נאָר מען זאָל איהם דאָרטען דערקענען, מען זאָל וויסען, אַז ער איז דער זעלבער יוד, ווי מיט אַ יאָהר צוריק אין דער היים !

ערב ראש השנה פאַר נאַכט איז דער פאָלק אָנגעקומען אויף אַ פעלד. פון ווייטען האָבען זיך געזעהן קליינע הילצערנע דעכער, ווי צוזאַמענגעגאָסען אין איינעם און שוב האָט זיך דערמאָהנט, אַז ווען ער פלעגט אַ מאָל אַוועקגעהן אויף אַ ווערסט פון דעם שטעדטעל, וואו ער האָט געוואוינט און קוקען פון דאָרט צום

שטעדטעל צו, פלעגען דאָרט אויך פונקט אַזוי די דעבער צוזאַמען־געגאָסען אויסזעהן. און שוב'ן האָט דאָס האַרץ געצויגען אַהין צו דעם שטעדטעל.

— יודען! האָט שוב, — נאָכדעם ווי דער פאָלק האָט די פאַלאַטקעס צונויפגעשטעלט אויף צו איבערנעכטיגען ביז מאָרגען פריה — זיך געווענדעט צו די עטליכע סאָלדאַטען פון זיין ראָטע — מאָר־גען איז ראש השנה...

— מיר ווייסען! האָבען די יודען ווי פערדריסליך גע־ענטפערט.

— ווילסט אפשר אַ ראש השנה'דיגען קוילעטש? האָט איין סאָלדאַט זיך געוויצעלט — נעם אַרויס פון ראַניעץ, דאָרטען ליגען אַ סך סוכאַרעס...

— ביזט אַ גוי. האָט שוב זיי גערזידעלט — לאָמיר בעסער זעהן צו געהן דאַוונען — דאָ איז ניט ווייט אַ שטעדטעל.

— דאַוונען, וואו דאַוונען! האָט דער סאָלדאַט זיך ווייטער געוויצעלט — עסען וועטשערע צו אַ יודען האָט מען געדאַרפט טאַקי געהן, אַ וועטשערע וואָלט איצט געוויס ניט געשאַדט...

— עס איז ווייט! האָט איינער געזאָגט, מען קען זיך מיאוס „אָנרייסען”...

שוב האָט זיך פערטראַכט. אין קאָפּ האָט ביי איהם נעאַרבייט איין געדאַנק: ער וועט בעטען איוואַנאָווען אויסריינינגען זיין ביקס און ער וועט געהן דאַוונען אין שטעדטעל אַריין.

— זאַ חליעבאָם! — האָט ער דערהערט הינטען אַ געשריי פון זיין זוואָדנעם אונטער־אָפיציר.

און פון זיין דאַוונען געהן איז נאָר נישט געוואָרען... נאָך ברויט האָט מען געדאַרפט געהן אין צווייטען פאָלק, דאָס אָב־וועגען, דאָס אַרויסגעבען דאָס ברויט געדויערט לאַנג, און שוב איז מיט די עטליכע יודלעך אַוועק מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ נאָך ברויט.

— אָט האָסטו דיר ראש השנה, האָט איינער געהענדיג געזאָגט.

— סלוזשבע! האָט אַ צווייטער געטרייסט.

— מאָרגען אפילו קיין שופר ניט הערען ! האָט שוב , ווי פאר זיך גערעדט .

— וואס איז ? יעמעליאַנאָוו אונזער סיגנאַליסט בלאָזט שלעכט שופר ? האָט דער סאָלדאַט זיך ווייטער געוויצעלט .

שוב האָט אָבער ניט געהערט, האָט ניט געוואוסט , וואו ער איז אין דער וועלט. ער גהעט עפּיס נאָך ברויט, וואָס דאַרף ער דאָס ברויט ?... היינט איז דאָך ראש השנה...

— ווען וועט מען מאָרגען אַרויסגעהן ? האָט ער געפרעגט בײ'ם „עלטסטען", וואס האָט געפיהרט די קאָמאַנדע נאָך ברויט .

— האלב צעהן , שטעהט אין פּריקאַז...

— האלב צעהן ! האָט שוב אויסגעשריען מיט שמחה .

און ער האָט זיך דערמאָהנט. אַז דאַמאָלס בלאָזט מען שופר... „שופר" ! „שופר" ! האָט איהם געראוישט אין קאָפּ . ער מוז הערען מאָרגען שופר... ער וועט לויפען אין שטעדטעל אַרײַן , ניטא קשה, ער וועט „פאַד סוד" ניט אַוועק געהן...

— מאָרגען געה איך אין דער פריה אין שטעדטעל, האָט ער זיך געווענדט צו די פּאָר יודען, ניט אַנדערש..

שוב איז אויפגעשטאַנען אין דער פריה, נאָך איידער מען האָט געוועקט אויף פריהשטיק, האָט אויפגעוועקט זײַן שכן „איוואַנאָווען", איהם געבעטען מיט טרערען אין די אויגען, ער זאָל היטען זײַן ראַניעץ מיט דער ביקס .

— און דו וואוהין געהסט דו ? האָט איוואַנאָוו פערשלאָפען געפרעגט...

— איך... איך... האָט שוב געענטפערט מיט האלבע ווערטער — איך געה אין שטעדטעל, איך וועל דיר ברענגען חלה...

— נו, געה, איך וועל היטען, האָט איוואַנאָוו געענטפערט .

שוב איז אַרויס פון פּאַלאַטקע און האָט זיך געלאָזען געהן .

— אָ, גוט ברודער, וואָס איך זעה דיך ! — האָט ער דערהערט אַ קול .

ער האט זיך אומגעקוקט און האט דערזעהן דעם דעזשורנע, אַנ'אונטעראָפיציער.

— אוים שופר! האט איהם א קלאפ געטהון אין קאפ.

— געה, ברודער! האט דער דעזשורנער זיך געווענדט צו איהם מיט א ווייכען טאן, וועלכער האט שוב'ן געשניטען איבער'ן הארץ ווי א שארפער מעסער, געה, ברודער, אויפ'ן קיך — עס פעהלט דארט גראד א „מענש".

— גאספאדין דעזשורנע! האט שוב אנגעהויבען בעטען מיט טרערען אין די אויגען.

— נארעלע, איך האב ניט וועמען צו שיקען — עס איז דיין אָטשערעד. עס וועט ניט געדויערן.

— פערפאלען, פערפאלען! האט שוב געהענדיג אין קיך געקרעכצט.

אז שוב האט געענדיגט די ארבייט אויפ'ן קיך איז געווען האלב ניין, עס איז נאך געווען פאר פריהשטיק און ער האט אויסגערעכענט, אז ער וועט נאך קענען געהן הערען שופר.

ער האט זיך געלאזען לויפען מיט אימפעט אין שטעדטעל. דאס הארץ האט איהם געקלאפט, אין קאפ גערוישט און יעדער קלאנג אויפ'ן וועג האט זיך איהם אויסגעוויזען ווי א תקיעה.

און אט זעהט ער שוין אין גאנצען דאס שטעדטעל. די קליינע יודישע געסלעך זענען שטיל, ווי אויסגעשטארבען, נאר עפּיס פון א הויז הערען זיך קולות, בעקאנטע קולות... ער לאזט זיך לויפען געשווינדער צו די קולות וועלכע דערמאהנען איהם דעם ניגון פון למנצח...

באלד... באלד...

און אט דערהערט זיך א תקיעה... ער לאזט זיך לויפען גע־שווינדער... ער וועט שופר הערען!

און פלוצים דערהערט ער קלאפען פון פויקען, א בלאזען פון סיגנאלען פון דער וויים...

דער פאלק געהט אוועק.

און שוב ווערט צוטומעלט... נעבען איהם הערט ער די תקיעות און דארט וויים, א האלב ווערסט פון איהם — סיגנאלען און פויקען...

און שוב ווארפט זיך אהער און אהין.

— גוואלד, וואוהין לויפט מען? רייסט זיך ביי איהם ארויס א געשריי.

און די סיגנאלען און די פויקען רעש'ן מיט כעס, און ציהען איהם, און רופען איהם: גיכער, גיכער צו אונז, צו אונז — א טרעוואגע!

און די תקיעות פון די יודישע שוהל בלאזען אזוי שוואך, אזוי טרויעריג... עס צופט איהם די נשמה — עס ציהט איהם אהין, צו די שוואכע יודישע תקיעות...

— גוואלד, וואוהין לויפט מען? ווערט ער צומומעלט און בלייבט שטעהן.

און אט ווערען די סיגנאלען שטארקער די פויקען דונערן און רופען מיט קראפט: אהערררר — גיכעררררר!

און שוב'ן טראגט עס אהין וואו עס הערט זיך שטארקער די תקיעה... עס טראגט איהם ווי א שטארקער ווינד און ער לאזט זיך לויפען, צוריק, צוריק, צום פאלק...

XXV.

דער קדיש.

I.

היינטערן פאָרהאַנג האָט זיך געהערט לייכטע שטילע קרעכצען און שטילע טרייסט־ווערטער פון דער אַלטער געניטער „באָבע". אין שטוב איז געווען טרויעריג צו דערשטיקט ווערען. די 7 קינדער — אַלע מיידלעך פון 23 ביז 4 יאָהר! זענען שטיל מיט אַראָבגעלאָזענע קעפ געזעסען אין בעזונדערע ווינקעלעך און האָבען אויף עפּים שרעקליכעם געוואַרט...

ביי אַ קליין טישעל נעבען אַ גרויסען אַלמער ספרים איז געזעסען דער „פּאַטריאַרך" ר' זעליג חאָנעם, אַ הויכער דאַרער יוד מיט אַ געלען שווינדזיכטיגען פּנים. ער האָט מיט אַ שטילען צובראָכענעם ניגון געזונגען איבער אַ גרויסער גמרא און האָט אַלע ווייַלע אויפגעהויבען דעם קאָפּ, אַ וואָרף געטהון נערוועזע בליקען צום פאָרהאַנג, און ניט ערקונדיגענדיג זיך וואָס עס הערט זיך, אויסער שטילע קרעכצען, האָט ער זיך ווידער גענומען זינגען מיט'ן טרויעריגען באַנגען ניגון, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז איהם טהוט מעהר וועה ווי דער קינפּעטאָרין אַליין:

— רבונו של עולם! האָט די עלטערע טאָכטער איבערגעריסען די שטילקייט — זאָל דאָס מאָל שוין זיין אַ יונגעל! גוואַלד, רבונו של עולם, האָב רחמנות!

— אוי, הלואי רבונו של עולם! האָט די צווייטע אונטערגעהאַלטען.

און די אַלע מיידלעך פון קליין ביז גרוים האָבען מיט צובראָכענע הערצער, מיט אַראָבגעפאַלענע געמיטער שטיל געבעטען, אַז עס זאָל אַ יונגעל געבוירען ווערען.

ר׳ זעליג האָט אָבגעריסען די אויגען פון דער גמרא, האָט אַ קוק געטהון אויפ׳ן פאָרהאַנג, נאָכהער אויף די זיבען מיידלעך, האָט אַרויסגעלאָזען אַ טיפען „אוי“, אַ מאַך געגעבען מיט׳ן האַנד און מיט אַ יאוש אַרויסגעזאָגט:

— זי וועט אייך האָבען נאָך אַ שוועסטער!...

די זיבען מיידלעך האָבען פערצווייפעלט זיך איבערגעקוקט, דעם טאַטענס יאוש האָט זיי אין גאַנצען דערשלאָגען און זיי האָבען שוין אַפילו קיין מוטה ניט געהאַט צו בעטען גאָט, נאָר דאָס קלענערע 4 יאָהריגע מיידעלע אין אַ צוריסען קליידעלע האָט שטיל געבעטען:

— „אוי, הלואי מאַמע האָבען „אַ ברודערל!“...

— „איך וועל שוין שטאַרבען אָהן „אַ קדיש!“... האָט ר׳ זעליג געקרעכצט.

די צייט ציהט זיך, די קרעכצען הינטערן פאָרהאַנג האָבען זיך געשטאַרקט, ר׳ זעליג און די עלטערע מיידלעך האָבען דערפיהלט, אַז באַלד־באַלד שרייט אוים די באָבע מיט אַ פערצווייפעלטען קול: „אַ מיידעל!“ און ר׳ זעליגען דוכט זיך, אַז אַזאַ מין אויסגעשריי וועט איהם טרעפען ווי אַ קויל גלייך אין האַרצען און ער ראַטעוועט זיך צו ענטלויפען.

ער געהט אַרוים אויפ׳ן הויף און הויבט אויף די אויגען צום הימעל. עס איז האַלבע נאַכט. די לבנה שווימט אַזוי רוהיג און גלייכגילטיג, די שטערענדליך שפּרינגען און וויגען זיך, דאַכט זיך, ווי קליינע יונגע קינדער און ר׳ זעליגען קלינגט אין די אויערן דער באָבעס הייזעריג קול: „אַ מיידעל!“

— מילא, איז אָהן אַ קדיש! פערפאַלען! רעדט ער, אומגעהענדיג איבער׳ן הויף, מיט גוואַלד נעמט מען ניט!

עס העלפט אָבער ניט זיין בערוהיגען זיך: דער שרעק, טאָמער אַ מיידעלע, נעמט איהם דורך וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער. ער פערלירט די געדולד און געהט אַריין צוריק אין שטוב.

נאָר די שטוב האָט זיך איבערגעביטען. וואָס איז עס? האַ?

— א יונגעל!... טאטע, א יונגעל, טאטינקע, זאל איך אזוי געזונד זיין! זענען איהם די 7 מיידלעך בעפאלען מיט דער בשורה, מיט שטראהלענדע פנימער.

— הא, א יונגעל? האט ר׳ זעליג צוטומעלטערהייט איבערגעפרעגט — הא? וואס?...

— א יונגעל, ר׳ זעליג, א קדיש! האט די אלטע באבע אנגעזאגט. באלד וועל איך איהם אויסבאדען, וועל איך אייך איהם ווייזען...

— א יונגעל!... האט ר׳ זעליג געשטאמעלט, ווי צוטומעלט, האט זיך אנגעשפארט אן וואנד און האט זיך פענאנדער געוויינט, ווי א יודענע.

די זיעבען מיידלעך האבען זיך דערשראקען.

— דאס איז פון שמחה, — האט די באבע זיי בערוהיגט — דאס טרעפט מיר ניט דאס ערשטע מאל!

— א יונגעל, א יונגעל, האט ר׳ זעליג געחליפעט פאר גרויס שמחה... א יונגעל... א יונגעל, א קדיש!

II.

א נאמען געגעבען האט מען דאס יונגעל יעקב, נאר צוליעב א סגולה האט מען איהם גערופען אלטער. ר׳ זעליג איז אפילו געווען א יוד א למדן און האט ניט געהאלטען פון אזוינע סגולות און האט געלאכט פון זיין חייקען, וואס זי גלויבט אין אזעלכע נארישקייט; אין הארצען אבער איז ער געווען צופריעדען: ווער קען וויסען, וואס דערין שטעקט; א מאל ווייסען ווייבער בעסער פון מאנסבילען.

און אז אלטערקע איז אלט געווארען 3 יאהר, האט זיך ר׳ זעליג׳ס הוסט פערשטארקט, אין ברוסט האט איהם אנגעהויבען אפטער צו דריקען, נאר שטייפער איז ער ביי זיך געווארען און האט געקוקט דעם טויט אין פנים אריין מיט רוהיגקייט, ווי ער וואלט געזאגט: איצט לאך איך פון דיר, איך לאז א קדיש...

— ווי רעבענסטו, חייקע, פלעגט ער זיך נאכ׳ן אויסהוסטען זיך, ווענדען צום ווייב — אלטערקע וועט שוין קענען נאכזאגען קדיש, אז איך זאל למשל היינט, מארגען שטארבען?...

— גײה שױן, גײה, משוגענער, פּלײגט חײקע זיך דערשרע־קען — װײסט נאָך לעבען און לעבען! אַ נאַװינע, אַז דו הוסט...

זעליג האָט געשמײכעלט: אַ נאַרישע יודענע, זי מײנט, אַז איך האָב טאַקי מורא פאַר'ן טױט — אַז מען לאָזט אַ קדיש, איז דער טױט פון די קלײנע זאַכען...

און אַלטערקע איז געזעסען און געשפּילט זיך מיט אַ סדור, און געמאַכט מינעס, װי דער טאַטע דאַװענט: אַ נום — נום — אַ נום — נום...

— זעהסט, זעליג, װי ער דאַװענט — האָט חײקע מיט שמחה זיך געװענדט צום מאַן, עס װאַקסט אַ כשרה נשמה.

זעליג האָט גאָר נישט געענטפערט, נאָר מיט שטראַהלענדע אױגען געקוקט אױף זײן קדיש. באַלד האָט זיך איהם אין קאָפּ אַרײנ־געגנבט אַ רעיון:

— אַלטערקע װעט זײן אַ צדיק... ער װעט איהם אַרױס־שלעפען פון אַלע צרות אױף יענער װעלט...

— מאַמע, װיל עסע... האָט זיך פּלוצים אַלטערקע צע־װײנט...

מען האָט איהם דערלאַנגט אַ שטיקעל חלה. װאָס מען לאָזט איבער אַלע מאָל פון שבת נאָר פאַר איהם. אַלטערקע האָט זיך גענומען עסען.

— המוציא, המוציא! האָט דער טאַטע אָנגעהױבען שרײען

— טען ניט — האָט דאָס קינד געענטפערט!

— שױן צײט טאַקי זאָלסט איהם אױסלערנען המוציא — האָט חײקע געמוסרט.

און ר' זעליג האָט גענומען אַלטערקען צו זיך און האָט אָנגע־הױבען מיט איהם חזר'ן:

— זאָג: ברוך...

— באוך... האָט דאָס קינד נאָכגעזאָגט מיט זײן לשון.

— אתה...

— אתה...

אַז אַלטערקע האָט געענדיגט די המוציא, האָט חײקע פרום געענטפערט „אָמן" און ר' זעליגען האָט זיך פאַרגעשטעלט, װי אַל־טערקע שטעהט אין בית־מדרש, און זאָגט קדיש און דער עולם

ענטפערט אָמן... און ער האָט זיך געפּיהלט, ווי ער זיצט שוין אין גן־עדן.

עס איז פערגאַנגען נאָך אַ יאָהר ר' זעליג האָט זיך די לעצטע טעג געפיהלט זעהר שלעכט. עס איז געקומען דער פריהלינג, דער שנעע האָט געלאָזען, און די נאַסע וועטער איז דאָס יאָהר איהם שווע־דער געוועזען צו פערטראָגען, ווי אַלע יאָהר. ער האָט זיך קוים פער־שלעפּט אין דער פריה אין בית־מדרש, פאַר נאַכט אָבער צו מנחה איז איהם שוין שווער געוועזען צו געהן, און ער פלעגט מנחה און מעריב דאַווענען אין דער היים און דעם גאַנצען אָבענד פערברענגען מיט אַלטערקען.

עס איז געוועזען שפּעט ביי נאַכט, די הויזיגע זענען שוין אַלע געשלאָפען. ר' זעליג איז געזעסען ביי זיין קליין טישעל און האָט געקוקט אויפ'ן ווינקעל, וואו חייקעס בעט איז געשטאַנען און וואו אַלטערקע איז געשלאָפען נעבען איהר. זעליגען האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט היינט ביי נאַכט שטאַרבען. עפּיס האָט ער זיך גע־פיהלט זעהר מיעד און שוואַך און מיט בעטענדע בליקען איז ער קוים צוגעגאַנגען צו אַלטערקען און האָט איהם גענומען וועקען.

דאָס קינד האָט זיך אויפגעכאַפּט...

— אַלטערקע... האָט זעליג איהם גענומען גלעטען דאָס קעפּעלע — קום צו מיר אַ ווײַלע.

דאָס קינד, וועלכעס האָט זיך שוין אויסגעשלאָפען, האָט זיך פלינק אויפגעשטעלט און איז אַוועק צום טאַטען.

ר' זעליג האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפ'ן שטוהל, וועלכער איז געשטאַנען ביי'ן טישעל מיט דער אָפענער גמרא, האָט גענומען אַל־טערקען אויפ'ן טיש און איהם געקוקט אין די אויגעלעך.

— אַלטערקע!

— וואָס, טאַטע?...

— ווילסט, איך זאָל שטאַרבען?...

— וויל, האָט דאָס קינד געענטפערט, ניט וויסענדיג וואָס שטאַרבען איז און מיינענדיג אַודאי, אַז דאָס איז עפּיס זעהר אַ גוטע זאַך...

— וועסט זאָגען נאָך מיר קדיש? — האָט זעליג געפרעגט מיט א פערשטיקטען קול און האָט זיך פענאנדער געהוסט.

— זאָגען! האָט דאָס קינד פערשפראָכען...

— וועסט קענען?

— טענען...

— נו זאָג: יתגדל.

— יתגדל... האָט דאָס קינד אָנגעהויבען אויף זיין לשון.

— ויתקדש...

— ויתהדש...

און ר' זעליג האָט מיט איהם עטליכע מאָל איבערגעזאָגט דעם קדיש...

דאָס קליין לעמפעלע האָט קוים געברענט און האָט קוים בעלייכט דאָס געלע טויטע געזיכט פון ר' זעליגען און דאָס קליין פנים'ל פון אַלטערקען, וואָס האָט מיעד נאָכגעזאָגט די שווערע ניט פערשטענדליכע ווערטער פון קדיש און האָט מאָדנע געקוקט אין ווינקעל וואו דעם טאַטענס שאָטען און זיינער האָבען אויסגעזעהן זעהר פאַנטאַסטיש און מורא'דיג...

XXVI.

אַ דְרַאמַא אִיבֶּער 5 קַאַרְטָאפְּלֶעס.

— וואָס, מען קען שוין די קארטאָפעל אָבזויען? — האָט פרײַדע געפרעגט מיט אַ שטאַרק ערנסטען פּנים קוקענדיג צום טיש וואו איהר מאן, שלמה דער שניידער האָט געגעהט מיט צוויי פּועלים.

שלמה האָט נאך אפילו קיין צייט ניט געהאט צו לאזען די ארבייט, ער האָט נאך געדארפט איין ארבעל ענדיגען און צושניידען אַ פּאָר הויזען פאר די פּועלים. נאָר דערהערענדיג דאָס וואָרט קארטאָפעל, האָט זיך ביי איהם דער „יצר הרע״ אזוי צופלאַמט, אז ער האָט גלייך אויסגערופען:

— וואָס פרעגסט דו, נארישע יודענע? אַודאי אָבזויען! קארטאָפעל, אז עס ווערט פערטיג, זייט מען עס אָב. וואָס דען לאָזען איבערקאָכען זיך?...

— אַלץ ווייס ער! — האָט פרײַדע זיך געקרימט.

— וואָס, עפּיס גוטע קארטאָפעל? זיי צופאַלען? — האָט שלמה געפרעגט, ניט בעמערקענדיג פרײַדעס קרימערייַ...

— וועסט עסען, וועסט דו וויסען! האָט פרײַדע בייז געענטפערט.

— נו, חברה! געמט צו פון טיש לאָז מען שוין עסען אָנבייסען! — האָט שלמה געקאָמאַנדעוועט מיט אַ לוסטיג פייער׳ל אין די אויגען.

די „חברה״ וואָס איז בעשטאַנען פון צוויי דארע בחורים׳לעך, האָבען פלינק אוועק־געוואָרפען די ארבייט, פונקט ווי זיי וואָלטען עס

מעהר צוריק קיינמאל ניט בעדארפט נעהמען האבען אוועקגעשטעלט דעם פרעס אונטער'ן טיש און זענען שוין געווען גרייט מיט זייערע הונגעריגע מיילער איינשלינגען דאס, וואס די „גוטע" בעל-הבית'טע זייערע, פריידע, וועט זיי דערלאנגען.

נאר ביי פריידע'ן איז עס נאך קענטיג, ניט אין גאנצען פערטיג געווען, זי האט זיך נאך געפארעט מיט גרויס פערטראגענקייט אין אויווען, פונקט ווי דארטען וואלט זי היהנער געבראטען.

אז פריידע האט שוין מיט גאט'ס הילף די קארטאפעל פון אויווען ארויסגענומען און אוועקגעשטעלט דאס טעפעל אויפ'ן פריפעטשיק, האבען די צוויי פועלים פרייער אבגעאטהעמט; שלמה אליין, אלס בעל-הבית איז מיט ברייטקייט צוגעגאנגען צום פריפעטשיק, און איידער פריידע האט נאך גענומען אבזייען, האט ער א חאפ געטהון פון טעפעל מיט די הענד א צוגעברענטע קארטאפעל; די קארטאפעל איז אבער זעהר היים געווען, שלמה האט זי ניט געקענט איינהאלטען, און זי איז ארויסגעפאלען פון זיינע הענד אויף ד'ר'ערד!

די צוויי פועלים, וועלכע האבען צום אנהויב איהם שטארק מקנא געווען און ניט פערגונען וואס ער געהט צו צום טעפעל נעהמען א קארטאפעל, האבען זיך ווי מיט נקמה צולאכט אויף דער שרעקליכער סיבה.

און פריידע האט אויפגעעפענט איהר מויל און האט אנגעהויבען צו שרייען:

— א קארטאפעל גע'פטר'ט! טריפה האלז! איינהאלטען קען זיך דאס ניט, אזוי ווי איך וואלט עס געטראגען פערקויפען.

שלמה'ן האבען פריידעס קולות קיינמאל ניט געארט, בפרט ווען עס געהט אין א קארטאפעל, און ווען זי האט שוין די קארטאפעל געזייעט, האט ער זיך מכין געווען ווידער א חאפ טהון פון טעפעל א קארטאפעל. נאר פריידע בעמערקענדיג עס (אוי האט פריידע שוין געקאנט איהם!) האט מיט א ווילדען כעס א געשריי געטהון:

— דו לאזט מיר פרעסער, אבזייען די קארטאפעל, צי

ניט, ווארום איך שיט אוים באלד דעם טעפעל קארטאָפעל אויף ד׳ר׳ערד.

שלמה האט מורא געהאט צו ליעב איין קארטאָפעל פערשפּיע־לען די גאנצע, און קוקענדיג מיט אפּעטיט אויפ׳ן טעפעל, איז ער זיך נעגאנגען וואשען.

— איהר האט, א פּנים, מורא פאר הייסע — האט ביי׳ם וואַ־שען זיך א דארער פּועל, בערציק געפּרובט מאכען א שמועס, וועגען דער צראבגעפּאלענער קארטאָפעל.

שלמה האט איהם גאר נישט געענטפערט, נאר מיט א שארפ־קייט אויף איהם א קוק געטהון. דער פּועל האט חרטה געהאט וואס ער האט יעם „בעל הבית" אויפגערייצט פאר׳ן „אנבייסען" און האט אין הארצען א נדר געגומען קיין זייטיגע זאכען מיט׳ן בעל הבית קיינמאל ניט רעדען. „חאפּט איהם דער רוח, הענגט ער זיך אויף!"...

דער „עולם" האט זיך געזעצט צום טיש, פריידע האט פריהער דערלאנגט דאס ברויט, נאך דעם האט זי צוגעטראגען א פאר זויערע אוגערקעס מיט ראסעל.

— גוט! גוט! — האט שלמה געלויבט, קארטאָפעל האט ליעב א זויערן אוגערעק, דאס ליגט אזוי אין דער טבע... גוט — גוט!

באלד האט פריידע אוועקגעשטעלט אויפ׳ן טיש א גרויסע לעדיגע שיסעל. דאס איז געווען א מין דריטער קלונג, אז קארטאָ־פעל געהט! און ווירקליך האט אין א רגע ארום פריידע צוגעטראגען דאס טעפעל און האט מיט גרויס בריה׳שקייט איבערגעקעהרט און אנגעהויבען שיטען אין שיסעל אריין. שלמה האט געקוקט ווי די קארטאָפעל האבען פרעהליך איינע נאך דער אנדערער געיאגט זיך און געפלויגען מיט שמחה און ער האט העכסט צופריעדען אויסגערופען:

— גוט — גוט! א חוואט! נאר דאכט זיך אז וועניגלעך א ביסעל! — האט ער צום סוף געמאכט א בעמערקונג, זעהענדיג, אז די שיסעל איז ניט פול.

— עס וועט דיר זײַן גענוג צו לעבען! — האָט פרײַדע מיט רוגזא געענטפערט.

שלמה האָט די ערשטע קאַרטאָפעל גענומען. נאָך איהם האָבען גענומען די צוויי בלײַבע דאַרע פּועלים, הערציק, און בערציק, און די סעודה האָט זיך פרעהליך אָנגעהויבען. בײַ דער צווייטער קאַרטאָפעל איז שלמה אַרײַן אין זײַן ראָלע און האָט פערקאַשערט א ביסעל די היטעל, ווי זי וואָלט איהם געשטערט צו שלינגען. און די צוויי דאַרע בלײַבע פּועלים האָבען ווילד געגלאָצט די אויגען: די קאַרטאָפעל איז פאַר זיי צו הײס געווען; וואַרטען, ווידער, זיי זאָלען זיך א ביסעל אָבקיהלען האָבען זיי מורא געהאַט, אז ר' שלמה זאָל זיי מיאוס ניט אָבטהון, און זיי האָבען געשלונגען הײסע שטיקער...

אז שלמה האָט געהאַלטען שוין בײַ דער זעקסטער קאַרטאָפעל, האָט זיך די טהיר געעפענט, און עס איז אַרײַן אין שטוב חיענע די שוסטערקע, וואָס האָט געוואָהנט געגענאיבער און האָט זיך געהאַלטען מיט פרײַדע אין קרובה'שאַפט. שלמה אַליין, צווישען אונז זאָל עס בלײַבען, האָט אַפילו אויך ניט געשטאַמט פון גרויסען יחוס, פון דעסטוועגען האָט ער זיך מיט דער שוסטערין א ביסעל געשעמט, וועניגסטענס ניט צופריעדען געווען מיט איהר און פלעגט זי ניט לײַדען.

— וואו איז פרײַדע? — האָט חיענע געפרעגט קוקענדיג צום טיש, וואו די חברה האָט „געריבען" די סעודה.

— איך ווײס וואו! האָט שלמה טרוקען אַרויסגעברומט — מסתמא אין קיך!

— איך בין דאָ חיענע! — האָט זיך געהערט פרײַדעס קול פון קיך.

פרײַדע איז אַרויס פון קיך.

— מען דאַרף אָנקאַרמענען אַזאַ „צעקער". אַזאַ „פלוימע"!

— האָט זי זיך געקלאָגט פאַר חיענען, רק מען פאָרעט זיך, ברוך השם!

— דו האָסט הײַנט גאַר געקאָכט אויף אָנבײַסען קאַרטאָפעל — האָט היענע געפרעגט, קוקענדיג מיט הונגעריגע אויגען צום טיש.

— יאָ, קאַרטאָפליעס, — האָט פריידע געענטפערט ווי מיט אַ זיפץ, — איך האָב אפילו קיין צייט ניט צו עסען. נעם חיענע אַ קאַרטאָפעל האָט זי ענדליך צוגעלעגט, ווי מיט אַ האַלבען מויל.

שלמה האָט מיט כעס אַ הוסט געטהון, און די צוויי פּועלים זענען בלייבער געוואָרען.

— מען דאַרף טאַקי פערזוכען אַ קאַרטאָפעל — האָט חיענע געזאָגט צוגעהענדיג צום טיש נעהנטער.

שלמה האָט זיך נערוועז אַ הויב געטהון פון באַנק און זיך צוריק אַראָבגעלאָזען, ניט וויסענדיג וואָס צו טהון פאַר כעס.

— טייערע קאַרטאָפעל! — האָט חיענע געלויבט, עסענדיג די קאַרטאָפעל מיט גרוים אַפּעטיט.

„זאָל איהר באָקאָם אַרוים!“ — האָט שלמה אין האַרצען געשאָלטען.

— גאָר גוטע קאַרטאָפעל, וואו האָסטו דאָס געקויפט? — האָט חיענע אַלץ געלויבט און גענומען נאָך איינע.

שלמה האָט אַ ציטער געטהון. ווען ער וואָלט זיך ניט געשעמט, וואָלט ער אַ חאַפּ געטהון די שיסעל צו זיך און ניט לאָזען, נאָר ער איז אַזוי שטאַרק ניט געווען און ער האָט נאָר זעהר כעס'דיג געהוסט.

— וואוילע קאַרטאָפעל, עס צוגעהט אין מויל! — האָט חיענע אַלץ געלויבט און האָט גענומען אַ דריטע קאַרטאָפעל.

— „אַ רוח אין איהר טאַטען אַריין, וואָס איז דאָס פאַר אַ העזה!“ — האָט שלמה שטיל געקאָכט. „דעם מוח וועל איך איהר פּלעטען!“ . . .

— מאָרגען, אם ירצה השם, דאַרף מען אויך קאָכען קאַרטאָפעל — איך האָב שוין לאַנג ניט געקאָכט.

— אַז מען האָט ניט, קאָכט מען ניט, עסט מען ניט — האָט שלמה געברומט אָהן צוזאַמענהאַנג, נאָר פאַר ווילדען חשק צו שטערען דער אָרעמער קבצנ'טע, דער מיאוסער שוסטערקע, וואָס פרעסט אויף זיינע קאַרטאָפעל.

— ניין, ניט דאס, — האט חיענע, ניט פערשטעהענדיג שלמה'ס כעס געענטפערט און האט גענומען נאך א קארטאפעל, — איך האב קיין צייט ניט צו שיילען...

— „שלעכט!” האט שלמה געטראכט און א ווארף געטהון א פערצווייפעלטען בליק צו די צוויי פועלים, ווי ער וואלט זיי געזאגט: חברה וואס שווייגט איהר, ראטעוועט! שוין פיער קארטאפעל! — די פועלים האבען אבער גאר נישט פערשטאנען און חיענע האט גענומען א פינפטע קארטאפעל. . . . . :

. . . .

— דו!!! — האט שלמה ווילד אויסגעבראכט, אז חיענע איז ארויס, — דו!!! וואס האסטו איהר געבעטען עסען קארטאפעל, הא? „בעל צדקה!”

— איך וויים, — האט פריידע, ווי פערשולדיגט געענטפערט, מען קען דאך ניט זיין קיין „חזיר” — א מענש געהט אריין, בעט מען עסען, זי דארף דאך אבער אויך קיין חזיר ניט זיין, זי דארף דאך האבען איהר אייגענע איידעלקייט און ניט עסען.

— דיינע א קרובה וועט האבען איידעלקייט! — האט שלמה געברומט.

— דיינע קרובים זענען טאקי זעהר איידעל! לייבטשי דיין טייערער פעטער, אז ער קומט א מאל שבת פרעסט ער אויף אלץ...

— שווייג! — האט שלמה זיך צעקאכט. דערזעהענדיג שוין באלד די דעק פון שיסעל און דערמאהנענדיג זיך, אז ווען די שוסטערין וואלט ניט אריין וואלט נאך מיט פינף קארטאפעל מעהר געווען — אויף זיין חלק צוויי און אפשר דריי...

— איך האב מורא פאר דיר טאקי! — האט פריידע זיך ניט אונטערגעגעבען.

בערציק און הערציק האבען גענומען נאך צו קארטאפעל.

די שיסעל איז נאך לעדיגער געווארען, און שלמה'ן האט זיך נאך געוואלט, אזוי שטארק געוואלט שלינגען זיי, שלינגען אהן א סוף, און די פינף קארטאפעל, וואס חיענע, די מיאוסע שוסטערין, האט אויפגעפרעסען האבען איהם רוהען ניט געלאזט, און ער האט זויעדער א ברום געטהון:

— דו שווייגסט!?... איך פלעט דיר דעם מח.

— איך לאך פון דיר! — האט פריידע זיך ניט געוואלט אונ־טערגעבען.

די שיסעל איז לעדיג געווארען, אויף שלמה'ן איז אנגעפאלען א ווילדער כעס: די פינף קארטאפעל האבען איהם באמת געפעהלט און זי לאכט נאך פון איהם. — זי, וואס זי האט אזא פרעסערין פאר א קרובה. ער האט פאר כעס ניט געקענט רעדען.

ער האט נאר געזוכט עפּיס אויפ'ן טיש, דאס הארץ איז געוועזן איבער פול מיט רציחה פריידע האט בעמערקט זיין רציחה, און עס האט איהר אויך שרעקליך פערברענט; זי האט אפילו איין קאר־טאפעל ניט פערזוכט, זי האט קיין צייט ניט געהאט, און ער האט זיך אנגעפרעסען ווי א פויער און ער שרייט נאך און זי האט א געשריי געטהון:

— גזלן דו, פרעסער, שכור!

— וואו איז די שעער? די שעער? די שעער!! — האט שלמה פאר רציחה געשריען. איך וועל איהר פלעטען דעם מח.

און די שטוב האט זיך געהויבען אין לופטען...

XXVII.

דער שכור.

חיים דער מלמד איז געווען אַ יוד אַ חלוש, האָט געהאַט אַ סך מיחוש'ן און דערפאַר האָט ער געהאַט די בעסטע תלמידים; ווייל די מיחוש'ן, האָבען אַלע געוואוסט, איז איהם געקומען נאָר פון דער תורה, און די שטעדטעלשע יודען לאָזען אַ תלמיד־חכם ניט פאַלען.

מעהר פון אַלץ האָט חיים געליטען פון קאָפּ־וועהטאָג.

— איך בין גאָר אָהן אַ קאָפּ! — פלעגט זיך חיים אַ מאָל קלאָגען פאַר זיינע נאָהנטע בית־מדרש יודען — טאָמער פערגלוסט זיך אַ מאָל מיין אַלטער פרעגלען אַ שטיקעל הערינג, הרג'ט זי מיר גאָר אַוועק — פאַר טשאַד ציטער איך...

נאָר נאָך מעהר ווי פאַר טשאַד האָט חיים מורא געהאַט פאַר בראָנפען. בראָנפען, האָט ער געזאָגט, איז אַ מלאך־המות, דאָס קענען נאָר גוים פערטראָגען.

און חיים האָט ניט נאָר קיינמאָל קיין בראָנפען ניט געטרונקען, ער האָט עס אפילו קיינמאָל ניט געזעהן, און דער ריח פון בראָנפען איז איהם אפילו פרעמד געווען. עס האָט זיך אַמאָל געמאַכט, אַז, דורכגעהענדיג דעם מאַרק אין בית־מדרש אַריין, איז ער פערטראַכטערהייט צוגעגאַנגען צו לייבע שענקערס הויז. עפּיס אַ מאָדנער ריח האָט איהם דעם אָטהעם פערהאַלטען,

— וואָס זאָל דאָס זיין פאַר אַ ריח? — האָט חיים זיך געוואונדערט — אפשר סמאַלעניש חלילה, עס קען נאָך אַ שרפה חלילה זיין.

און חיים האָט געהאַלטען פאַר אַ חוב אַריינגעהן צו לייבען אין שענק אַריין און וואָרענען איהם:

— איך בין געגאנגען פארביי—האָט ער געזאָגט אריינגעהענדיג — הער איך עפּיס אַ ריח, אפשר איז דאָס סמאַלעניש — אין שטוב דאָ הערט זיך אויך... אַ גרוויל!... וואָס איז דאָס פאַר אַ ריח?

— וואָס זאָל זיין פאַר אַ ריח, ר' חיים? — האָט לייב גע־קוועטשט מיט די פּלייצעס — איך הער קיין שום ריח ניט. עס הערט זיך געוועהנליך אין אַ שענק בראָנפען...

— אַזוי גאָר — בראָנפען! — האָט חיים ווי עפּיס זיך דערמאָהנט — האָט בראָנפען אַזאַ שאַרפען ריח, הייסט עס? פּלאי פּלאים!...

און חיים האָט זיך דערנאָך אַ גאַנצען וועג געחדוש'ט, וואָס פאַר אַ שאַרפען ריח בראָנפען האָט... און ער האָט פאַר בראָנפען נאָך מעהר מורא בעקומען. שמחת־תורה האָט חיים געזעהן, ווי אַלע יודען זינגען און מאַכען משוגענע העויות. ער איז אַפילו געווען צופריעדען, וואָס יודען זענען זיך משמח מיט דער תורה, דאָך אינוועניג אין האַרצען איז עס איהם געווען פריקרע: די שמחה זייערע איז דאָך אייגענטליך פון בראָנפען, פון די ביסעל פראָסטע בראָנפען, וואָס זיי האָבען געטרונקען. און חיים פלעגט זיך גראָד דאַמאָלס דערמאַהנען אָן נח'ן, אָן חם'ן, אָן לוט'ן, און כדי צו פערטרייבען די מיאוסע געדאַנקען, פלעגט ער אריינקוקען אין אַ ספר...

האָט זיך אָבער אַמאָל שמחת־תורה געמאַכט אַ מעשה, אַז אונזער חיים האָט זיך אָנגעשכור'ט...

ער האָט גראָד דעם זומער געהאַט אַ שלעכטע קנעלונג, ניט חלילה דערפאַר, וואָס ער האָט זיינע מיחוש'ן פערלוירען און דער־פאַר איז ער געפאַלענער געוואָרען ביי די בעלי־בתים, — ניין, אַזאַ אונגליק האָט חיים'ן ניט געטראָפען. ער האָט געהאַט די זעלבע מיחוש'ן, פערקעהרט, דעם לעצטען זומער איז איהם צוגע־קומען נאָך גאָר אַ פרישער, עכט יודישער מיחוש: דער גאָלדענער אָדער... נאָר די שלעכטע קנעלונג האָט געשטאַמט דערפון, וואָס אַ פּאָר בעלי־בתים, יורדים, האָבען איהם ניט בעצאָהלט, חיים האָט אַפילו קיין פאָר נייע לאַטעס אויף סכּות ניט געקענט לאָזען לעגען; זיינע שטיוועל האָבען שטאַרק געוויינט, און דאָס האָט געשאַדט צו זיין געזונד; דעריבער האָט חיים שמחת־תורה זיך מתיר געמאַכט

און גערדאַוועט אין דער פריה אין אַ נאָהנטען בעל־הבית׳ישען מנין. אין מנין האָבען גערדאַוועט עטליכע פרעהליכע יונגע לייט און האָבען חיים׳ן פון זיך איבער׳ן גאַנצען דאַווענען ניט אָבגעלאָזט:

— מיר ווילען אייך, ר׳ חיים, היינט ביי אונז איינשכור׳ן! — האָט איינער איהם אין מיטען דאַווענען פרעהליך אַ זאָג געטהון.

— חלילה וחס! — האָט זיך ר׳ חיים דערשראָקען — זאָל איך גאָט בעהיטען... פאַר מיר איז דער ריח פון בראָנפען — חיות!

— נישקשה, לכבוד שמחת תורה שאַדט ניט! — האָט נאָך איינער אונטערגעהאַלטען.

— ניין ניין! רעדט בעסער גאָר ניט! — האָט זיך חיים אָבגעטרייסעלט.

נאָכ׳ן דאַווענען האָט דער עולם אָנגעהויבען פרעהליך אונטערהאַלטען זיך.

דער בעל־הבית פון מנין דאָט צוגעשטעלט שטוהלען צום טיש, אַרויסגענומען לעקיך און בראָנפען און זיך אָנגערופען:

— נו, יודען צום טיש!

חיים האָט אַ קוק געטהון אויף די גרויסע פלאַש בראָנפען און איז אַ פערציטערטער געוואָרען.

— אַזאַ פלאַש! — האָט ער געמורמעלט — אַ פחד פאַלט אָן.

ער האָט אָנגעהויבען מיט ציטעריגע הענד צונויפלעגען דעם טלית.

— נו, ר׳ חיים צום טיש געהט, וואָס אַנטלויפט איהר? — האָט זיך דער בעל־הבית פון מנין צו איהם געווענדט.

— ניין ניין! — האָט חיים צוטומעלטערהייט אַרויסגעמורמעלט — איך טרינק ניט — חלילה!

— אַ שטיקעל לעקיך חאָטש...

— אַ שטיקעל לעקיך... מהיכא־תיתי... אַ שטיקעל לעקיך וועל איך נעהמען.

— ניין! ניין! ר׳ חיים מוז טרינקען מיט אונז לחיים! — האָט אַ יונגער מאַן אויסגערופען — אַנדערש ניט. ר׳ חיים מאַכט קדוש!

— קדוש וואָלט איך געמאַכט מיט׳ן גרעסטען כבוד, נאָר אויף מעד... איהר וואָלט געהאַט אַ ביסעל׳ע מעד, וואָלט מאַקי זעהר גוט געווען.

— וואָס טויג אייך די מעד? פסח צו די סדרים וועט איהר טרינקען מעד — אַט נעמט אַ קעליִשעק און מאַכט קדוש.

— נעמט, ר׳ חיים, נעמט! האָט דער עולם אונטערגע־האַלטען.

חיים איז געבליעבען ווי צומישט. עפּעס אַ עולם יודען בעטען איהם, מען קען קיין גראָבער יונג ניט זיין.

— זאָגט מיר, עס איז ניט, חלילה, קיין שפּירעטעס? — האָט ער ווי מיט אַ געבעט געפרעגט.

— חלילה, חלילה...

— און ניט צו שאַרף? — האָט ער ווייטער געפרעגט, און אַ טרעהר האָט זיך איהם אין אויג געשטעלט.

— ניין, ר׳ חיים, ניין! שוואַכע בראָנפען, גאָר שוואַכע...

— נו, איך וועל מאַכען קדוש, איך וועל נעהמען אַ ביסעלע, האָט חיים פּעסט אַרויסגערעדט.

ר׳ חיים האָט געמאַכט די ברכה און האָט דעם קעליִשעק צו־געטראָגען צום מויל. די הענד האָבען איהם געציטערט.

— נו, נו! — האָט איהם דער עולם געטריבען.

— לח— — — — קח. — קח. — קח.!... האָט ער זיך פונ־אַנדער געהוסט און אוועקגעשטעלט דעם קעליִשעק אויפ׳ן טיש.

— איהר האָט דאָך גאָר ניט געטרונקען, ר׳ חיים?

— גע — קח. — קח. — גענוג! קח. — קח. — קח.!...

— נו פערבייסט אַ שטיקעל לעקיך!

חיים האָט גענומען אַ שטיקעל לעקיך. דער הוסט האָט איהם געשטיקט און ער האָט קוים אַרויסגערעדט:

— שאַרפע בראָנפען!... קח. — קח. — קח!...

דער עולם האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

חיים איז געקומען אַהיים, געזאָגט קוים „גוט יום־טוב" האָט זיך אוועקגעשטעלט צום מזרח־וואַנד און האָט זיך פונאַנדער־געוויינט.

— מאַמע, דער טאַטע וויינט? — האָבען די קינדער אויס־געשריען דערשראָקען.

— וואָס איז? האַ? חיים? — האָט זיך אויך דאָס ווייב דערשראָקען.

— ניין! ניין! גאָר "ייי" גאַנץ גוט... אַ מחיה... אַ מחיה... האָט חיים געשטאַמעלט. איך בין שכור... שכור... עפּיס וויינט זיך מיר.

— שכור איז ער, בריה מיינער... האָט דאָס ווייב זיך גע־קרימט. געטרונקען?

— גאָר נישט, גאָר נישט... האָט חיים זי געטרייסט... אַ מחיה... עס וויינט זיך... שאַרפע משקה...

— משוגענער, גיה וואַש זיך, אין מיט'ן שמחת תורה גאָר וויינען!... לייט טאַנצען — און ער וויינט!...

אויף מאָרגען, אַז חיים האָט זיך אויסגעניכטערט, האָט ער דערצעהלט פאַר זיינע נאָהנטע יודען אין בית־המדרש בזה הלשון:

— איהר ווייסט, אַז בראָנפען איז אַ טהייערע סגולה צו טרע־רען! איך האָב נעכטען זיך איינגעשכור'ט, האָב איך דעם גאַנצען טאָג אָבגעוויינט, אָבער אַזוי געשמאַק, אַז איהר קענט זיך ניט משער זיין. טעם גן־עדן!

XXVIII.

זיך מיאוס געמאכט.

שוין דריי מאל, אז יוסף, אדער ווי מען האט איהם אין דער ישיבה גערופען, דער „בעלצער", א הויכער, בלייכער, אבצעהן־יאה־ריגער „ארעם־בחור", האט אנגעהויבען חזר'ן אין ווינקעל בית־מדרש דעם „שיעור" זיינעם מיט זיין טרויעריגען אריגינעלען ניגון און ער קען גאר נישט בענעהמען: די געדאנקען פלאנטערן זיך, טומלען זיך, פערדרעהען זיך — און ער קען ניט בעגרייפען, וואס איז די נפקא מינה צווישען רבי מאיר'ן און די חכמים; וואס „קריגען" זיי אלע אויף איהם אזוי און פאר וואס איז ער, רבי מאיר, אזוי איינגע־שפארט און האלט זיך ביי זיינם. ער צושאקעלט זיך, הויבט אן נאך א מאל און נאך א מאל — עס איז איז אבער אומזיסט — עס העלפט נישט.

— רויכערן, רויכערן! שפירט זיין גאנצער קערפער — וואו נעמט מען א פאפיראס...

שוין דריי חדשים, אז ער האט פון דער היים קיין גראשען געלד נישט בעקומען. אין לעצטען בריעף, וואס ער האט דערהאלטען דורך די „בעלצער" בעלי־עגלות: שרייבט איהם דער טאטע, אז זיין הוסט האט זיך „פערבעסערט", — ד. ה. ער הוסט נאך שטארקער, ווי א מאל, בשעת ער, דער זוהן, איז נאך אין דער היים געווען, און ער האט שוין קיין כח ניט צו קנעלען מיט די תלמידים, וואס האבען איהם קראנק געמאכט. א קלייניגקייט, היינטיגע קינדער — מזיקים!... די מאמע, שרייבט איהם ווידער דער טאטע אין בריעף, איז שוין באלד בלינד פון די זעק נעהען, פון די פעדערן פליקען און פון די ארבעם קלויבען ביי דער נאכט, פאר'ן פינסטערן רויכי־

גען לעמפּעלע. און אונטען, נאָכ'ן „ממני אביך”, שרייבט ער איהם צו, אַז דער אויווען, וואָס האָט שוין לאַנג געדאַרפט האָבען אַ גרויסען תקון, איז אין גאַנצען איינגעפאַלען און מען פערזוכט ניט קיין ביסעל געקעכטס... אַז יוסף האָט דעם בריעף דורכגעלעזען, האָבען איהם העֶנד און פיס געטרייסעלט, דאָס האַרץ געקלאַפּט און פאַר זיינע אויגען איז געשטאַנען דער קראַנקער טאַטע מיט די פערלאָשענע אויגען, מיט אויסגעשפרייטע הענד און זיך געבעטען מיט זיין הייזעריגען קול: „ראַטעווע, ראַטעווע, מיר געהען אוים!” און פאַר פערצווייפלונג האָט יוסף ניט געוואוסט, וואָס צו טהון. ער איז אומגעלאָפען פון איין ווינקעל בית־מדרש אין צווייטען ווינקעל און געבראָכען די הענד, געביסען די ליפען, געהויבען דאָס היטעל פון קאָפּ, ביז דער קאָפּ האָט זיך איהם פערדרעהט און האָט זיך קוים דערשלעפט צוריק צו זיין שטענדער, אָן וועלכען ער האָט זיך אָנגעשפאַרט, אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ אויף ביידע הענד און נאָס געמאַכט צוויי עמודים גמרא, פון וואָס אַ סך אותיות האָבען זיך אָבגעמעקט און פון גוטען תנא הלל'ן איז נאָר דער לעצטער למד געבליבען..

דער בריעף איז איהם דאַמאָלס אָנגעקומען פונקט אין דער צייט, ווען ער האָט געקויפט מיט אַ טאָג פריהער אַ בויגעלע פּאַפּיער מיט אַ קאָנווערט (די לעצטע קאָפּיקע אויסגעגעבען) און זיך צוגעקליבען שרייבען אַ היים אַ בריעף און בעטען מען זאָל עפּיס שיקען. נאָך דעם טאַטענס בריעף אָבער האָט ער שוין ניט געקענט בעטען.

— נאָך אַזאַ בריעף — האָט יוסף געטראַכט — טאָר מען ניט בעטען. אַ גזלן דאַרף מען זיין צו בעטען. איך האָב זיי געדאַרפט נאָך עפּיס שיקען...

אַליין פערדיענט ער גאָר נישט, אויף זיינע „טעג” בעקומט ער קיינמאָל ניט קיין מזומן געלד, ווי עס טרעפט מיט אַנדערע אָרעמע בחורים. קיין זייטיגע פרנסות, ווי אַנדערע ישיבה־בחורים, האָט ער אויך ניט. אָט דער „זעלוועֶר” מאַכט דאָ גוטע געשעפטען: אַלע פרייטאָג געהט ער אום איבער'ן שטאָדט אויף „ספרים” פאַר'ן בית־מדרש און פאַקט דערפאַר 20 קאָפּיקעס, חוץ וואָס ער נעהמט אַליין אַראָב אַ ודאי אַ גריוונע, אויב נישט מעהר... ווער קען זיך

אָבער גלייכען צום „זעלוועך"? יענער איז געקנעפּעלט מיט'ן גבאי אַליין, ער קען זיך חנפ'ענען, אונטערלעקען זיך.

— פוי! שפּייט יוסף אויס, דערמאָהנענדיג זיך דעם גבאי'ס גראָבען פּנים מיט'ן דיקען בייכעל; איך וועל בעסער ניט רויכערן, נאָר ניט אָנקוקען דעם גבאי'ס פּנים, איך קען איהם נישט ליידען.

ער נעהמט זיך ווידער צום „שיעור", צושאָקעלט זיך ווייטער און וויל אויסגלייכען די חכמים מיט רבי מאיר'ן. ער פיהלט אָבער, אז צו אַזאַ מחלוקת מוז מען האָבען אַ פּאַפּיראָס, אָהן אַ פּאַפּיראָס וועט ער דאָ גאָר נישט מאַכען. אז מען רויכערט, ווערען גאָר עפּיס קלערער די געדאַנקען. מען ציהט דעם פּאַפּיראָס, מען לאָזט אַרויס גאַנצע רעהרען רויך... פוף—פוף—פוף!... עס איז אַזוי געשמאַק... אַ דערקוויקעניש!...

ער קוקט זיך אום אויף אַלע זייטען פון בית־מדרש און זוכט עמיצען פון די ישיבה בחורים, צו וועמען ער זאָל קענען צוגעהן בעטען אַ פּאַפּיראָס, זיינע בליקען פאַלען אויפ'ן „זעלוועך".

— אָ! ער האָט אַ גאַנצע פּושקע מיט לאַנגע, געלע לאָק־שען־טאַבאַק. די פּאַפּיראָס־פּאַפּיער איז אַזוי דין און דורכזיכטיג! ער אָבער וועט ניט געבען. ער גיט אפילו קיינמאָל דעם פּרוש ניט. דעם פּרוש ניט געבען? אַזאַ אונגליקליכען, אַזאַ מרה־שחורה'ניק?! איהם ראַטעוועט דאָך אַ פּאַפּיראָס!

ער הויבט אויף זיינע אויגען אויפ'ן פּרוש און ניט וויסענדיג אַליין צוליעב וואָס, הויבט ער אָן צו שאַצען דעם פּרוש'ס יאָהרען.

— 35 יאָהר איז ער שוין געוויס אַלט, בעשטימט ער; נאָר בעמערקענדיג אין זיין באָרד עטליכע זילבערנע האָר, לעגט ער איהם צו נאָך פינף יאָהר:

— 40 יאָהר געוויס!

פערקוקענדיג זיך אַזוי אויפ'ן פּרוש און מעסטענדיג זיינע יאָה־רען, פערגעסט ער זיך דערווייל אָן דעם פּאַפּיראָס. באַלד אָבער געהט צו צום ווינקעל, וואו ער זיצט. דער הינקענדיגער אונטער־שמש מיט זיין גרויסער ליולקע, פון וועלכע עס זעצט אַ רויך ווי פון אַ קוימען. עס פערווילט זיך איהם נאָך שטאַרקער רויכערן.

— וואו קריגט מען פּאַרט אַ פּאַפּיראָס? ווייגט ער אין דער שטיל. ער הויבט שוין אָן צו ווערען אין כעס. אין זיין מוח לויפען

דורך אַלע ישיבה־בחורים, וואָס רויכערן און האָבען פּאַפּיראָסען. ער קען אָבער ניט פּועל'ן בײַ זיך צוצוגעהן צו עמיצען פון זיי. ער האָט זיך שוין בײַ אַלעמען מיאוס געמאַכט. אַלע טאָג בעט ער, דרײַ מאָל אַ טאָג!

ער איז אין כּעס און שילט:

— אַכזרים, מערדער! חאַפּט אײַך אַלעמען די קלאָג!... און פאַר צאָרן פערוויילט זיך איהם צוצולויפען צום „זעלוועך" מיט אַנ־אימפּעט, מיט אַ וואָרטה, מיט אַ ווילדען כּעס און שרײַען:

— הער, דו! פערדיענסט אַלע וואָך צוויי גילדען! מיאוסער מענש דו... וועסט ניט קראַנק ווערען, אַז דו וועסט מיר געבען אַ פּאַפּיראָס.

ער דערזעהט אָבער פון ווײַטען דעם „זעלוועך'ס" רוהיגען פּנים, זײַנע קאַלטע אויגען, ער דערהערט זײַן גראָבען קול און דאָס האַרץ גיט זיך אין איהם אַ וואָרף...

— בעסער שטאַרבען, איידער בעטען בײַ אַזאַ מיאוסען מענשען, ער וועט סײַ ווי סײַ ניט געבען!

און דער הינקענדיגער אונטער־שמש שטעהט כּמעט נעבען איהם, רייניגט אַ גלאָז פון אַ לאָמפּ און גאַנצע שטיקער שוואַרצער רויך ציהען זיך פון זײַן גרויסען מויל. זיי ציהען זיך און דערגרײַכען אַזש צו איהם, צו יוסף'ן. דער רויך איז פון מאַחאָרקע, אַ ביטערער, אַ בײַסענדער, אָבער אַ רויך איז דאָך דאָס. און יוסף'ן גלוסט זיך חאָטש איין ציה טהון אײן ציה טהון נאָר, חאָטש פון דעם הינקענדיגען אונטער־שמש'ס ליולקע.

— ער וואָלט געוויס מיר געגעבען אַ ביסעל מאַחאָרקע אויף אַ פּאַפּיראָס. בײַ איהם האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געבעטען... ווי אַזוי בעט מען אָבער בײַ איהם, בײַ דעם הינקענדיגען אונטער־שמש? עס איז בזיונות! און טאָמער גיט ער אויך ניט?

ער דערמאָהנט זיך, אַז דער הינקענדיגער אונטער־שמש איז אַ גרויסער לץ, פון אַלץ האָט ער ליעב צו חוזק מאַכען. און ער „וויצעלט" אַזוי נאַריש, אַזוי גראָב, אַזוי אָהן טעם! אַזש עס איבעלט! אַז מען בעט בײַ איהם בײַ נאַכט אַ ליכט צום לערנען, ענטפערט ער: „צינד אָן אַ שפּענדעל און לערן", און ער לאַכט דערבײַ אַזוי משונה ווילד! אַז ער וועט בײַ איהם איצטער בעטען אַ ביסעל מאַ־

חאָרקע, וועט ער געוויס ענטפערן: „נעהם אַ ביסעל מאָך פון בית־מדרש וואַנד אָדער שטרוי, און רויכער!“

— ניין, ניין! בעסער ניט רויכערן אין גאַנצען! בעשליסט ער, מען דאַרף זיך גאָר אָבגעוועהנען פון רויכערן.

עס איז אַ סך געזינדטער. דער „רעבזעוויטשער“ רויכערט ניט, איז ער טאַקי דער געזינדסטער אין דער ישיבה, ער וואַרפט אום אפילו דעם „זעלווער“.

בעשליסענדיג, אַז מען דאַרף אויפהערן רויכערן, צושאָקעלט ער זיך און הויבט אָן ווידער לערנען דעם שיעור הויך אויף אַ קול, — ער בענעהמט אָבער גאָר נישט, אין זיין מוח קלאַפּען די ווערטער: „אונטער־שמש“... „מאַחאָרקע“... „מאָך“... „אַ שטרויעלע“... „בזיונות“... „מאַחאָרקע“...

און פּלוצים, ווי עס וואָלט איהם ווער אַ שלעפּ געטהון, פערלאָזט ער זיין אָרט, וואַרפט מיט די אויגען אין אַלע זייטען און לאָזט זיך געהן גלייך צום אונטער־שמש, וואָס שטעהט שוין הינטערן בימה און רייניגט דאָרט אַ צווייטע גלאָז.

— אָבער האָסטו בעריל! אויסגערייניגט די גלאָז — זי גלאַנצט! מאַכט יוסף אַנ'הקדמה צו זיין בקשה.

— זי גלאַנצט, לאַכט דער הינקענדיגער אונטער־שמש! פּונקט ווי דיין „פּאָטרעט“...

— נאָך שענער! לאַכט אויך יוסף מיט עפּיס אַ מאָרנעם געלעכטער.

— שענער פאַר דיין פּאָטרעט קען גאָר ניט זיין; דו ביזט דאָך שען, ווי יוסף הצדיק, געדענקסט די מעשה מיט פּוטיפר'ס ווייב...

יוסף האָט געוואָלט זאָגען: פּע, גראָבער יונג!... נאָר פון זיין מויל האָט ווי עמיצער אַרויסגעריסען די ווערטער:

— בעריל גיב אַ ביסעלע מאַחאָרקע... אויף איין פּאַפּיראָס!

— חאַ—חאַ—חאַ! האָט זיך דער הינקענדיגער אונטער־שמש ווילד פונאַנדערגעלאַכט. ווי קומט אַ בן תורה צו רויכערן מאַחאָרקע? אַ פויער ביזטו, וואָס?... וואָס וועט די וועלט זאָגען... מען וועט דאָך דיר אָבזאָגען אַלע „טעג“... חאַ—חאַ—חאַ... וועסט הונגערן, ווי אַ הונד... חאַ—חאַ—חאַ... מאַחאָרקע וויל ער גאָר רויכערן...

יוסף ווערט רויט און קוים וואָס ער קען אויסרעדען:

— מען זאָגט אַז מאַחאָרקע איז געזינדטער, עס איז אָהן פאַרב... מיר טהוט עפּים וועה אין האַרצען...

דער הינקענדיגער אונטער-שמש הערט אוים גאַנץ רוהיג, זינגט זיך אונטער אַ ניגונ'דיל „וכל מא־א־מ־נ־ים... הויבט אָן רייניגען נאָך אַ גלאָז און ענטפערט וויצלענדיג זיך, ווי זיין שטייגער:

— הייסט עס, ווילסט אַ ביסעלע מאַחאָרקע... גוט... גוט...

ער שטעלט אוים אויף יוסף'ן זיינע נאַרישע אויגען און פרעגט:

— שוין לאַנג אַז דו ווילסט?... חאַ—חאַ—חאַ...

ער הערט אויף צו לאַכען, ווערט ערנסט און זאָגט:

— ווייסט גאָר וואָס, מאַחאָרקע איז געזינדטער פאַר גוטען טאַבאַק, גאַנץ פיין! לאָמיר מאַכען אַ בייט: גיב מיר דיין גוטען טאַבאַק. נישקשה, איך בין ניט קראַנק צו רויכערן גוטען טאַבאַק, און איך וועל דיר געבען מאַחאָרקע. אָבגעמאַכט!

יוסף קוקט מיט די ווילדע בליקען אויפ'ן אונטער-שמש, וואָס שטעהט קעגען איהם און לאַכט צום חלש'ען... יוסף'ן דאַכט זיך, אַז מיט זיין בקשה האָט ער זיך איצטער מיאוס געמאַכט אויף אייביג, אויף אייביג... ער האָט חרטה, וואָס ער האָט גאָר אָנגעהויבען. און כדי צו פערגלעטען זיין בקשה, אַז דער מיאוסער אונטער-שמש זאָל זי אין גאַנצען פערגעסען, עס זאָל פון איהר אין זיין מוח קיין זכר ניט בלייבען, ווענדט ער זיך צו איהם מיט אַ פראַגע:

— ווייסט ניט, בעריל, דער „מגיד" וועט היינט זאָגען?...

און ניט וואַרטענדיג אויף קיין ענטפער, לאָזט ער זיך געהן צוריק צו דער גמרא...

XXIX.

ראטשילד און ראקעפעלער.

פון שיף האט ברוך'ן אראפגענומען זיין שוואגער ביינוש, א יונגער־מאן פון א יאהר 35, וועלכער איז שוין פינף יאהר אין „לאנד", דערזעהענדיג איהם מיט די קורץ־געשוירענע וואנסען און מיט דעם גלאט געראזירטען פנים, האט ברוך גלייך דרך ארץ פאר איהם בע־קומען און אנשטאט, וואס אין דערהיים איז ער, ברוך, געווען דער יחסן און ער פלעגט ביינוש'ן זאגען דו און ביינוש איהם איהר — האט ער ביים בעגעגעניש גלייך איהם גענומען איהרצען, און צו זיין גרויס פערוואונדערונג האט איהם ביינוש געזאגט דו, דעמאלט האט ברוך דערפיהלט, וואס הייסט א ג ר און האט זיך שוין מבין געווען אויף א סך ערנידערונגען.

אויף מארגען האט ביינוש, קומענדיג פון דער ארבייט, און זעצענדיג זיך גלייך ביי דער וועטשערע, וואס די בעל־הבית'טע וואו ער איז א שכן געווען, האט איהם צוגעטראגען, זיך געווענדט צו ברוך'ן.

— נו, ווי געפעלט דיר ברוך אונזער אמעריקא?

ברוך איז נאך געווען שטארק מיעד פון וועג, געדאכט האט זיך איהם נאך אלץ, אז ער איז אויפ'ן שיף און אלץ שאקעלט זיך נאך... אין דרויסען איז ער סך־הכל א האלבע שעה געווען — אי דאס נעבען הויז. אויסער קליינע קינדער, גרויסע „עזות־פנימער" פאהרענדיג אויף „רעדלעך" האט ער נאך ניט געזעהן. נאר, אז דער שוואגער פרעגט, דארף מען ענטפערן:

— א וואוילע מדינה...

— אַ וואוילע מדינה, האָט בײַנוש שפּאָטיש איבערגע'חזר'ט. אַ, דו גרינער, האָסט דען אַ בעגריף, וואָס אַמעריקאַ איז.

ער איז אַנטשוויגען געוואָרען האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַ באַנאַנע און קוקענדיג שטאַרק אויף ברוך'ן האָט ער געפרעגט:

— וואָס דאָס איז ווייסטו?

ברוך האָט זיך נכנע'דיג צוגעבויגען, בעטראַכט די ווילדע פרי און ווי אַ פערשולדיגטער מיט אַ געלבען שמייכעלע נעענטפערט:

— לאָם איך אַזוי וויסען פון בייז...

— אודאי, ווי קומען גרינע צו וויסען פון אַזוינע זאַכען, — האָט בײַנוש געלאַכט מיט גאוה — ביי אייך אין איראָפּאַ ווייסט מען נאָר פון בולבע...

— בולבע איז איצט אויך ביי אונז זעהר טייער געוואָרען — האָט ברוך מיט אַ זיפץ איבערגעריסען...

— און וואָס איז ביי אייך ניט טייער? — האָט בײַנוש גע"חוזק'ט... אַזאַ באַנאַנע אויב מען קריגט שוין ביי אייך, מוז אודאי קאָסטען אַ פערציגער און ווייסט וויפיעל קאָסט זי דאָ?

— אודאי נישט מעהר ווי פינף סענט... האָט ברוך שוואַך אויסגערופען, ציטערנדיג צי איז ער חלילה ניט אַריינגעפאַלען מיט'ן מקח.

און טאַקי אַריינגעפאַלען! בײַנוש האָט אויף איהם זינעריש אויסגעשטעלט די אויגען און זיך פונאַנדערגעלאַכט שטאַרק, געזונד און זיבער:

— אַ גרינער איז אַ גרינער! מענש דו! פאַר פינף סענט קריגסטו צעהן אַזעלבע!

— צעהן שטיק! — האָט ברוך זיך בעגייסטערט פון דעם זול — טע! טע! טע! האָט ער געמאַכט מיט די ליפּען. אָט דאָס הייסט אַ זול.

זענענדיג צופריעדען וואָס דער גרינער איז דאָך אַ שטיקעל מבין אויף זיין אַמעריקאַ, האָט בײַנוש גוטמוטהיג איהם פאַרגעלעגט די באַנאַנע.

— נאַ, פערזוך, ועסט זיך אויסגרינען.

ברוך האָט גענומען די פרוכט מיט ציטערדיגע הענד און ניט געוואוסט וואָס צו טהון.

— אַ האַ, איך האָב גאָר פֿערגעסען, אַז דו ביזט אַ גריבער, ווייז איך וועל דיר אָבשפּילען ..

— אַזוי גאָר... דאָס שפּילט זיך, הייסט עס... האָט ברוך זיך געמאַכט חדוש'ן.

— אַוודאי שפּילט זיך עס... האָט ביינוש דערקלערט און קונציג אַרונטערגענומען פֿון דער גאַנצע די גראָבע הויט.

— ס'איז הייסט עס, אינווענינ גאָר ווייס... האָט ברוך ווידער אויסגעדריקט זיין התפּעלות...

— עס בעסער, ווערסטו זעהן וואָס הייסט גוט... האָט ביינוש ווי בעפֿוילען, ווי מען בעפֿעהלט אַ קינד.

ברוך האָט פֿאָרזיכטיג אָבגעביסען דעם שפּיץ, געגעבען אַ קײַ און זיך מיט שאַרפֿער מבינות צוגעהערט צום טעם... ביינוש האָט אויף איהם געקוקט און געוואַרט אויף מבינות. „מען מוז לויבען!“ האָט ברוך בעשלאָסען, חאָטש געוואָלט האָט ער דעם ביסען צוריק אויסשפּייען. פֿאַר איהם איז עס צו זיס געווען:

— נו?

— עס צוגעהט זיך אין מויל פּשוט... אָט דאָס הייסט פֿרוכט! האָט ער אויסגערופֿען מיט התפּעלות...

און ביינוש איז מיט'ן שוואָגער פֿון ערשטען עקזאַמען געבליבען צופֿריעדען.

אויף מאָרגען האָט ברוך אויסגעהאַלטען אויך דעם עקזאַמען פֿון די „טומייטעס“, ביי וועלכע ער האָט זיך פֿון דעם ווילדען טעם פֿערקריטט, האָט אָבער שטאַרק געלויבט און געזאָגט, אַז ביי „זיי“ וואָלט מען עס צוצוקערט...

ביינוש איז געבליבען מיט זיין גרינעם ווידער צופֿריעדען, האָט איהם צוגעזאָגט אין גיכען געפֿינען אַ שאַפּ, וואו ער וועט צו־גנעהען העננערס צו מיידעלשע בלוזקעס... און ער וועט מאַכען אַ לעבען...

דאַרף אָבער אין אַ פּאָר טעג אַרום ביינוש מאַכען אַ שמועס וועגען אַמעריקאַנער מיליאָנערן און דאָ הויבט זיך אָן ברוך'ס אומגליק.

אָנגעפאַנגען האָט בײַנוש איהם צו ערקלערען אַז אַמעריקא פערמאָגט 400 מיליאָנערן, אַזוי הײסען זײ טאַקי — „די פיער הונ־דערט!" נאָר דער גרעסטער פון זײ איז ראָקעפעלער...

— ווער איז דער ראָקעפעלער?

— ראָקעפעלער, האָט בײַנוש ערקלערט, איז דער גרעסטער מיליאָנער פון דער גאַנצער וועלט.

דאָ האָט זיך ברוך דערמאָהנט אָן ראָטשילד'ן. ראָטשילד איז ברוך'ן געוועזען אײַנגעבאַקען טיעף אין האַרצען: ערשטענס, אַ יוד און צווײטענס, טאַקי ראָטשילד. און דערהערענדיג, אַז ראָקעפעלער איז גאָר דער גרעסטער מיליאָנער, האָט איהם עפּיס אַ ריהר געטהון בײַם האַרץ און זעהר פאַרזיכטיג האָט ער בעמערקט:

— און ראָטשילד..

— עט, ביזט אַ שוטה, האָט בײַנוש זיך אָנגעחאַפּט... בײַ איך אין אייראָפּאַ איז ראָטשילד אַ שיסער, דאָ ווײסט מען אפילו ניט פון איהם... ראָטשילד פערמאָגט ניט אפילו ראָקעפעלער'ס מיסט...

ברוך האָט ביטער אַ שמײכעל געטהון און בעשלאָסען, אַז אונטערגעבען זיך דאַרף מען ניט אַזוי גיך. באַנאַנעס און טומײטעס קאָנען טאַקי גוט זײַן, ער איז אַ גרינער און קריגען זיך דערפאַר מיט זײַן שוואָגער וועט ער ניט. אָבער עס האָט דאָך אַלץ אַ גרע־נעץ!... און ער האָט אײדעל בעמערקט:

— מיר דאַכט זיך בײַנוש, אַז איהר האָט אַ טעות... איך, למשל, האָב פון ראָקעפעלער קײנמאָל ניט געהערט. פון ראָטשילד'ן אָבער ווײס אַ קינד אין וויעג... אַ קלײניגקײט — ראָטשילד...

— נו, — האָט בײַנוש אַ שטאָך געטהון — וואָס זשע ביזטו ניט געפאָהרען צו ראָטשילדען?...

— חע־חע! — וואָס האָב איך מיט איהם פאַר אַ געשעפטען — האָט ברוך מוטהלאָז געלאַכט — נאָר איך מײן, אַז מען רעדט, רעדט מען: ס'הײסט, ווער ווײס דאָס ניט אַז ראָטשילד איז דער גרעסטער מיליאָנער!

— ביזט אַ גרינער — האָט בײַנוש גע'טענה'ט — מען זאָגט דיר, אַז ראָקעפעלער איז דער גרעסטער מיליאָנער, קומסטו מיט דײַן ראָטשילדען...

— מײַנער, וואָס הייסט מײַנער — האָט ברוך זיך געהאַלטען פעסט — ער איז מײַנער, ווי דײַ... ווי אייערער... עס רעדט זיך נאָר, ראָטשילד ווייסט יעדער איז דער גרעסטער מיליאָנער...

— אויב אַזוי לאָמיר בעסער וועגען דעם ניט רעדען — האָט ביינוש טרוקען אַרויסגערעדט, זיך אויפגעשטעלט און שטום פערדרויכערט אַ דרײַ־סענטיגען סיגאַר...

ברוך האָט געפיהלט, אַז דער שוואָגער איז בײז אויף איהם, נאָר קיין חרטה האָט ער דאָך ניט געהאַט.

— ס'איז דאָך נאַרישקײט! האָט ער פאַר זיך געטראַכט — עס האָט יאָך אַלץ אַ גרענעץ!

XXX.

צווייַ שוועסטער.

צו דער אָרעמער חיענען פלעגט די רייַכע שוועסטער זעלדע, זעלטען קומען; דערפאַר אָבער, אַז זי פלעגט שוין אַ מאָל קומען, איז בייַ דער אָרעמער חיענען אין שטוב קענטיג געוואָרען: די רייַכע שוועסטער האָט שטענדיג עפּיס אַ מתנה געבראַכט. אַ מאָל אַ שטיקעל סיץ אויף אַ קליידעל, אַ מאָל אַ פּאָר אָבגעטראָגענע שיך פאַר די קינדער, אַ מאָל אַנ'עסען־וואַרג און אַ מאָל אַ מזומן קערבעל...

אַז זעלדע פלעגט קומען, פלעגט די אָרעמע חיענע פון אָנפאַנגס צעטומעלט ווערען. אויף איהר געזיכט פלעגט זיך אויסגיסען אַ פרייד און אַ שרעק צוזאַמען און די אויגען, די טיעפע אייַנגעגראָבענע אויגען, האָבען דאַכט זיך געלאַכט און געוויינט צוזאַמען...

— ס'אַ בזיונות אַ ביסעל! פלעגט חיענע קוים צו זיך קומען — איך זעה אויס, ווי דער שוואַרץ־יאָהר!

און חיענע פלעגט אַראָבּרוקען נידריגער דאָס טיכעל אויפ'ן שטערן און אַ וויש טהון מיט די הענד דאָס פּנים און פלעגט בלייַבען שטעהן אָהן ווערטער...

— פאַר וואָס בעטסטו ניט זיצען! פלעגט שוין חיענען פון פערלעגענהייט דער מאַן וועלען אַרויסנעמען...

— ווייס איך... פלעגט חיענע פערשולדיגט ענטפערן, וואַרפענדיג אַ בליק איבערן שטיבעל — עס איז ברוך השם ניטאָ וואו — אַ הקדש...

— ניין! ניין! פלעגט זעלדע ענטפערן — איך האָב קיין

צייט ניט, איך וועל באלד געהן. וואס מאכסטו עפּיס חיענע?...

— מען מוטשעט זיך... וואס זאל מען מאכען. „ער" זיצט א גאנצען טאג אין שטוב און גיט ניט א קלאפּ א פינגער אן א פינגער...

דער מאן פלעגט כעס'דיג א ברום טהון און גאר ניט ענט־פערן און חיענע, קומענדיג שוין צו זיך, פלעגט אנהויבען רעדען און רעדען, קלאגען זיך און קלאגען זיך און זעלדע, די רייכע שוועסטער, פלעגט שטעהן און אויסהערען אויפמערקזאם אלע טענות, דרעהענדיג די פרענז פון איהר מאנטעל...

— נו, איך דארף שוין געהן! — פלעגט ענדליך זעלדען נמאס ווערען אויסהערען חיענעס מעשיות — נא דא וועסטו האבען פאר די קינדער אויף א פאר העמדלעך... טייערע פרעז...

— וואס? איך זאל דיר דאנקען? פלעגט חיענע געריהרט ווערען, צונעמענדיג די מתנה — איך זאג דאך פריהער גאט דער־נאך דו... עס איז ברוך השם...

ביי חיענען פלעגען זיך שטעלען טרערען אין די אויגען. צי פאר פרייד פון דער מתנה, צי פאר צער, וואס זי דארף עס נע־מען... אזעלכע זאכען איז שווער צו וויסען... און זי פלעגט ניט וויסען מיט וואס צו ענדיגען.

— פארט א שוועסטער — זי פערגעסט ניט! פלעגט חיענע נאך זעלדעס אוועקגאנג זיך ווענדען צו די הויזיגע.

— א גרויל גאר! פלעגט דער „מאן", וועלוועל ניט זיין צו־פריעדען — ווי פיעל מיינסטו איז דאס ווערטה? ביי לייטען רייכע שוועסטער...

— ביי לייטען, ביי לייטען! פלעגט חיענע איבערקרימען איהר מאן — דו האסט ווען געזעהן „לייטען", קבצן איינער?... דו דארפסט דאך נעמען א טארבע און געהן איבער די הייזער...

— שא, שריי ניט אזוי — פלעגט וועלוועל אראבפאלען ביי זיך — וואס האב איך דיר אזוי געזאגט... איך מיין גאר ניט...

— אזוי, מיינסטו גאר ניט! — פלעגט חיענע זיך צעהיצען

— איך קאן דיך, איך וויים, דו וואלסט וועלען, אז זי זאל דיר, וואס זי האט אוועקגעגעבען דו זאלסט קענען א גאנצען טאג שלאפען...

און חיענע פלעגט נאך דעם א שעה נאכאנאנד רעדען ווענען

דער רײַכער שוועסטער און דערצעהלען, אז זי איז אלע מאל א גוּ־טע געווען; בשעת זיי זענען נאך מיידלעך געווען און ביידע גע־הארעוועט זיך ביי׳ם ארעמען טאטען, פלעגט זי איהר אויך, וואס זי האט נאר געהאט געבען

— דערפאר האט איהר טאקי גאט געהאלפען! פלעגט זי אויס־לאזען מיט א פרומען זיפץ, — גאט זאל איהר געבען צעהן מאל אזוי פיעל — זי איז דאס ווערטה...

און חיענע, וועלכער האט זיך שטענדיג געדאכט, אז א איז זעהר פיעל שולדיג דער שוועסטער פאר די פיעלע מתנות וואס זי גיט איהר איבער, פלעגט חאטש צאהלען מיט ברכות אונטער די אויגען, ווי זי וואלט וועלען גרינגער מאכען די שווערע משא, וואס לעגט זיך ביי איהר אויף׳ן הארצען נאך יעדער בעקו־מענער מתנה...

דאך וואלטען די ברכות אליין ניט געווען אין שטאנד צו פערגרינגערן חיענעס הארץ. משטיינס געזאגט, וואס פאר א ווערטה האבען איהרע ברכות? איהר מויל איז ניט אזא געבענטשטער: א גאנצען טאג שעלט זי דעם מאן, די קינדער און זיך אליין — און ווער ווייסט צי איז גאר איהר מויל מסוגל צו א ברכה?

פערגרינגערן איהר משא פון די בעקומענע מתנות איז בע־שטאנען אין אנ׳אנדער זאך גאר. די ארעמע חיענע, וואס האט ערנעהרט כמעט אליין דאס גאנצע געזינד, דערמיט וואס זי פלעגט האנדלען מיט די גאסינגע „פויערטעס”, איז אויך אין שטאנד געווען עפּיס צו שענקען איין מאל אין יאהר דער רייכער שוועסטער. עס איז געווען א מתנה אפשר ניט אזא טייערע, אבער זעהר אנ׳אנ־גענעמטע.

די מתנה פלעגט זי איהר שיקען איין מאל אין יאהר — אסתר תענית — מאהן, אויף המנ׳טאשען.

חיענע האט געהאט אין גאס א פויערטע, מיט וועלכע זי האט זעהר גוט געלעבט. און די פויערטע, אנזשע, פלעגט איהר אלע אסיען שענקען א האלבען טאפּ מאהן א מתנה.

חיענע פלעגט דעם מאהן בעהאלטען ווייט, ווייט אויף׳ן בוי־דעם כדי די קינדערלעך, וואס האבען מאהן זעהר ליעב, זאלען דערפון ניט דערשמעקען. און מיט א קלאפּענדיגען הארצען פלעגט

זי, ארויפקריכענדיג א מאל אויפ'ן בוידעם, קוקען אויפ'ן זעקעלע מאהן און טראכטען:

— אסתר תענית!...

מעהר איז זי ניט אין שטאנד געווען צו פארשטעלען זיך, דער געדאנק פלעגט איהר ווי פערשכור'ען און נאר שטראהלענדיג פלעגט זי אויסרעדען הויך:

— אסתר תענית!...

און אסתר תענית אין דער פריה פלעגט זי לאזען אלע ארבייט, ארויפקריכען אויפ'ן בוידעם, מיט ציטערנדע הענד אראפנעמען דאס זעקעלע מאהן און מיט אנ'ערנסט בעזארגט פנים פלעגט זי זיך אנהויבען עסק'ן מיט די מאהן...

— אי, מאהן, מאהן! פלעגען די קליינע קינדער זיך צעזינגען און אוועקשטעלען זיך ביי'ם טיש מיט דארשטיגע אויגעלעך.

— אוועקט, אוועקט! פלעגט חיענע פארזיכטיג זיי אוועקטרייבען. דאס איז פאר דער מוהמע זעלדען — טשעפעט ניט...

דערהערענדיג: „פאר דער מוהמע זעלדען" פלעגען די קינדער ערגיץ זיך איבערקוקען און אפטרעטען אויף אפאר טריט צוריק... און דאס יונגסטע ארעם-דאר יונגעלע מיט גרויסע שווארצע אויגעלעך פלעגט זיך גאר בעטען:

— מאמע, וועל ניט נעמען וועל נאר קוקען... מיינע נאמנות... קוקען...

— נו, קוק, קוק! פלעגט די מאמע ווייכער ווערען...

דערזעהענדיג, אז די מאמע איז מתיר צו קוקען, פלעגען זיך אלע קינדער א שאט טהון צום טיש און בעטראכטען די מאהן מיט גרוים חדוש און דרך ארץ...

און חיענע פלעגט אנהויבען מעסטען און מעסטען. איהר געקנייטשטער שטערן פלעגט געקנייטשטער ווערען, די טיעפע איינגעגראבענע אויגען פלעגען נערוועז אומלויפען. זי האט ניט געקאנט בעשטימען, פיעל זאל זי לאזען פאר זיך אליין: א האלבע קווארט, צי א קוואטירעל....

— וואס זאגסטו, וועלוועל, עס איז ניט מיאוס צו שיקען איהר, נאר אנדערהאלבען קווארט?

— וואס פרעגסטו מיך? פלעגט וועלוועל זיך בלאזען — עס איז דאך דיין שוועסטער — ווייסטו דאך בעסער פאר מיר...

וועלוועל האט שווארצען מאהן ליעבער געהאט פאר אלע גוטע זאכען, ליעבער געהאט אפילו, ווי מעהרען-צימעס... און הלוואי וואלט ער נאר האטש א ביסעלע פערדיענט, וואלט ער געהייסען שיקען „איהר" א קווארט און פאר זיך א קווארט. נאר וואס העלפט דאס ליעב האבען? אג'ארעמאן טאר גאר נישט ליעב האבען...

און חיענע פלעגט נאך א לאנגען ישוב-הדעת לאזען זיך אליין נאר א קוואטירעל און דאס איבריגע פלעגט זי פערבינדען פאר זעלדען...

שווער איז דאס צוגעגאנגען מיט'ן אוועקטראגען. איינענט-ליך וואלט חיענע זיך מחיה געווען, ווען זי וואלט געקאנט אליין אוועקטראגען, ווען זי וואלט זיך ניט געשעמט... נאר חיענע האט בשום אופן זיך ניט געקאנט פארשטעלען, ווי אזוי וועט זי דאס אריין און זאגען: איך האב דיר געבראכט א מתנה... ניין, זי וועט עס ניט קענען אויסרעדען... זי וועט זיך צעטומלען און עס וועט זיין א חרפה פאר'ן שוואגער...

און חיענע ווענדט זיך צו די קינדער.

— נו, ווער וויל אוועקטראגען דער מוהמען זעלדען די מאהן?

— איך! פלעגט איין קינד א שפרונג טהון.

— איך! פלעגט א צווייטעס איבערשרייען דאס ערשטע.

— איך, פלעגט א דריטעס זיך איינשפארען...

נאר חיענע פלעגט יעדעס קינד בעטראכטען און געפינען חסרונות.

— ביי דיר איז צעריסענע הויזלעך, עס זעהט זיך דאס הוי-לע העמד... מיאוס פאר'ן פעטער...

— ביי דיר איז א צעריסען קליידעלע...

— דו האצקעל געהסט אפילו ניט שלעכט אנגעטהון, ערשט פאר אכטאגען א פאר לאטקעלעך געלעגט... איך האב אבער מורא, דו קאנסט אויפ'ן וועג אויפעסען... ביזט א נאשער. געדענקסט ווי דו האסט זומער אויסגעזופט א האלבע גלאז זויער-מילך...

און האצקעלע, א יונגעלע פון צוועלף יאהר, הויבט זיך אן שווערען מיט אלערליי שבועות, מיט עולם הבא, מיט די ציצית,

אַז עֶר וועט אַפילו אויפ'ן זעֶקעֶלעֶ נִיט קוקעֶן, נִיט נאָר נִיט עֶסעֶן. אַי דִי הַאלבּעֶ גלאָז זויעֶר-מִילך. האָט עֶר געֶמיינט, אַז דאָס האָט מעֶן אִיהם געֶלאָזעֶן אויף אָנבּייסעֶן..

אוּן חיעֶנעֶ שִיקט דִי מאָהן מִיט חאַצקעֶלעֶן. זִי קוקט אִיהם גוּט אַרוּם, פעֶרשפּילעֶוועט אִיהם דִי קנעֶפּעֶלעֶך. שנייצט אִיהם אויס דאָס נעֶזעֶלעֶ אוּן הויבּט אִיהם אָן עֶקזאַמעֶנִירעֶן:

— וואָס וועֶסטוּ זאָגעֶן?

— אִיך וועל זאָגעֶן — הויבּט אָן חאַצקעֶל — אוּן דִי אויגעֶלעֶך גלאַנצעֶן — אִיך וועל זאָגעֶן: דִי מאַמעֶ האָט אַיך געֶשִיקט שלח-מנות...

— משוּגע'נעֶר, — דעֶרשרעֶקט זִיך דִי אָרעֶמעֶ מוּטעֶר — אוּן דִי אִיבּרִיגעֶ קִינדעֶר צעֶלאַכעֶן זִיך — משוּגע'נעֶר, וואָס אִיז היינט פאַר אַ שלח-מנות?... מאָרגעֶן אִיז דאָך שלח-מנות.

— אִיך וועל זאָגעֶן, דִי מאַמעֶ האָט אַיך געֶשִיקט מאָהן אויף המנ'טאַשעֶן...

— אָ, אַזוי, אַזוי, וועֶרד חיעֶנעֶ צוּפרִידעֶן... דוּ וועֶסט פרִיהעֶר זאָגעֶן: גוּט מאָרגעֶן! שעֶהן, הויך: גוּט מאָרגעֶן!...

— גוּט מאָרגעֶן! — שרייט אויס חאַצקעֶלעֶ! — אוּן אַלעֶ קִינדעֶר לאַכעֶן זִיך פעֶנאַנדעֶר — דִי מאַמעֶ האָט אַיך געֶשִיקט אַ מתּנה מאָהן אויפ'ן המנ'טאַשעֶן...

— גוּט! גוּט! קוועֶלט אָן חיעֶנעֶ בּיי דעֶם וואָרט מתּנה — חאַצקעֶלעֶ אִיז טאַקִי אַ קלוּגעֶר...

אוּן חאַצקעֶלעֶ לויפט אַרוּם מִיט'ן זעֶקעֶלעֶ מאָהן. אִין שטִיבּעֶל וועֶרט שטִיל. אַלעֶ וואַרטעֶן אויף עֶפּיס אַ גרויסעֶ זאַך. אַלעֶמעֶן דאַכט זִיך, אַז חאַצקעֶלעֶ וועֶט קוּמעֶן צוּרִיק אוּן וועֶט עֶפּיס בּרעֶנגעֶן, אַזאַ זאַך, וואָס עֶס אִיז טייעֶרעֶר פאַר אַלץ, נאָך וואָס דאָס גאַנצעֶ פִינסטעֶרעֶ אָרעֶמעֶ שטִיבּעֶל קאָן לִיכטִיג אוּן רייך וועֶרעֶן...

נאַר מעֶהר אָנגעֶשטרעֶנגט וואַרט חיעֶנעֶ אַליין. עֶס אִיז דאָך אִיהרעֶ מאָהן אוּן אִיהר שוועֶסטעֶר... וואָס וועֶט זִי זאָגעֶן?... פאַר וואָס זוימט עֶר זִיך אַזוי לאַנג?... דאָס האַרץ שפּרִינגט אִיהר שִיעֶר נִיט אַרוּם...

— שאַ, עֶר לויפט שוין צוּרִיק! זאָגט אָן אַ קִינד, וואָס קוקט דִי גאַנצעֶ צייט אִין פעֶנסטעֶר.

און חאַצקעלע לויפט אַריין אַ פרעהליכער אין שטוב...

— נו? שטעלט אוים חיענע אויף איהם איהרע אויגען.

— איך בין אַריין...

— דער פעטער געווען אין דער היים? שלאָגט חיענע איבער.

— ניין! האַקט חאַצקעלע אָב פרעהליך.

חיענע גיט אַזיפץ און טרייבט ווייטער: נו דערצעהל.

— איך בין אַריין, פרעגט מיך די דיענסט: וועמען דאַרפסטו יונגעלע? זאָג איך: איך דאַרף די מוהמע זעלדען...

— גוט געזאָגט! שיינען חיענע'ם אויגען פאַר גליק, וואָס איהר אָרעם יונגעל איז אַזא יחסן...

— די מוהמע זעלדע איז אַרוים, דערצעהלט חאַצקעלע ווייטער, באַלד ווען זי אַריין, זאָגט די דיענסט — וואָרט. און באַלד איז אַריין די מוהמע. „גוט מאָרגען!" האָב איך געזאָגט

— הויך? פרעגט חיענע.

— הויך אויפ'ן קול, זאָל איך אַזוי געזונד זיין — שווערט חאַצקעלע — גוט מאָרגען — די מאַמע האָט איך געשיקט מאָהן אויף המנ'טאַשען.

— פאַר וואָס האָסטו ניט געזאָגט: אַ מתנה?... פרעגט די מאַמע, ווי בעליידיגט...

— אוי, איך האָב זיך פערגעסען... אוי — אוי! האָט חאַצקעלע חרטה און קראַצט זיך אין פאה.

— נאַרישע יודענע! ברומט וועלוועל — עס פערשטעהט זיך אַז דאָס איז אַ מתנה, ממילא. וואָס דאַרף מען נאָך אויסרעדען. אודאי אַז דו שיקסט איהר מאָהן איז דאָס אַ מתנה... „זי" פערשטעהט דען ניט?...

און חיענע גיט אין הארצען וועלוולען גערעכט און אַ בערוהיגטע פרעגט זי ווייטער:

— נו, נו! וואָס האָט זי געזאָגט?

— זי האָט צוגענומען און עפּיס געשמייכעלט...

— עס האָט איהר הנאה געטהון! קוועלט חיענע...

— און האָט אַרײַנגעשאָטען אין אַ גרויסער זילבערנע שיסעל און געזאָגט: טײַערע מאָהן...

— שייך טײַערע... בעגײַסטערט זיך חיענע — גאָלד! הײַנטיגס יאָהר איז גאָר ניט צו קריגען אַזאַ מאָהן...

— בעדאַנק דער מאַמען! האָט זי געזאָגט, דערצעהלט ווײַטער חאַצקעלע, און זאָג איהר, אַז איך בעט איהר, זי זאָל קומען מאָרגען צו דער סעודה...

— אַ שוועסטער איז אַ שוועסטער! זיפצט צופריעדען חיענע, קעהרט זיך אום צום פענסטער און ווישט די אויגען פאַר פרייד...

אַזוי האָט זיך עס פילע יאָהרען געצויגען. דאָס זעקעלע שוואַרצע מאָהן האָט חיענע'ן געמוטהיגט, געגעבען שטאָלץ: זי, אָרעמע דערשלאָגענע פרוי איז אויך אין שטאַנד צו שענקען. און וועמען? איהר רײַכער שוועסטער... פאַר די אָפטע מתנות, וואָס זי נעמט פון איהר, קעהרט זי איהר אום חאָטש איין מאָל אין יאָהר אַ מתנה...

און חיענע איז גליקליך דערמיט געווען.

נאָר די אָרעמע פרוי האָט דאָס גליק פלוצים פערלאָרען און זי האָט דערפיהלט, אַז איהר וועלט איז שוין פערשפיעלט, זי האָט שוין ניט אויף וואָס צו האָפען — איהר שוועסטער, וואָס לעבט און איז רײַך, איז פאַר איהר אָבגעשטאָרבען.

עס איז געווען אסתר תענית. די אָרעמע חיענע האָט, ווי אַלע מאָל מיט אַ קלאַפּענדען האַרצען פאַר פרייד דאָס זעקעלע שוואַרצע מאָהן אַראָבגענומען פון בוידעם, געמאָסטען און געמאָסטען, געקלערט און געקלערט, וויפיעל זאָל זי פאַר זיך לאָזען: אַ האַלבע קוואָרט, צי אַ קוואַטירעל און קוים מיט דער היל‍ף פון די צעהנדליגער קנײַטשען אויפ'ן שטערן, האָט זי בעשלאָסען, ווי אַלע יאָהר, אַז פאַר זיך וועט זײַן גענוג אַ קוואַטירעל — און האָט עס אַוועק געשיקט מיט ברוב'קען ווײַל חאַצקעל איז גראָד דאָס יאָהר

געגאַנגען אַהין שטיוועלעך און ברוכ׳קען האָט אָבגעגאַלטען: די אַלטע שטיוועלעך וואָס די מומע האָט געשאַנקען, זענען פונקט געווען אויף זיין „פוס״.

מיט אַ קלאַפּענדען האַרץ, ווי אַלע יאָהר און נאָך מעהר ווי אַלע יאָהר, ווייל חיענע האַלט שטאַרק, אַז אַ האַרץ „זאָגט״ — האָט זי ערוואַרטעט זיין קומען, וואָס פאַר אַ בשורה וועט ער ברענגען, וואָס האָט די שוועסטער געזאָגט?...

און אָט איז אַריין ברוך מיט׳ן זעקעל מאַהן צוריק... אַ דער־שלאָגענער, פערשעמטער, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט און ניט געקאָנט אַ וואָרט אויסרעדען...

— וואָס ביסטו ניט געגאַנגען? האָט חיענע ביין געפרעגט.
— איך בין שוין געווען... האָט ברוכ׳קע קוים געענטפערט.
— ניטאָ זי אין דער היים? האָט חיענע ווייטער גע־פרעגט...
— אין דער היים איז זי...
— נו?... האָט חיענע אויסגעשטעלט די אויגען...
— זי זאָגט, אַז זי האָט שוין!

— וואָס ביזטו, משוגע? רעד! איז חיענע ווי צעמישט צוגעגאַנגען נאָהנט צו איהם און איהם אָנגעהויבען צו טרייסלען...
— וואָס ווילסטו? האָט זיך דאָס יונגעל פענאַנדער־געוויינט
— וואָס בין איך שולדיג, אַז „זי״ האָט שוין?...
— פון וואַנען? וואָס? וועה איז מיר! וואָס טהוט זיך דאָ היינט מיט מיר? פון וואַנען האָט זי?...

— איך בין אַריין — דערציעהלט ברוכ׳קע פערוויינט — זאָג איך: די מאַמע האָט אייך געשיקט מאַהן... זאָגט זי: איך האָב שוין... איך האָב גאָר פערגעסען, דאָס די מאַמע שיקט מיר אַלע יאָהר. איך האָב נעכטען געקויפט ביי זלאַטע דער אַלמנה אַ גאַנצען האַלבען טאָפּ פאַר אַ האַלבען רובל... נעם עס צוריק, דער מאַמען וועסט עס צוגויך קומען... האָט די מוהמע געזאָגט...
— זי האָט שוין! האָט חיענע אויסגעשריגען.

און אין שטיבעל איז שטיל געוואָרען, ווי עמיצער וואָלט עפּיס

אָנגעזאָגט זעהר אַ טרויעריגע בשורה, וואָס רויבט אוועק די לעצטע האָפנונג, וואָס לעשט אויס יעדען שטראַהל...

און אַ גאַנצען פורים האָט דאָס שטיבעלע געטרויערט, ווי מען וואָלט דאָ „שבעה" געזעסען, ווי מען וואָלט אַ געשטאָרבענעם בעוויינט.

געשטאָרבען איז פאַר היענען די רייכע שוועסטער.

די קללה.

פריה איז די אַלטינקע רייזע מיט'ן קויש עפּעל אויפ'ן גאַס אַרויס. דער טאָג איז געווען אַ קאַלטער, עס האָט געשאָטען אַ שנעע און די אַלטע רייזע האָט ניט געוואוסט וואָס זאָל זי מעהר היטען: איהרע פערפרוירענע הענד, צי דעם קויש עפּעל. זי האָט דאָ איינגעוויקעלט די עפּעל מיט אַ שמאַטע, דאָ די הענד געוואַרעמט און עס האָט ביידע זאַכען ניט געהאָלפען: די עפּעל האָט דער שנעע פערשאָטען די הענד האָט די קעלט געפרוירען און רייזע האָט אַלע ווײַלע גערופען, הויבענדיג די רויטע אויגען צום הימעל: „רבונו של עולם, העלף!" און גלייך נאָך דעם רופען פלעגט זיך ווייזען אַ גאָראָדאָוואָי און פלעגט איהר אָנהויבען טרייבען: „אַוועק פון טראָטואַר!", און רייזע פערגעסט דאַמאָלס די עפּעל, די קעלט און גאָט און לאָזט זיך לויפען, לוירען, ביז זי פאַלט אַריין אַ דערשראָקענע ערגיץ אין אַ טויער און סאָפּעט אַ האַלבע שעה נאָך־אַנאַנד.

אין טויער געהט אימיצער צו איהר צו און קויפט ביי איהר פאַר אַ גאַנצען צעהנער'ל עפּעל. זי איז מוחל דעם גאָראָדאָוואָי, פערגעסט די קעלט און גיט איהם מיט שמחה דריי עפּעל. יענער דינגט זיך ניט, רוקט איהר אַריין די מטבע און געהט אַוועק.

זי ווערט פרעהליכער, אַ וואַרעמקייט צוגיסט זיך איהר אין איהרע אַלטע ביינער, זי רוקט זיך אַרויס פון טויער און שטרענגט אָן איהרע אַלטע אויגען: זי זוכט אַ קונה און היט, צי געהט ניט אַ גאָראָדאָוואָי...

נאָר קיינער ווייזט זיך ניט.

זי שטעהט אַ גאַנצען טאָג, דער פראָסט שטאַרקט זיך, די שפּיץ פינגער זענען ביי דער אַלטער רייזען צופראָרען. זי איז שוין צופרידען, וואָס הויבט זיך אָן באַלד אָנרוקען די נאַכט, זי הויבט אָן בענקען נאָך איהר וואַרעמען ווינקעל, דאָרט ביי געלע דער אַלמנה.

— פאַר הײַנטיגען טאָג — גענוג! מורמעלט זי פאַר זיך אַרויס און לאָזט זיך געהן אַהײם...

אַרייַנקומענדיג צו געלע דער אַלמנה, פרעגט יענע:

— געלעזט עפּיס, האַ. רייזע?

— אַ צעהנער'ל!

און רייזע נעמט אַרויס פון בײַטעל דאָס צעהנער'ל און בעטראַכט איהם.

נאָר פלוצים ווערט איהר פינסטער אין די אויגען...

— געלינקע, זעהט. גיכער, דאַכט זיך אַ גלאַטער...

געלע נעמט דאָס צעהנער'ל און בעטראַכט.

— אַ בלעכעל! קרימט זי זיך.

— אַ בלעכעל! פאַרברעכט רייזע מיט די הענד און קוקט שטאַר אין די פענסטער אַרײַן.

— אַ בלעכעל! איהר, אָרעמער אַלטער פרוי האָט מען אָבגענאַרט!... צוגענומען ביי איהר דרײַ גרויסע עפּעל!... דאָס איז שרעקליך! זי דאַרף עפּיס זעהן אַן עצה, לויפען שרײַען, איבערקעהרען די וועלט, זאָל מען איהר ראַטעווען...

נאָר באַלד דערמאָהנט זי זיך, אַז עס איז שוין פערפאַלען, דעם קונה וועט זי שוין קײנמאָל ניט טרעפען, די עפּעל האָט ער אויפגעגעסען און לאַכט איצטער...

זאָל עס בלייַבען גאָר אַזוי?... ניין, טהון מוז זי עפּעס, שילטען מוז זי, שילטען שטאַרק, מיט פייער, מיט גאַל.

און רייזע הויבט אָן:

— רבונו של עולם! זאָל ער דאָס אויסקריינקען...

די קללה איז אָבער ווענוג פיר אַזאַ גזלן. רייזע פיהלט עס. זי זוכט אין איהר רעפּערטואַר קללות עפּיס אַ שטאַרקע אַ ברענני-

דיגע, עס זאָל שנײַדען, נאָר פאַר כעס איז זי ווי צוטומעלט און קען ניט געפינען די נויטיגע קללה...

— זאָל ער געהרג'ט ווערען!... שיט זי אויס.

עס איז אָבער אויך גאָר נישט, זי האָט אַמאָל געהאַט אַ טײַערע קללה. פאַר איהם וואָלט זי זײַן אָנגעמאָסטען... וואו איז זי, די קללה?...

און רייזע גריבעלט זיך אין איהר אַלטען זכרון און זוכט...

אַהאַ! דערמאָהנט זיך!...

— שטיקער פלײש, רבונו של עולם, זאָל פון איהם פאַלען. שטיקער פלײש! לאָזט זי אַרויס הויך אויפ'ן קול.

הלואי! ענטפערט געלע, מיט כַּוָנה.

און די אַלטע רייזע בערוהיגט זיך...

II.

דער טרעגער.

הארט ביי א גרויסען מאגאזין, פארגארטעלט מיט א גראבען שטריק, וועלכער זאגט עדות, אז ער איז א טרעגער, שטעהט ער און קוקט. זיין בליק דריקט אויס פערצווייפלונג. עס איז שוין צוויי א זייגער און ער האט נאך קיין „אנהויב" ניט געהאט...

פערביי איהם טראגען זיך מענשען, טראגען איילענדיג, נישט קוקענדיג אפילו אין זיין זייט, ווי ער וואלט א סלופ געוועזען...

ער בעטראכט זיך, אז שטעהן אזוי איז קיין שכל ניט, מען מוז זעהן אנ'עצה, נאר די עצה איז אריינצוקוקען יעדען אין די אוי-גען, — געהען אבער אלע די אויגען אראבגעלאזען און ער קען קיי-נעם'ס בליק ניט חאפען.

ער ווערט צוהיצט און אויפגערעגט, הויבט די היטעל, רייבט די אויגען און עס ווילט זיך איהם אויסשרייען: „גזלנים", גיט חאטש א קוק אויף מיר, איך בין דאך א מענש!...

דעם געשריי דערשטיקט ער אבער אין הארצען און עס ווערט איהם נאך ערגער.

און ער נעמט זיך מיט זעהר כונה צו קוקען, אפשר וועט איהם אימיצער בעמערקען און א רוף טהון, אוועקטראגען א משא, ער בענגט אזוי נאך א משא, עפים א שווערען קאסטען זאל מען איהם געבען! ער וואלט מיט איהם געפלויגען, ווי דאס בעסטע פערד...

נאר קיינער בעמערקט איהם ניט, קיינער רופט איהם ניט, און מענשען זענען דא אזוי פיעל, אזוי פיעל! עס רוישט די גאס.

און פלוצים דערזעהט ער עפּיס און זיין פערצווייפלונג וואַקסט נאָך מעהר.

יענקיל דער טרעגער שפּאַנט אין מיטען גאַס מיט אַ גרויסען שווערען קאַסטען, פּונקט אַזאַ קאַסטען, נאָך וועלכען ער האָט ערשט געבענקט אַזוי.

מיט פינסטערע בליקען פון קנאה בעגלייט ער יענקיל דעם טרעגער און ברומט אַרוים קרעכצענדיג:

— אַזאַ קאַסטען! אַזאַ קאַסטען! אָט איז אַ מזל!...

II.

דער „רבי“.

איצטער איז ער אַ רבי בײַ גנבים. ער לערנט זײ אַלעמען, ווי אַזוי צו גנב׳נען. און די קלענערע גנבים זענען איבעראַשט פון זײַנע אײַנפאַלען, און דעם בעסטען חלק פון דער גנבה נעמט ער צו און לעבט גליקליך.

אַ מאָל איז ער אַן ערליכער שעהנער יונגעלע געווען, און זײַן אײנציגער חסרון איז געווען נאָר דאָס, וואָס זײַן טאַטע איז אַ שלים־מזל געווען און אין שטוב האָט אַלע מאָל געפעהלט ברויט.

פאַר זײַנע גנבים, די חברים, דערצעהלט ער אָפט אַזאַ עפּיזאָד פון זײַן קינדהײַט:

אַ מאָל, אַז איך בין אַכט יאָהר אַלט געווען, בין איך געקומען אַ זײגער צוויי פון תלמוד תורה אַ הונגעריגער אַהײם. „עסען!“ האָב איך אויסגעשריען גלײַך, אַרײַנלויפענדיג אין שטוב. די מאַמע האָט אַראָבגענומען אַ שטיקעל ברויט פון אַ פונט, אָבגעבראָכען אַ שטיקעל און מיר דערלאַנגט.

— גיב נאָך אַ שטיקעל, מאַמע! האָב איך זיך געבעטען.

— דאָס מײַן קינד, איז פאַר יאַנקעלען — ער האָט נאָך הײַנט גאָר נישט גענעסען.

איך האָב ניט געהאַט קײן העזה צו בעטען יאַנקעלעס חלק און האָב זיך בעגנוגענט מיט דעם שטיקעלע, וואָס איך האָב בעקומען.

אַז איך האָב אָבער דאָס שטיקעלע אויפגעגעסען, בין איך נאָך אַליין זאַט ניט געוואָרען, איך האָב אָנגעהויבען קלערען אַ

מיטעל ווי צו בעקומען נאך א שטיקעל ברויט, חאטש נאך איין ביס...

און באלד איז מיר דורכגעפלויגען א גליקליכער געדאנק. איך האט געשווינד א ריס געטהון דאס אויבערשטע קנעפעלע פון העמד און האב זיך געווענדט צו דער מאמען:

— מאמע, נעה מיר איין דאס קנעפעלע אין העמד, עס איז מיאוס, עס זעהט זיך דאס הוילע הארץ.

די מאמע האט מיר אוועק געזעצט און גענומען נעהען אויף מיר.

— מאמע! דו ווערסט דאך מיר פערנעהען דעם „זכרון״, גיב מיר עפיס קייען...

— גערעכט, מיין זוהן! האט די מאמע געענטפערט — ביזט א וואויל יונגעל דערפאר! נא, קיי דאס שטיקעל פאדים.

פון דעם נייעם דין איז מיר פינסטער געווארען אין די אויגען: אומזיסט אויסגעריסען א קנעפעלע, איך האב געמיינט, אז זי וועט מיר געבען קייען א שטיקעל ברויט... איהר פערשטעהט?...

אויף מארגען האב איך מיט א קונץ געגנבט אין א קרעמעל צוויי קוכען...

IV.

דער קעלנער.

אין דער נאַכט-קאַפע איז צום הערבסט-סעזאָן אָנגעקומען אַ ניַיער דאַמען-אָרקעסטער, וואָס איז בעשטאַנען פון זעקס פרײַלינס.

נישט קוקענדיג אויף די רעגענדע וועטערס, זענען זיי אַלע געגאַנגען געקלײַדעט אין אונשולד-וויַיסען. דער דאָזיגער אַנצוג האָט זיי זעהר געפאַסט. איבערהויפט אָבער האָט אין דעם וויַיסען אַנצוג בלענדענד-שעהן אויסגעזעהן די ערשטע פידלערין, אַ יונגע ברונעטין, וואָס האָט דיריזשירט שטעהענדיג ערהייד. הויך און שלאַנק, מיט דעם סמיטשיק אין דער האַנד, האָט זי אויסגעזעהן ווי אַ יונגע קעניגין, וואָס אַט אַט לאָזט זי אַרויס אַ בעפעהל, און אַלע, סיי דער ווירטה, סיי די קעלנערס, סיי די געסט וועלען זיך אַלאָז טהון צו ערפילען איהם. נאָר די דאָזיגע ברונעטין פלעגט נאָך יעדער שטיק זיך אַוועק-זעצען אויף איהר אָרט, איבערוואַרפען זיך מיט די קאָלעגינען איהרע מיט עטליכע ווערטער און פון צייט צו צייט וואַרפען רוהיגע גלייכע בליקען אויף די געסט.

די געסט, דאָס רוב יונגע לײַט, האָבען ניט געקאָנט אָבּרײַסען פון איהר זייערע בליקען. נישט איינער פון זיי האָט זיך ניט געוואַגט צוגעהן צו איהר און מכבד זיַין איהר מיט וויַין אָדער קאָניאַק, ווי מען פלעגט זיך אין דער דאָזיגער נאַכט-קאַפע נוהג זיַין מיט די ביזהעריגע שעהנע דיריזשאָרינס פון דער דאַמען-קאַפעליע. מאַנכע געסט, וואָס די בלענדענדע ברונעטין האָט זיי צופיעל בע-אונרוהיגט, האָבען צוגערופען דעם אָבער-קעלנער. אַ הויכער בלאָנ-

דין, מיט גרויסע, לאַנגע וואָנסען, אין אַ שוואַרצען פראַק, און איהם געפרעגט, אָנווייזענדיג מיט'ן בליק אויף דער פידלערין:

— ביטע זעהר, איזט זי צום האַבען?

דער קעלנער פלעגט אויפהויבען זיין בליק צום אָרקעסטער, זיך פערטראַכטען און ענטפערן ניט ווי זיין שטייגער איז, בייז און אויפגערעגט:

— אָ, ניין! גאָט בעהיטע!...

געוואוסט האָט אָבער דער קעלנער, אַז ער זאָגט דאָ אַ ליגען און ער דיענט דערמיט ניט עהרליך זיין ווירטה; פערקעהרט, זיין פפליכט איז זיך נעהנטער צו בעקענען מיט איהר, איבער־געבען איהר, ווי אַזוי זי פאַנגט הערצער, און פיהרען אונטערהאַנד־לונגען, פון וועלכע אי ער, אי דער ווירטה פון קאַפע זאָלען קאָנען פערדיענען.

נאָר דאָס ערשטע מאָל, זייט ער איז אַ קעלנער דענקט ער ניט פון טרינקגעלד און פון פערדיענסט. די דאָזיגע נייע געפיהלען בעאונרוהיגען איהם: „וואָס איז דאָס פאַר אַ קרענק?" טראַכט ער, און בעשליסט צוצוגעהן צו איהר, ווען זי געהט אַריין אין נאַרדע־ראָב־צימער, און איבערגעבען איהר דאָס, וואָס אַ קעלנער דאַרף איבערגעבען, אויב ער וויל זיין אַן עהרליכער, טרייער קעלנער...

אָבער זיין בעשלוס ווערט פערשוואונדען, ווען ער הויבט נאָר אויף זיין בליק און דערזעהט זי שטעהענדיג מיט דעם סמיטשעק אין דער האַנד און די אויגען פינקלען און לייכטען אַזוי רוהיג, אַזוי ריין...

— איזט זי צום האַבען? — שלאָגט איהם איבער מיט אַ פראַגע, אַ הויכער, דיקער גאַסט.

— אַבער ניין! וואָס זאַגען זי? — ווערט ער ווי בייז, און דערשרעקט זיך אַליין פאַר זיין טאָן.

דער ווירטה האָט איהם שוין אויסגערעדט, אַז די לעצטע צייט בעגעהט ער זיך ניט העפליך מיט די געסט.

— זי פערגעסען זיך! — האָט איהם דער ווירטה געטוסר'ט.

און ער האָט אויף זיך גענומען צו ווערען גוט און פרום און דערגעהן ביי „איהר", אויב זי „איזט צום האַבען".

און עס איז כדאי געווען צו דערגעהן: דער נייער גאסט איז געווען באראן ל י ע ב ע ר ה א ה ן, איינער פון די בעוואוסטע לעבע־קינדער אין ווין. פון אזא גאסט קאן מען גליקליך ווערען.

און ווען דער דאזיגער באראן איז צו איהם צוגעגאנגען און געפרעגט, ווייזענדיג אויף דער ברונעטין:

— איזט זי צום האבען?

האט ער, ווי וויים מעגליך, העפליך געענטפערט:

— גלייך ערפאהרע איך עס, הערר באראן.

די ברונעטין איז גראד ארוים אין גארדעראב־צימער צו פער־ריכטען איהרע האר. ער איז גלייך נאך איהר אריינגעגאנגען, און בלייבענדיג מיט איהר אליין, איז ער ווי צוטומעלט געווארען פון איהר בלענדענדער שעהנהייט.

— וואס ווילען זי, הערר „אבער"? — האט זי איהם גוט־מוטהיג געפרעגט, ארויפלעגענדיג איהר וואַרמע, ווייכע האנד אויף זיין נאקען.

— ביטע זעהר — האט ער זיך געמוטהיגט — פיעלע געסט זינד פאן איהנען בעצויבערט... אבער דאס איזט גאר ניכטס... אלע לומפען... באראן ל יעבערהאהן פראגטע, אב זי... אב זי צום האבען זינד...

— באראן ל יעבערהאהן... — האט זי מיט א קלינגענ־דער שטימע געענטפערט — א, יא! איך האבע פאן איהם געהערט... ער איזט ווירקליך זעהר רייך; ביטע זעהר. זאגען זי! פיר איהם בין איך צום האבען.

א שווארצער וואלקען האט פערדעקט דעם קעלנער'ס פנים, און ער האט אונרוהיג ווידער איבערגעפרעגט:

— צום האבען?... ווירקליך?...

— נון, יא! — האט זי געלאכט, — זאגען זי איהם, אום צוויי אוהר בין איך פריי...

— דאנקע זעהר! — האט דער קעלנער קוים ארויסגערעדט און איז ארוים.

— אלזא? — האט דער באראן געפרעגט, דערזעהענדיג איהם.

דער קעלנער האט שוין געוואלט ארויסרעדען זיין מיטטיילונג:

„צום האַבען״. נאָר עפּיס ווי דורך אַ כשוף האָט זיך די צונג אַ דרעה געטהון, אין די אויגען איז דונקעל געוואָרען און ער האָט גע־ענטפערט:

— וועלך פרעכעס קינד! פיר קײנען פאַ״...

דער באַראָן האָט קאָמיש אַראָבגעלאָזט די נאָז.

V.

צְוֵויי דורות.

I.

חַיִקעֶל דער אַלטער איז געוועֶן אַ פרומער יוד. מִיט דאַוונעֶן און לעֶרנעֶן איז ער נאָך נִיט יוצא געוועֶן; מעֶן דאַרף אויך עֶפִּיס טהון, און ער האָט טאַקי געטהון פאַר דער יודִישקייט. געזעהן האָט חַייִקעֶל, אַז יודען זעֶנעֶן מחלל שבת, האָט ער געמאַכט אַ חברה „שומרי שבת". און ער אַליין פלעגט אַלע פרייטאָג פאַר נאַכט נעה־מעֶן זיין גרויסעֶן גראָבעֶן שטעקעֶן, די רויטע טִיכעֶל אין קעשעֶנעֶ, די בּרִילעֶן אויף דער נאָז, און אַזוי אָנגעוואָפּעֶנט זיך לאָזעֶן אין מאַרק צווִישעֶן די קראָמעֶן און הייסעֶן „צומאַכעֶן".

— מאַכט צו, יודעֶן די קראָמעֶן! זעֶנט נִיט מחלל שבת!

פרומע יודעֶן פלעֶגעֶן פאָלגעֶן אויס מורא פאַר גאָט. שוואַכע יודעֶן — אויס מורא פאַר לייט און באַלד פלעגט זיך דערהערעֶן אַ קלִינגעֶן פון שלעֶסער און אַ קלאַפּעֶן פון קראָמעֶן־טהִירעֶן.

נאָר אַנ'עם הארץ אַ קרעמער פלעֶגט זיך אַ מאָל איינ'עקשנעֶן און פלעֶגט נִיט וועלעֶן פאָלגעֶן, פלעֶגט דאַן חַייִקעֶל איינשטעלעֶן זיין געזונד און שטעלעֶן זיך שלאָגעֶן מִיט איהם.

חַייִקעֶל אִיז אַ יוד אַ חלוש, אַ פחדן, אָבער ווי עס קומט צו חלול שבת ווערט ער אַ לייב, אַ גזלן, אַ רוצח...

II.

און אַנ'אייניקעל האָט חײַקעל — אַ „יעָנקעלע״, און יעָנקעלע איז גאָר, גאָר ניט פרום.

— אַנ'אַפּיקורס, גמור! אַזוי קלאָגט חײַקעל, קוקענדיג אויף זײַן אייניקעל. אַ מענש אָהן אַ ברעקעל אמונה — אַזוי מײַנט חײַקעל...

און יעָנקעלע איז טאַקי אַ „יעָנקעלע״, איינגעקויפט אויך אין אַ חברה... און יעָנקעלען, דעם דאָזיגען אַפּיקורס, קומט אוים אַ מאָל צו פיהרען דעם פרומען זײדענס ראָלע: געהן הײסען „צומאַכען״!...

און יעָנקעלע געהט צווישען פּאַטרולען, קאָזאַקען, דראַגונער און הײסט:

— מאַכט צו יודען! מאַכט צו! פײַערט דעם הײליגען טאָג!...

און יעָנקעלע קריגט אַ קלאַפּ מיט'ן פריקלאַד, אַ מאָל מיט'ן שטיק, אָבער ער פיהלט עס ניט. יעָנקעלע איז שוין אין אַ צווײטער גאַס און רופט:

— מאַכט צו יודען, מאַכט צו! פײַערט דעם הײליגען טאָג...

און דער זײדע זיפצט:

— אַז עס וואַקסט אָהן אמונה!...

VI.

גוטער הומאר אלס פרנסה.

אין דער קאוויארנע אין איינער פון דיווארשעווער יודישע האנדעלס-גאסען קומען יעדען טאג כמעט איינע און די זעלבע געסט, — די געזעלען פון די גרעסערע און רייכערע געשעפטען, וואס געפינען זיך אין דער דאזיגער גאס און אין דער סביבה.

די אלע געסט, קומענדיג אין דער דאזיגער קאוויארנע יעדען טאג צו צוויי דריי מאל, זענען איינע מיט די אנדערע בעקאנט, שמועסען שטענדיג צווישען זיך און פיהלען זיך דארט אלע זעהר היימיש.

אבער היימישער פיר אלע, וועניגסטענס אויפ'ן ערשטען קוק, פיהלט זיך דארט מנשה „דער געוועזענער בוכהאלטער". א מענש אין די מיטעלע יאהרען. אויף איהם קאן מען זאגען, אז ער איז אין קאוויארנע ניט א גאסט, נאר איינפאך א קווארטיראנט: ער וואהנט דארט דעם גאנצען טאג, ביז מען פערשפארט די קאוויארנע.

די ערשטע צייטען, נאכדעם ווען מנשה האט פערלארען זיין שטעל, אין וועלכע פיעל האבען איינגעטליך געצווייפעלט, צי ער האט זי גאר ווען א מאל געהאט, חאטש עס זענען געוועזען עדות, אז יא, — די ערשטע צייטען האט דער איינגענטהימער פון קאוויארנע, א דיקער יוד, און די איינגענטהימערין, אויך א הויכע דיקע יודענע, שטארק פעראיבעל געהאט, וואס ער קומט אזוי אפט און זיצט אזוי לאנג און פערנעמט נאר א פלאץ. שפעטער אבער האבען זיי מיט

זייער פּראַקטישען אויג דערזעהן, אַז אָט דער געוועזענער בוכהאַלטער, וואָס האָט אַליין קיין נראָשען בײַ דער נשמה ניט, ניט זיי אין פּלוג מעהר צו לעזען פאַר דעם רײַכסטען „געזעלען", און זיי זענען אַם ענדרע שלום געוואָרען מיט דעם, וואָס ער זיצט אַזוי לאַנג. ווי באַלד, אַז מען האָט אויך פון איהם פּדיון איז ער דאָך אַזאַ גאַסט ווי אַלע, טאָ זאָל ער זיצען געזונדטער־הייט.

אמת, ניט אַזוי גיך האָט מען פון מנשה'ן אָנגעהויבען צו לעזען. די ערשטע צײַט, דאָס איז שוין געווען זעהר לאַנג, האָט ער פאַר אַ גאַנצען טאָג אפשר אַ גלאָז טהעע געקאָנט אויסטרינקען. ער איז נאָך ניט געווען אַזוי פּאָפּולער צווישען די פּריקאַזטשיקעס, זײַן הומאָריסטישער טאַלענט איז נאָך ניט געווען פון יעדען אָנערקענט. הײַנט וואָס איז ווענעם דאגה, וואָס עס זיצט עפּיס איינער אין אַ ווינקעל. קיין פּסיחאָלאָגען זענען מענשען בכלל ניט, בפרט געזעלענס פון מאַנופאַקטור און אַנדערע געשעפטען. זיי דאַרף מען גוט אַ טרייסעל טהון, זיי זאָלען עפּיס דערפיהלען און אַ מאָל העלפט אַ טרייסעל טהון אויך ניט...

שפּעטער אָבער, אַז מנשה איז געוואָרען היימישער און זײַן בעקאַנטשאַפט מיט די געסט איז אַלץ גרעסער געוואָרען, האָט זיך ערשט גענומען אַרויסווײַזען זײַן פריעהליכער הומאָר און דאַמאָלס האָט דער בעל־הבית פון קאַוויאַרנע גענומען לעזען פון איהם פאַר קאַווע און טהעע, וואָס פּריקאַזטשיקעס מיט אָפענע קעשענעס פלעגען איהם פונדרעווען.

איינענטליך איז עס גרינג צו זאָגען: וואָס פּריקאַזטשיקעס פלעגען איהם פונדרעווען. ניט אַזוי גיך ווי עס רעדט זיך, פלעגט מען איהם פונדרעווען. פריהער פלעגט מנשה זיך צוזעצען צו אַ טישעל, וואו עס פלעגען זיצען אַ קאָמפּאַניע אין גוטען הומאָר און טאַקי דערצו פערדיענער; צוזעצענדיג זיך צו זיי מיט אַ מינע פון אַ גאַסט, וואָס האָט גאָר נישט בדעה עפּיס בײַ זיי צו פערלאַנגען, פלעגט ער זאָגען אַ וויץ און דוקא אַ גראָבען, עס זאָל די געזעלענס מעהר שמעקען. און אָט מיט אַ קלאַפּענדען האַרצען וואַרט מנשה אויף דעם איינדריק, וואָס זײַן וויץ מאַכט, און אויב ער מאַכט יאָ, דאַמאָלס ווערט ער שוין אויף אַנ'אמת פריעהליך; פערגעסט די ווײַב

און קינדער אין קעלער ערגיץ, פון וועלכען מען סטראשעט זיי שוין דריי מאָנאַטען אַרויסצוואַרפען, — און ער הויבט אָן שיטען אַ וויץ נאָך אַ וויץ. אַז די חברה פּריקאַזטשיקעס זענען שוין גאָר גוט פרעהליך, ווערט ערשט מנשה מוטהיג ווי עס דאַרף צו זיין און רופט אויס:

— נו, ווער הייסט געבען אַ גוטע גלאָז קאַווע?

עס פערשטעהט זיך, אַז נאָכדעם ווי די פּריקאַזטשיקעס ווערען פון זיינע וויצען אַזוי גוט אויפגעלעגט קאָנען זיי שוין ניט אַזוי גראָב זיין, און איינער פון זיי הייסט דאָס קאַפּע־מיידעל דערלאַנגען אַ גלאָז קאַווע פיר מ נ ש ה ' ן.

— פיר מנשה'ן! שרייען זיי אויס הויך, ניט מיט אַ כּוונה, חלילה, צו ווייזען זייער גוטהערציגקייט און ברייטקייט, נאָר כּדי די קעלנערין זאָל הערען, ווייל אין קאַוויאַרנע איז דאָס געטומעל זעהר גרויס, דעם אויסרוף אָבער הערען אַלע; צי מנשה שעמט זיך צי ניט, דאָס ווייס קיינער ניט, עס קאָן זיין אַז ער אויך ניט; אָבער אַז די גלאָז קאַווע ווערט געבראַכט, ניט ער אַ זאָג אַ פּאָר וויצען און דוקא ציניש, ספּעציעל פערפאַסט פיר דאָס מיידעל, וועלכעס זידעלט איהם כּלומר'שט אָב, אָבער עס געפעלט איהר. אַזוי, וועניגסטענס, ווייזט אויס מנשה'ן און ער ווענדעט זיך שוין צו איהר מיט אַ ברייטקייט:

— און אַ פּוטער־ברויט בּיזטו חולה צו ברענגען? נישקשה, דער הער מירמעלשטיין איז אַ גוטער ברודער...

און דאָס מיידעל ניט ענטפערענדיג, ברענגט גלייך אַ פּוטער־ברויט.

אָבטרינקענדיג דאָס גלאָז קאַווע, און אָבעסענדיג דאָס פּוטער־ברויט, דערמאָהנט ער זיך אָן קעלער, אָן ווייב און קינדער. ער וואָלט וועלען זיך פאַנאַנדערוויינען אויפ'ן קול, עס הויבט איהם אָן דאָס האַרץ אַזוי צו דריקען, ווייגען ווייס ער אָבער איז אַ סכּנה, וואָס האָט מען היינטיגע צייטען פאַר טרערען — מען פעראַכטעט נאָר, און ער שטאַרקט זיך צו פערטרייבען די שרעקליכע בילדער פונ'ם קעלער און ווערד ווידער פרעהליך, זאָגט אַ וויץ נאָך אַ וויץ ביז עס

נעלינגט איהם צו בעקומען ערגיץ א גמילות חסד — 20 קאפעקען. דאס טראגט ער שוין אוועק א היים. לאנג אבער זיצט ער ניט אין דער היים, דארטען איז אזוי שרעקליך טרויעריג; ער קאן דארט קאליע מאכען זיין הומאר, פון וואס-זשע וועט ער דאן לעבען?...

און ער אנטלויפט צוריק אין דער קאוויארנע, און שיט אוויץ נאך א וויץ...

VII.

דער חשד.

זינט איהר מאן בענדעט דער שניידער איז אין אמעריקע, שיקט ער איהר אלע חודש 25 רובעל. זי וואלט געלעבט מיט דעם געלד גליקליך, זעקס רובעל מיט א פירטעל א וואך איז אנ׳עשירות, מען קען נאך קלויבען: קינדער האט זי אין גאנצען צווי, א „וויר־טהין" איז זי איינע אין שטעדטעל, לאיבוד געהט ביי איהר גאר נישט, זי וועט קיינמאל קיין צובראכען טעפעל ניט ארויסווארפען, נאר איינדראטעוועין און טאקי אליין; וואס איז אבער די פעולה, אז מיט געלד אליין לעבט מען נישט, מען דארף דערצו האבען א שטיקעלע מזל.

און דאס דאכט זיך איהר פעהלט איהר.

איהר דאכט זיך נאר, אויף געוויס ווייס זי נישט. אבער דאס דאכטען זיך איז איהר ערגער, ווי דער געוויס.

וואלט זי וויסען געוויס, אז ער האט דארט א „דייטשקע", וואלט זי איהם געשריבען, אז זי דארף ניט האבען זיינע געלד, זי וועט גרעט וואשען, און וועט זיך מפרנס זיין, נאר ער זאל איהר שיקען א גט און זאל ער זיך שלאגען מיט דער דייטשקע קאפ אן וואנד.

געוויס אבער ווייס זי ניט, נאר „מען זאגט"!

שטעדטעל רעדט, רעדען זאלען זיי פאר פייער!...

היינט געה מאך א ספראוויקע, אז יענער איז סך הכל ערגיץ אין באסטאן, אוש אין די דריטע אמעריקע זיך פערשלאגען... און

אַט דאָס פערשלאָגנען זיך אַזוי ווײַט פערשטאַרקט נאָך מעהר דעם חשד.

פאַר וואָס וואהנסטו ניט אין „ניירק", וואו אַלע יודען וואהנען, וואו כמעט אַ האַלבע שטעדטעל וואהנט? וואו עס איז דאָ, ווי מען דערצעהלט, רבנים, בתי מדרשים און מקוות, להבדיל, פונקט ווי בײַ אונז!

אין „ניירק", וואלט זי זיך געווענדט צו בעקאַנטע, צום רב. פרעגען, אַרום און אַרום אַז ער זאָל ניט וויסען, וואָס איז מיט איהם דער מעהר. „ניירק" איז אַ יודישע שטאָדט, אין באָ-סטאָן אָבער איז קיין איינציגער בעקאַנטער ניטאָ, און אַ רב — ווער ווייס צי ער איז דאָ, און ווי אַזוי שרייבט מען צו איהם...

ווי אַזוי אָבער ווייס מען אַז ער האָט אַ דײַטשקע, אַז קיין איינציגער פון שטעדטעל איז דאָרט ניטאָ?

דאָס פאַרגרינגערט איהר דעם חשד. קיין סודות איז אפילו ניטאָ — אַלץ ווייס מען — פון דעסטוועגען דאַרף מען דאָך האָבען איינעם, ווער עס זאָל דעם סוד אויסזאָגען.

ער איז אפילו אַמאָל געווען צו גאַסט אין ניירק. ער האָט איהר דערפון געשריבען. אפשר האָט ער זיך דאָרטען אויס-גערעדט פאַר אַ בעקאַנטען, און יענער האָט עס דער ווייב געשריבען אַ היים...

עס איז געוויס צו גלויבען... אַנדערש קען דאָס ניט זיין — קיין בעל סוד — געדענקט זי — איז ער קיינמאָל ניט געווען...

האָט זי שוין געמאַכט אַ „ספּראַווקע" בײַ אַלע ווייבער, וואָס זייערע מאַנען זענען אין אַמעריקע. אַלע אָבער האָבען אָבגעלייקענט. דאָס הייסט ניט אָבגעלייקענט, אַז איהר בעגדעט לעבט ניט מיט אַ דײַטשקע, דאָס האָבען זיי דוקא ווי בעשטעטיגט מיט אַלערליי האַלבע ווערטער און שמייכעלם, יעדע בעזונדער האָט נאָר אָבגעלייקענט, אַז איהר האָט דער מאַן דאָס ניט געשריבען, נאָר מען ווייס...

פון וואַנען? ווי אַזוי? געזעהן אַ ביסעל, מען ווייס!... זאָלט איהר ניט וויסען פון וואַנען צו לעבען!... צופלאַצט קען מען פון זיי ווערען...

נאָר שילט היינט, שילט מאָרגען, אַז קיין טאָלק קען מען ניט דערגעהן, און דער חשד וואַקסט ביי איהר אין הארצען, ווי אַ באַרג...

נאָר אין גאַנצען אויסגערעכט איז זי ניט. אמת בריעף שרייבט ער איהר אַלע וואָך, אָבער קורצע און עפּיס צו קאַלטע. סטייטש, ער איז — געדענקט זי — געוועזען, אַמאָל אַזאַ ברען!... ער פלעגט אַמאָל אין מיט'ן נעהען אַ וועקלעגען דעם אַרבעל, און נעמען זי גאָר קושען. זי פלעגט זיך ניט לאָזען... האָטש וועלען האָט זי זעהר געוואָלט... איצטער וואָלט זי שוין קליגער געוועזען... אַז מען איז אַ קליין־שטעדטעלדיגע! פאַר דעם אייגענעם מאַן שעמט מען זיך...

נישקשה — גיט איהר אַ קלאַפּ אין קאָפּ — די דייטשקע לאָזט זיך קושען...

און ביי דעם געדאַנק ווערט זי שוין זיכער, אַז ער האָט ווים אַ דייטשקע, זי זעהט זי אפילו פאַר די אויגען: אַ הויכע, אַ קלאָרע, מיט בלאָנדע האָר און רק זי לאַכט (לאַכען זאָל זי מיט בלוט, רבונו של עולם!...)

און זי חאַפּט לעזען אַ לעצטען בריעף פון איהם, וועלכען זי קען שוין אייגענטליך, פון פיעל לייענען אויסווייניג...

האָבגעשעצטע פרוי...

אַלץ „האָבגעשעצטע” — קלעמט איהר דאָס האַרץ — זאָל ער אַמאָל שרייבען — ליעבע פרוי, ווי לייטישע מאַנען... געפינט זי פלוצים אַ נייעם צוטשעפּ, און קען שוין ווייטער ניט לייענען.

איך אפילו — וויל זי זיך דאָך בערוהיגען — שרייב איהם אויך האָבגעשעצטער געמאַהל...

„טאַקי אַ נאַרישקייט”, מאַכט זי זיך פאָרווירפע. וואָס איז די חרפה, אַז איך וואָלט איהם געשריבען, ליעבער געמאַהל?... עס איז נאָר אַ געוואָהנהייט...

און מיט אַ האַרץ פול מיט ליעבע, זעצט זי זיך שרייבען גלייך אַ בריעף, האָטש זי האָט איהם ערשט אייערנעכטען אַ בריעף אַוועקגעשריבען און זי הויבט אָן: „צו מיין ליעבען געמאַהל בענדעט זאָל לאַנג לעבען”...

און דער נייער טיטעל ערוועקט אין איהר נייע געפיהלען,

אינהאלט:

די געשיכטע פון א קראם . . . 157
די שליפעם 164
פיט צעהן פונט וועניגער . . . 169
די ארימע קהילה 177
די קנעטערין 184
דער שמעק טאבאק 189
דער פערביטערטער 198
קאלט 207
איוב 211
צוריק אויף דער שטעלע . . . 216
דער אלטער טשעסלער . . . 223
דער אלטער ארבייטער . . . 228
ווען עסט חיים א בייגעל . . . 236
דער אורח 240
בולקעס 244
צוויי תקיעות 249
דער קדיש 256
א דראמע 262
דער שכור 289
זוך מאום געמאכט 274
ראטשילד און ראקפעלער . . . 280
צוויי שוועסטער 285

מיניאטורען.

די קללה 297
דער טרעגער 300
דער רבי 302
דער קעלנער 304
צוויי דורות 308
גוטער הומאר 310
דער חשד 314

נייע פערלאַנגען, און אין מיטען רייסט זיך ביי איהר אַרויס אַ פראַזע:

זאָלסט וויסען בענדעט, אַז איך קען שוין מעהר ניט אויסהאַלטען, איך בין שוין אין דער „דער", איך האָב שוין קיין כח ניט זיך אומצושלעפען. קום אַהיים, אָדער נעם מיך צו דיר, וואָרום...

אָבער ביין „וואָרום" ווערען די אויגען פול און זי קען מעהר ניט שרייבען.

און דער חשד וואַקסט און וואַקסט ווי אַ שוואַרצער באַרג...